STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10536

# SHRIFTEN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שריפטן

## ערשטעס זאַמעלבוך

פערלאג: „אמעריקא"
1912

ISRAEL CENTER OF HILLCREST MANOR

ערשיינט אין 300 עקזעמפלאַרען.
פאָדערבלאַט געצייכענט פון ז. מאוד.
געדרוקט אין „עגייט פרינטינג קאָ.“.

אינהאַלט: דוד איגנאַטאָוו — דער גבור; וואלט וויטמאַן — Salut au Monde (אידיש פון י. שוואַרץ); ר. אייזלאַנד — די יונגע; זישאָ לאַנדוי — 1) דערנער, 2) מידעלשע געזאַנגען; מאַני לייב — פון די ליעדער: „אבענד און נאַכט“; י. אָפּאַטאָשו — אַ ראָמאַן פון אַ פערד גנב; נאָטיצען — „אונזער קריטיק“, די „אַלטע“ און די „יונגע“, דר. חיים זשיטלאָווסקי, ערקלעהרונג.

דוד אײגנאַטאָװ:

# דער גבור

אונ יפתחַ פֿון גלעד איז געװען אַ שטאַרקער גבור, און ער איז געװען דער זוהן פֿון אַ זונה.

(שופטים, י׳ א׳.)



# א.

וועלט איין, וועלט אויס.

און אמאָל איז געווען א גבור.

און דער גבור האָט געוואוינט מיט זיין טאָכטער אין זיין ווייס געצעלט אויף א הויכען בארג, צווישען הויכע פּאַלמען.

און אויפ'ן שפּיץ פון דעם בארג איז געווען א הויכער פעלז.

און אויפ'ן הויכען פעלז איז געשטאַנען א פּיערעקיגער טורעם, וואָס איז געווען ארומגעשטעלט מיט בלאַנקע שווערדען און שפּיזען.

און אויפ'ן שפּיץ פון פּיערעקיגען טורעם האָבען זיך צושפּרייט דריי גאָלדענע פיילבויגען, פון וועלכע עס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך א טורעם, א רונדער, א שפּיציגער.

און דער רונדער שפּיציגער טורעם האָט זיך פערשניטען מיט זיינע שארפע שפּיזען און מיט זיין הויכען שפּיץ גלייך אין הימעל אריין.

און אויף דעם הויכען שפּיץ פון דעם אויבערשטען טורעם איז געשטאַנען א ווייסע טויב מיט א גרינעם בלאַט אין מויל.

די טויב האָט דער גבור געהייסען ארויפשטעלען אויף זיין טורעם נאָך דעם, ווי ער מיט זיינע פרייע מחנות האָבען אָנגעוואָרפען א שרעק אויף די אַלע ארומיגע ווילדע שבטים, עס זאָל הייסען:

„פריעדען הערשט אין לאַנד“.

עס זאָל הייסען:

„ער גלויבט אין דעם גערעכטען גאָט — יהוה, — אין דעם גאָט,

וואָס האָט געשוואָרען צו זיינע עלטערען, מעהר ניט צו ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט. —

„און מיט דעם שווערט דער גבור צו די אַנדערע שבטים, מעהר ניט אַנצופאַלען אויף זיי."

און רוה און פריעדען האָט געהערשט אין דער גאַנצער בערגיגער געגענד, וואָס אַרום דעם באַרג.

רוהיג און פריעדליך פלעגט זיך טראָגען אין דער טיעפער בערגיגער נאַכט דאָס געזאַנג פון די פּאַסטוכער:

עס איז דאָ אַ גערעכטער גאָט
אין הימעל.
עס איז פאַראַן אַ גרויסער גאָט
אין הימעל.
עס איז פאַראַן אַ גרויסער מאַן —
אונזער גבור.
עס איז פון אַלע גרעסער, שטאַרקער —
אונזער גבור.
ער האָט ליעב זיין פאָלק, ווי זיין טאָכטער —
זיין שושנה.
ער האָט ליעב זיין פאָלק, ווי זיין טאָכטער —
זיין שושנה —
זיין שושנה — — — —

און דאָס געזאַנג פלעגט זיך איבערוועבען מיט'ן שפּיעלען אויפ'ן פייפעל, מיט'ן קלאַפּען אין בלעך, מיט'ן טאַנצען און אַרומנעמען זיך פון די חברים מיט די חבר'טעס און מיט'ן זיידענעם גערויש פון די לאַנגע טייכען, וואָס האָבען צופריעדען געטראָגען זייערע בלויע וואַסערען איבער דעם רייכען פעטען לאַנד.

און אַרום די צולייגטע פייערען פלעגען זיך צונויפקומען די קריעגער און פלעגען זיך פריעדליך דערצעהלען וועגען זייער גבור.

און זיי פלעגען זיך דערצעהלען פון יענער צייט ווען זייער גבור איז נאָך געווען צווישען די בערג פון גלעד.

און ער איז געווען דער ליעבסטער זוהן פון דעם הערשער און שופט־גלעד.

און ער איז פון דאָרטען פערטריבען געוואָרען.

און פונקט דאַן, ווען ער איז געקומען פון אַ זיגרייכער מלחמה.

און דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק און זיינע ברידער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם עלטסטען ברודער, וואָס האָט זיך גענומען רופען „אבי בעל" האָבען גע'טענה'ט:

„ער איז ניט פון דעם הערשער'ס ערשטער ווייב.

„און מיר ווילען ניט, אַז אַ זוהן פון אַ פרעמדער זאָל אויף אונז קעניגען!"

„ער איז דער זוהן פון אַ פרעמדער! פון אַ זונה !— האָבען זיי געשריען מיט זייערע העלזער אין אַלע גאַסען.

און שטיל, ביי זיך אין הארצען, האָבען זיי געדענקט:

„ער איז דער, וואָס לאַכט און שימפּפט פון דער עשתורת, פונ'ם בעל און פונ'ם מולך, די גוטע געטער, וואָס מיר נעמען איבער פון די שטאַרקע עמונים.

„און ער רופט אונז נאַראָנים.

„און ער רופט אונז זינדער.

„און ער נעמט אין זיינע מחנות ניט אַריין קיינעם פון אונז, וואָס גלויבט אין די געטער."

*

און עס ווערט דערצעהלט:

„און עס איז געווען אין מיטען דער נאַכט.

„און זיין געוועהר־טרעגער, דער גוטער רמליה, האָט איהם פּלוצלינג אויפגעוועקט:

„גבור, שטעה אויף!

„דאָס פערד איז שוין געזאָטעלט!

„לויף שנעלער פונ'ם ווינד!

„לויף! און זאָלען דיר די גרענעצען פון גלעד אנטקעגען שפּרינגען!

„און זאָלען זיי בלייבען ווייט הינטער דיר.
„לויף! און זאָל דיין פּנים ניט קוקען אויף הינטען.
„דיינע גיטער זיינען אין פייער!
„דיינע ווייבער געשענדט אין מיטען מארק!
„דיינע קינדער געטוידט!
„דאָס פאָלק איז צוריצט.
„עס האָט פערגעסען אינ'ם גוטס, וואָס דו האָסט פאַר איהם געטהאָן.
„לויף, לויף!
„איך וועל דיך שפּעטער אָניאָגען."

*

די בלויע נאַכט האָט זיך דאַן צושפּיעלט מיט'ן שיין פון די שטערען און פון דער פולער לבנה.

און דער גבור איז געלאָפען אין דער נאַכט אויף זיין שנעלען רויטען פערד.

און ער האָט זיך מיט זיין שווערד דורכגעריסען דורך די מחנות קריעגער, וואָס האָבען איהם געזוכט און וואָס זיינען אויף איהם אָנגעפאַלען.

און ער איז אויף זיין פערד איבערגעשוואומען דעם, מיט לבנות פערשפּיגעלטען, טייך ארנון.

און מען האָט איהם נאָכגעיאָגט.

און ער איז ווייטער געלאָפען.

און ער איז געלאָפען אזוי לאַנג און אזוי שטאַרק ביז דאָס פערד איז אונטער איהם געפאַלען.

און עס איז געווען, ווען דאָס פערד איז אונטער איהם געפאַלען, האָט זיך אויף איינעם פון די בערג צו איהם בעוויזען אברם — דער גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד.

אין איין האַנד האָט דער גרייז געהאַלטען א הויכען שטעקען.

און מיט דער צווייטער — פאַר'ן צוים — א גרויסען, שווארצען פערד.

און דער גרייז האָט צו איהם אזוי געזאָגט:

„דאָס פערד איז צו דיר.
„און דו זאָלסט שטענדיג געדענקען אין דעם אמת'ן גאָט.
„ער איז דיין בעשיצער.
„און ער וועט דיר העלפען.
„און דו וועסט נאָך ווערען דער שטאַרקסטער צווישען די אידען.
„און דו זאָלסט זיי ניט געדענקען דאָס שלעכטס!" —

*

לאַנג האָט דער גבור געוואָנגעלט אליין צווישען די בערג.

און דער גבור האָט געליטען הונגער און קעלט, ביז רמליהו איז צו איהם געקומען מיט אַ מחנה קריעגער.

און רמליהו האָט איהם אויך מיטגעבראַכט זיין קינד, זיין שושנה, דאָס איינציג איבערגעבליבענע פון זיין הויזגעזינד. —

און נאָך דעם האָבען זיך אַרום דעם גבור צונויפגעקליבען אַלץ נייע און נייע קריעגער.

אַזעלכע, וואָס האָבען שוין ניט איינמאָל געזיגט אונטער זיין פיהד־רערשאַפט.

און אַזעלכע, וואָס זיינען ביז דאַן אומגעגאַנגען פוסט און לעדיג און אַז זיי האָבען דערהערט פון דעם גבור'ס גרויסקייט האָבען זיי זיך פער־טראַכט וועגען דעם גערעכטען גאָט יהוה. און זיי האָבען זיך פאַר שווערד און בויגען גענומען און זיי האָבען זיך אַן איהם אַנגעשלאָסען און זיינען מוטהיגע קריעגער געוואָרען.

און עס ווערט אויך דערצעהלט, ווי זיי האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די ווילדע שבטים.

און פון די גבורות, וואָס דער גבור האָט דערביי אַרויסגעוויזען.

און נאָכדעם האָבען זיי בעזעצט און בעפעסטיגט דאָס לאַנד.

און אויף דעם פּלאַץ, וואו דער גבור האָט זיך בעגעגענט מיט'ן גרויסען גרייז און פון איהם געקראָגען זיין שוואַרצען שלאַכט־פערד, שטעהט איצט דער בלאַנקער טורעם מיט דער ווייסער טויב אויפ'ן שפּיץ.

... אַזוי פלעגט זיך זינגען און דערצעהלען אין דער טיעפער נאַכט.

און דער הימעל פלעגט זיך דערביי שפּרייטען הויך און ווייט אַריבער דער וועלט, ביז אַריבער די ווייטסטע בערג, ביז אַריבער דער גרויסער, ווייטער סטעפּ, וואָס איז לינקס צו דער מדבר.

און דער הימעל איז אין יענעם לאַנד בלויער ווי אויף דער גאַנצער וועלט. און די לופט איז דאָרט ווי דער הימעל בלוי, און איז ריין און דורכזיכטיג־דין.

מען קען אין דער נאַכט צעהלען די בוימער פון די וועלדער, וואָס אויף די נאָהענטע און ווייטע בערג.

... און די שטערען זיינען דאָרט גרעסער ווי אויף דער גאַנצער וועלט, און זייער שיין פלעגט זיך שפּינען, ווי אַ דורכזיכטיג־ווייסע דעק, איבער די טשערעדעס שאָף און רינדער, וואָס זיינען געווען צוואַוואָרפען אויף מיילען און מיילען, צווישען די בערג און אין די טהאָלען.

און פלעגט טרעפען — אויף איינעם פון די גאָר ווייטע בערג פליהט אַרוים פון וואַלד אויף זיין פלינקען פערד אַן עמוני, זיך נאָכיאָגענדיג נאָך אַ הירש, צו נאָך אַן אינד און די קריעגער דערזעהען אין דער דורכזיכטיגער בלויקייט ווי חוצפה׳דיג שנעל דער עמוני יאָגט זיך דאָרט אויפ׳ן באַרג, אַרויף נעבען די שטערען, ווי ער דערגרייכט דאָרט די חיה, ווי ער כאַפּט זי מיט זיין שפּיז — און זיי קוקען זיך אום און זיי שמייכלען זיך איבער מיט אַנגעצונדענע אויגען...

און זיי דרעהען אוים זייערע קעפּ צו זייערע פערד, וואָס פּיטערען זיך ניט ווייט פון זיי.

עס נעמט זיי אָן אַ ווילדער חשק אַרויפצושפּרינגען אויף די פערד, און ניט ווילענדיג פלעגען זיי הויבען זייערע אויגען הויך אין דער נאַכט אַרויף צום שפּיץ באַרג, צום בלאַנקען טורעם, צו דער ווייסער טויב —

און דער טויב׳ס קעפּעל איז אויסגעצויגען, די פליגלען זיינען פאַרנאַנדערגעלאָזען.

עס דאַכט זיך, די ווייסע טויב איז נאָר וואָס אַנגעפלויגען און וויל זיך דאָס ערשט אַראָבלאָזען אויפ׳ן שפּיץ, אָדער אַז זי לאָזט דאָס ערשט פאַרנאַנדער איהרע פליגלען אויף אַוועקצופליהען. — — — —

## ב.

און רוה און פריעדען האָט געהערשט צווישען די קריעגער.

נאָר ניט רוהיג איז געווען דער גבור אליין. עפּעס ווי גרעסער און ווי ווילדער זיינען געוואָרען זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגען.

און די לאַנגע, געקרויזטע פּאַסען פון דעם גבור'ס באָרד האָבען גענור־מען אויסזעהן ווי שוואַרצע שלאַנגען — וואָס האָבען זיך בייז איינגעביסען אין זיין ברוינעם פּנים.

און אָפטמאָל, פאַר נאַכט, ווען די זון פלעגט אָנצינדען זיין הויכען, שטאָלצען טורעם, מיט די טויזענדער שווערדען און שפּיזען, פלעגט זיך אין זיין הארצען מיט אמאָל אָנצינדען אינגאַנצען דער כעס און די ליעבע צו זיין פאָלק, וואָס האָט איהם פון זיך פערטריבען.

און אַ בענקען פלעגט דאַן איהם שווער אַרומנעמען.

און עס פלעגען זיך שטייף אָנציהען די אָדערן פון זיין ריזיגען לייב.

און איהם פלעגט זיך פערגלוסטען צו ראַנגלען זיך מיט עפּעס וואָס איז ווילד און מעכטיג.

און ער פלעגט זיך דאַן הייסען דערלאַנגען זיין שלאַכט־פערד.

און ווי נאָר מען פלעגט צו איהם צופיהרען דאָס גרויסע שוואַרצע פערד, פלעגט ער דאָס מיט כעס אַ נעם טהאָן פאַר'ן צוים.

און דאָס פערד פלעגט צושראָקען אויפשפּרינגען אויף די הינטערשטע פיס, ריזיג, צורייצט און ווילד.

און דעם גבור פלעגט זיך פערוועלען דאָס אַרומנעמען מיט זיינע שטאַרקע הענד און זיך מיט דעם אַראָבוואַרפען טיעף, פון באַרג.

און דאָס פערד, שטעהענדיג מיט'ן קאָפּ אין דער לופטען, נעמט זיך ווילד רייסען, אָט דאַכט זיך שפּרינגט עס אַרויף אויפ'ן גבור, נאָר דעם גבור'ס האַנד איז זיכער און שטאַרק.

און נאָך איידער דאָס פערד בערוהיגט זיך, כאַפּט זיך דער גבור אויף איהם אַרויף.

און דאָס פערד טראָגט זיך מיט איהם אַוועק איבער דעם ברייטען, ווייסען וועג, וואָס זעהט אויס ווי אַ ווייסע בריק, וואָס בויגט זיך איבער באַרג און טהאָל.

און דאָס פערד פליהט און טראָגט זיך, אַזוי ווי אונטער איהם וואָלט די ערד געברענט.

און די לופט צוררייסט זיך שאַרף פאַר'ן פערד און פאַר'ן גבור'ס בראָנז־ברוינעם פּנים.

און די לופט צוררייסט די געקרויזטע פּאַסען פון'ם גבור'ס צוואַוואַק־סענער, שוואַרצער באָרד.

און עטליכע פּאַסען פערפליהען אַריבער זיין הויכען אַקסעל.

און עטליכע פּאַסען פערפליהען אַרונטער זיין שטאַרקער האַנד.

און די לופט רייסט זיך אַלץ שטאַרקער, רוישט אַלץ הילכיגער אין דעם גבור'ס אויערען.

און דער גערויש דערמאָנט איהם אָן דעם גערויש פון די וואַסערען, וואָס פאַלען פון די היימישע בערג.

און דער גבור ווערט נאָך צורייצטער.

און זיינע צובליצטע אויגען צוברענען זיך נאָך טיעפער.

און נאָך מיט מעהר כעס שפּאַרט דער גבור אונטער דאָס פערד.

און דער גבור גיט זיך מיט זיין גרויסען קערפּער אַ בויג צום פערד'ס קאָפּ:

און אויפ'ן פערד גיט אַזש די פעל אַ ציטער.

און דאָס פערד ציהט זיך אויס נאָך לענגער.

און דאָס פערד נעמט זיך טראָגען אַזוי, אַז די ערד שפּרינגט איהם אַנטקעגען.

*

אויף איינעם פון די ווייטע בערג שטעלט דער גבור אָב זיין פערד.

און דאָס צוהיצטע פערד איז באדעקט מיט א געדיכטען ווייסען שוים, און עס זעצט פון דעם א גרויסע פּאַרע.

און אין טהאָל איז שוין טונקעל.

און די פּאַרע פאַרבט זיך מיט גאָלד און מיט רויט פון דער זון'ס שטראַלען, וואָס האַלטען זיך נאָך אויף די שפּיצען פון די בערג.

און דער גבור און זיין פערד זעהען זיך פון דער הויך ווי אין א גאָלדענעם, אין א רויטען וואָלקען.

פון דאָרט זעהט דער גבור זיין ווייטע היים, די שפּיצען פון גלעד, די בערג, אויף וועלכע ער איז אויסגעוואַקסען.

און ער דערזעהט זיך דאָרט א קינד און א אינגעל, א יונג און א דער־וואַקסענער.

און אָט לויפט ער דאָרט אויף זיין רויטען פערד, וואָס דער טאַטע האָט איהם געשענקט.

און ער שפּרינגט מיט איהם פון איין באַרג אויפ'ן צווייטען.

און עס דאַכט זיך איהם, איין באַרג בויגט זיך צום צווייטען, און ער שפּרינגט מיט זיין רויטען פערד פון איין שפּיץ אויפ'ן אַנדערען.

און נאָכדעם — די מלחמות. — —

ווי פאַר יעדער מלחמה פלעגט איהם דער טאַטע בענשען און אָנזאָגען:

„געדענק, מיין קינד, דו געהסט מלחמה האַלטען אין דעם נאָמען פון דעם גערעכטען גאָט, פאַר דיין פאָלק און פאַר דיין לאַנד."

און נאָך די מלחמות „פאַר'ן פאָלק", „פאַר'ן לאַנד" האָט מען בע־וואָרפען מיט שטיינער, מיט געשרייען: „בן זונה! בן זונה!"

און אָט שווימען פאַר איהם אַרויס די וויינגערטנער פון זיין ברודער אבי־בעל...

און דער גרעסטער פון די וויינגערטנער איז פערשפּרייט און פער־האַנגען מיט טייערע טעפּיכען און מיט פעל פון הירשען, און מיט פעל פון טיגערען, און פון לייבען און פון לעמפּערטען.

און די פעל קוקען ווי לעבעדיגע.

און עס איז אין מיטען פון דער סעודה פון וויין.
און דער ברודער אבי־בעל שטעהט אויף.
און ער איז גרויס און שטאַרק, ווי אַלע פון דעם טאַטענ'ס קינדער.
און ער נעמט מיט פייער ריידען.
און מיט תאוה און מיט שכרות קלינגט זיין קול.
און מיט תאוה און מיט שכרות גלאַנצען זיינע אויגען.
און זיין ריידען איז זינד.
און ער רעדט און ער רייצט דאָס פאָלק צו זינד.
דאָס פאָלק, וואָס זינקט און זינקט אין זינד.
און ער מאָהלט פאַר זיי די עשתורת, די מוטער פון דעם גאָט מולך, וואָס זי האָט געבוירען צו בעל.
„און יעדען מאָל ווען דער מולך דאַרף ווידער געבוירען ווערען בעװייזט זיך די נאַקעטע, ווי פון זון געוועבטע עשתורת.
„און ווי נאָר עס קומט דער אבענד נעמט זי שוועבען איבער די צייטיגע פעלדער, וועלדער און וויינגערטנער.
„און נאָך איהר לויפען נאָך איהרע טענצערינס.
„און זייערע צאַפּעלדיגע לייבער זיינען פול מיט גלוט און פלאַם.
„און אויך זיי זיינען אָנגעטהאָן בלויז אין זייער אייגענער שעהנקייט.
„און זייער שעהנקייט גליהט און ברענט.
„און זייערע האָר זיינען נאַכט.
„און זייערע אויגען זיינען ליכטיגע שטערען.
„און דער, וועמעס קאָפּ עס האָט ווען גענעכטיגט צווישען זייערע ציטערדיגע בריסטען,
„און דער, וועמעס האַלז עס איז ווען געווען ארומגענומען פון זייערע רונדע, ווארימע הענד.
„און דער, וועמעס לייב עס האָט ווען געפיהלט די ווארימקייט פון זייערע פלאַטערנדע לייבער,
„און דער, וואָס איז ווען געקושט געוואָרען פון זייערע הייסע ליפּען,
„ — — דער וועט דאָס שוין קיינמאָל אין לעבען ניט פערגעסען.
„און שטענדיג און אייביג וועט ער דאָס געדענקען.

„און שטענדיג און אייביג וועט זיך איהם נאָך דעם אויסדאַכטען — ער ווערט פון דער שעהנער טענצערין ארומגענומען.

„און ער ווערט פון איהר געהאַלזט,

„און ער ווערט פון איהר געקושט.

„און זיין קאָפּ וויעגט זיך צווישען איהרע שעהנע ברוסטען,

„און דער אָטהעם פון איהר שעהנעם מויל און פון איהר נאָז וועט אויף איהם שטענדיג פאַלען ווי א זיסער טהוי, וואָס קושט און ווארימט און שמעקט מיט די ריחות פון לבנון, פון שניר און פון חרמון.

„און אפילו א מינוט פאַר'ן טויט וועט ער דאָס ניט פערגעסען.

„און אפילו ווען זיין לייב זאָל אין שטיקער צושניטען ווערען, וועט נאָך לאַנג יעדער שטיק פלייש בעזונדער געדענקען, וועט נאָך לאַנג יעדע שטיק בעזונדער געקושט ווערען פון דעם געפיהל, וואָס האָט דורכגענומען זיין לייב, ווען ער איז געוועזן מיט דער טענצערין, מיט דער טענצערין פון די טענצערינס פון דער געטליכער עשתורת.

---

„און די געטליכע עשתורת קומט אַן אין איינעם פון די שעהנסטע וויינגערטנער.

„און זי מיט איהרע טענצערינס נעמען בעטען א בעט פאַר דעם גאָט בעל.

„און דאָס בעט ווערט געבעט פון הויפענס און הויפענס בלומען.

„און די טענצערינס נעמען זיך טאַנצען ארום בעט די שעהנע הייליגע טענץ.

„און די עשתורת לעגט זיך ארויף אויף דעם רייכען בעט פון בלומען.

„און די טענצערינס צוטאַנצען זיך פאַר איהר. און יעדער גליעד פון זייערע זוניגע לייבער וויעגט זיך, און ציהט זיך, און בויגט זיך.

„און די עשתורת נעמט זיך ווארים און ליעב ציהען אויף די שעהנע בלומען פון איהר שעהנעם בעט.

„און אינגאַנצען איהר לייב איז געוועבט פון רויזען און גאָלד.

„און זי איז פערבענקט.

„און זי שמייכעלט.
„און זי ציהט זיך שטיל און לאַנג.
„און זי איז פול מיט לעבענס זאַפט.
„און זי קוקט און זי וואַרט אויפ'ן בעל.
„און זי וויל איהם בעצויבערען.
„און זי וויל אַרומגענומען ווערען פון איהם.
„און זי וויל זיך פּרעסען צו איהם.
„און זי וויל זיין געפאַנגען פון זיינע אָרימס — איהרע ברוסטען זאָלען זיך וואַרימען און נעסטען אויף זיין ברוסט.
„און דער גרויסער בעל איז איצט מיט זיינע דיענער און מיט זיינע הינד אויף יאַגד.
„און ער דערפיהלט מיט אַ מאָל דעם ריח פון איהר לייב.
„און ער לאָזט זיך צו איהר.
„און אויפ'ן וועג בעגעגענען שוין איהם די טענצערינס.
„און זיי טאַנצען פאַר איהם.
„און דער בעל מיידט זיי אויס.
„און זיי לויפען איהם נאָך און קושען מיט הייסער ליעבע די טריט פון זיינע פיס.
„און דער בעל קומט צו דער בעלת, דער עשתרות.
„און די בעלת, די עשתרות, דערהערט איהם.
„און פון שרעק און פון פרייד נעמט זידען און ציטערען די הייסע בלוט אין איהרע אַדערען.
„און די דינע און דורכזיכטיגע הויט אויף איהר שעהנעם און שלאַנקען לייב ווערט נאָך דינער און דורכזיכטיגער.
„און ווען זי דערזעהט איהם, גיט זי זיך צושראָקען אויף האַלב אַ הויב אויף איהר בלומען בעט.
„און די טענצערינס מאַכען טאַנצענדיג פאַר איהם אַ וועג.
„און אַ סך פּערוואַרפען טאַנצענדיג זייערע גרויסע שוואַרצע האָר.
— ער זאָל איבער זיי טרעטען מיט זיינע באַרוויסע פיס.
„און אַ סך פּערוואַרפען זיך טאַנצענדיג איבער'ן וועג און זיי ציהען

זיך און בויגען זיך, אַז זיין פוס זאָל טרעטען איבער זייערע ברוסטען.
„און דער בעל דערזעהט פאַר זיך די עשתורת.
„און ער שליידערט אַוועק פון זיך זיין פייל און בויגען.
„און ער רייסט פון זיך אַראָפּ זיין פורפּורן קלייד.
„און ער בעטרעט איהר בעט.
„און דאַן וואַרפט זיך יעדע טענצערין אין די אָרימס פון איינעם פון זיינע דיענער.
„און דאַן בעדעקען זיך מיט בליהונג די שטרויכען און די בוימער.
„און די פעלדער און די וועלדער, וואָס זיינען נאָהענט, און די פעלדער און די וועלדער וואָס זיינען ווייט, פערשפּרייטען זיך מיט בליהונג און בליהונג.
„און עס בליהט און עס צובליהט זיך די גאַנצע וועלט."

*

און דער גבור מיט זיין פערד שטעהט אויפ'ן באַרג, וואָס איז ווייט פון זיין היים, וואָס איז ווייט פון יענעם וויינגאָרטען, נאָר ער פערגעסט זיך אָן דעם, און ער געדענקט דאָס ניט.
און ער מיינט — ער איז איצט דאָרטען.
און ער הערט ערשט איצט דעם ברודער'ס רייד, וואָס קאָכען דאָס בלוט און רייצען צו זינד.
און ער זיצט דאָרט ביי דער סעודה פון וויין.
און זיין כעס וואַקסט און וואַקסט.
און ער האַלט נאָך אַלץ איין זיין צאָרן און שווייגט און שווייגט.
און אַט שפּרינגען אויפ'ן ברודער'ס בעפעהל אַריין רעדער און רעדער פון נאַקעטע טענצערינס.
און צווישען זיי איינע וואָס טראָגט די קרוין פון עשתורת.
און זיי נעמען נאָכמאַכען אַלץ, פון וואָס אביבעל האָט גערעדט.
און דאָס פערזאַמעלטע פאָלק ווערט ווילד.
און אַ סך פון זיי פאַלען צו דער ערד פון אויפרעגונג, און נעמען אָהן אָן אַבהאַלט זיך וואַרפען און לאַכען.

או זיי לאַכען ביז עס שלאָגט זיך זיי אַרויס אַ שוים אויף די מיילער.
און אביבעל אליין קרוינט זיך פאַר בעל.
און אָט דערגרייכט ער די עשתורת.
און די טענצערינס מיט די איבעריגע פערזאַמעלטע פרויען מישען זיך דאַן אויס מיט די איבעריגע בעטרונקענע און צורייצטע מענער.
און מען וואַרפט זיך אויף דער ערד.
און ווי אַ בייזער דונער פונ'ם אמת'ען גאָט רייסט זיך דאַן מיט אַ מאָל אַרויס אַ געשריי פונ'ם גבור'ס האַרץ:
„נאַראָנים!! זינדער!!"
און קיינער גלויבט ניט, אז עמיצער אויף דער ערד קאָן אַזוי הויך און בייז שרייען.
און מיט שרעק הויבען זיי אויף זייערע בעזויפענע קעפּ.
און זיי דערזעהען איהם איבער זיך.
און ער האַלט איינע פון זיינע גרעסטע שווערדען איבער זייערע קעפּ.
און אָט גיט ער אַ פּאַטש מיט'ן ברייט פון זיין גרויסען שווערד אויפ'ן טיש, וואָס נעבען איהם.
און דער שווערד צוברעכט זיך און צופליהט אין שטיקער.
און ער שרייט מיט זיין הויכען קול:
„אַזוי וועט איהר צובראָכען ווערען!
„וועה צו אייך, איהר נאַרישע זינדער!
„ווי די ווערים און בייזע פליגען עסען דורך די בלעטער, פערדארבען די צווייגען, אַזוי וועט איהר דורכגעגעסען און פערדאָרבען ווערען פון אייער תאוה.
„ווי דער הייזעריק שניידט אונטער די תבואה, וואָס האַלט ערשט אין אָנהויב וואַקסען, אַזוי וועט איהר פערשניטען ווערען דורך די פרעמדע געטער.
„איהר קריכט אין אַ זומפּ, וואָס וועט אייך איינשלינגען, ווי זי וועט איינשלינגען די עמונים, די פלישתים און די אַלע אַנדערע פעל-



5"47 ISRAEL CENTER OF HILLCREST MANOR

קער, וואָס זיי זיינען אינאיינעם מיט זייערע געטער ניט מעהר ווי די וואָג וואָס זיי וועגען.

„איהר, וואָס זייט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט אַלס קינ־דער פון אברם, אַלס קינדער פון דעם גאָט פון אברם, איהר ליעגט איצט אויף דער ערד ווי חזרים.

„פּפוי! פּפוי אויף איך, חזרים!"

און אַזוי שפּייענדיג אויף רעכטס און אויף לינקס, לאָזט זיך דער גבור געהן פון ווייגאַרטען און נאָך איהם זיינע געטרייע יונגען.

און אַ סך פונ׳ם עולם כאַפּען זיך פאַר די שווערדען.

און אַ סך בעגלייטען איהם מיט געלעכטערס.

און אַ סך וואַרפען נאָך שטיינער.

און די לופט נעמט הילכען מיט געשרייען: „בן זונה! בן זונה!"

און אַזוי שרייען זיי נאָך נאָך דעם, וואָס קעמפּפט זייערע שלאַכטען.

און אַזוי בעגלייטען זיי אַרוים זייער גבור, וואָס האָט זיי ערשט נעכטען געבראַכט אַ נייעם זיעג.

*

און דער גבור ציטערט אויף.

און דער גבור קוקט זיך אום — — —

און ער דערזעהט זיך אויף זיין פערד — — —

און ווייט, ווייט פון איהם זעהען זיך די שפּיצען פון זיין היים, וואו עס וואוינען די זינדער, וואָס זינקען אַלץ מעהרער און מעהרער אין זינד.

און עס קריצען זיך צונויף זיינע ציינער.

און ער שפּאַרט ווידער אונטער זיין פערד.

און ער וואָלט וועלען מיט איין מאָל אַריבערשפּרינגען צו יענע בערג.

און זיי דאַרטען אויסרייסען מיט די וואָרצלען.

און זיי צושיטען אויף די קעפּ פון די זינדיגע איינוואוינער און זיי איינגאַנצען פאַרלענדען!

נאָר די נאַכט נעמט זיך בלויען.
און עס צינדען זיך אָן די שטערען, די גרויסע, ווייסע ליכטער.
און דער גבור דרעהט זיך אוים און דערזעהט ווי הויך, אין דעם טיעפען בלויען הימעל, פינקעלט זיין שפּיציגער טורעם.
זיין טורעם פינקעלט הויך און ווייט איבער די בערג.
און איבער'ן טורעם די ווייסע טויב, וואָס זאָגט צו רוה און פריעדען.
„די ווייסע טויב — — —
„די ווייסע טויב" — — — — —

ג.

און צוריק פאָהרט שוין דער גבור שטילער.

און ער גריסט זיך מיט די קריעגער, מיט די פאַסטוכער.

און די פערד, וואָס פיטערן זיך אויף די פרייע פעלדער, הויבען אויף זייערע קעפּ און גלאָצען אוים אין דער נאַכט זייערע גרויסע אויגען און זיי דערקאָנען — דאָס איז דער גבור און זיין פערד.

און די פערד שפּיצען אויף זייערע אויערען און צושפּרייטען די נאָזלעכער און ציהען אוים זייערע העלזער און צוהירזשען זיך הויך און שטאַרק.

און דעם גבור'ס פערד ענטפערט זיי אָפּ צופריעדען און שטאָלץ.

*

און ווען דער גבור פאָהרט אָן צו זיין געצעלט קומט איהם אנט־קעגען זיין טאָכטער.

און זי נעמט מיט איהר שעהנער האַנד אָן דעם פערד'ס צוים. און ביז דער גבור קריכט אראָפּ, גלעט זי דעם פערד'ס קאָפּ און האַלז.

און עס קומט דער יונג און נעמט אוועק דאָס פערד.

און די טאָכטער שטויבט ארום דעם גבור און העלפט זיך איהם ארומוואַשען.

און נאָכדעם זעצט זי זיך ביי זיינע פים. און זי דערצעהלט דעם גבור פון די מעשיות, וואָס זי הערט זיך אָן פון איהרע חבר'טעס, וואָס זיי הערען פון די קריעגער און פון די פאַסטוכער, מעשיות וועגען דעם, ווי די וועלט האָט אויסגעזעהן איידער יהוה האָט זי בעשאַפען און נאָכ־דעם ווי ער האָט זי בעשאַפען, און וועגען די פרעמדע געטער, צו וועלכע

די מענשען פון גלעד האָבען גענומען דיענען, און וועגען דער שטראָף, וואָס ווארט אויף זיי דערפאַר.

און אָפט דערצעהלט זי איהם וועגען די קריעגער, וועגען דעם ווי זיי האָבען איהם ליעב.

און זי דערצעהלט איהם, אז ברכיה, רמליהו׳ס זוהן, קומט א מאָל צו זייער געצעלט און שפּיעלט פאַר איהר אויפ׳ן פייפעל.

און אז ער שפּיעלט זעהר שעהן.

און אז ער האָט געבראַכט ים שיסעלאַך.

און ער האָט איהר אויך צוגעזאָגט צו ברענגען לבנה שטיינער.

און אז זי דערצעהלט וועגען ברכיה׳ן, צופלאַמען זיך איהרע באַקען.

און איהרע אויגען זיינען ווי דעם גבור׳ס — גרויסע, שווארצע — ציטערן זיי אויף און קוקען צושראָקען.

און אָפט דאַנקט זי דעם גבור פאַרוואָס ער האָט געלאָזט ברכיה׳ן צו שענקען איהר דעם הירש, וואָס ער האָט פאַר איהר געכאַפּט.

און זי דערצעהלט, אז אַלע וואָס זעהען דעם הירש, ריהמען און לויבען ברכיהו׳ן ווי ער האָט דאָס געקאָנט אויפזוכען און כאַפּען לע־בעדיג אזא שעהנעם און וואוקסיגען הירש.

און צו דער טאַטע האָט ווען געזעהן, ווי שעהן דער הירש איז, ווען ער בלייבט מיט א מאָל שטעהן און קוקט? — — —

און ער קוקט ווי ער וואָלט אויף עפּעס געווארט.

און ער שטעהט אזוי אַן אויסגעצויגענער.

און דער קאָפּ איז ביי איהם א קלוגער, א קליינער.

און זיינע הערנער זיינען צווייגהאַפט און ווי בוימער יונגע, צו־וואַקסענע.

און זיין געלע וואָל איז גלאַט און גלאַנצט ווי זייד.

און די פיס נעבען די געלע צושפּאָלטענע קלאָהען זיינען ווייס ווי מילך.

און ווען דער הירש קוקט אויף איהר, דאַכט זיך איהר אוים — ער קען ריידען, און וויל איהר עפּעס זאָגען...

און אַז דער הירש האָט זיך שוין אין גאַנצען צו איהר צוגעוואוינט.

און אַז זי טהוט איהם שוין אַליין אָן די צוים און זי זעצט זיך אויף איהם.

און דאָס, וואָס ברכיהו האָט איין האָרן בעדעקט מיט זילבער, איז אַזוי שעהן!

און ביידע הערנער זיינען ביי איהם אַלץ איינס ברייט און צו־פּלאָנטערט.

און עס זעהט אוים — איינער איז ביי איהם אויסגעוואַקסען אַ צוצווייגטער, אַ זילבערנער, און דער צווייטער — אַ צוצווייגטער, אַזוי...

און זי וועט נאָך זיין רוקען פערשפּרייטען מיט אַ בלויען טעפּיך.

און די ברעגען פון דעם טעפּיך וועלען זיין בעדעקט מיט ים שיסע־לאַך און מיט טהייערע שטיינער.

און עס וועט זיין ערב אַ מלחמה, וועט זי... — עס וועט זיין אַזוי שעהן! — זי וועט לויפען אויף דעם הירש צו די קריעגער און וועט שרייען: — „קריעגער! פאַר'ן גאָט און פאַר זיין פאָלק! פאַר'ן...

און זי דערשרעקט זיך דערפאַר וואָס זי האָט ווידער געזאָלט דער־מאָנען דעם נאָמען — גאָט.

און זי בלייבט שטעהן.

און גאָר אַנדערש צועפּענען זיך מיט אַ מאָל איהרע אויגען.

און אַ הייליגער ציטער לויפט דורך איהר יונגען לייב.

און עס שווימט פאַר איהר אַרוים אַ וועלט — אַ הייליגע, אַ גרויסע.

און אין דער וועלט, דער הייליגער, דער גרויסער, איז זי שוין ניט מעהר קיין קינד, וואָס רעדט פון נאַרישקייטען.

און אין דער וועלט, דער הייליגער, דער גרויסער, איז זי גאָר קיינ־מאָל אַזאַ קינד ניט געוועזן.

און זי שווייגט אַ ווײַלע.

און זי דערמאָנט זיך אין'ם הייליגען ליעד, וואָס איהרע חבר'טעס זינגען מיט איהר אָפט ביים קוואַל:

„געדענק, ישראל!
„גאָט, דער גאָט פון אברה׳
„דער גאָט פון הימעל
„איז דיין גאָט."

און זי רייסט איבער איהר שווייגען.
און זי נעמט דערצעהלען וועגען איהרע זעהונגען.
און זי דערצעהלט:

„היינט פאַרנאַכט, ווען דער גבור איז אַוועקגעפאָהרען, איז זי מיט איהרע חבר׳טעס אַנגעקומען פונ׳ם קוואל מיט קריג וואסער אויף די אקסלען.

„און זיי זיינען שטעהן געבליבען צווישען די פאַלמען.

„און זיי האָבען איהם נאָכגעקוקט.

„און עס איז געווען, ווען זיי האָבען איהם לאַנג נאָכגעקוקט, האָט זיך פאַר איהר בעוויעזען אַ ווייסער וואָלקען.

„און דער ווייסער וואָלקען איז פאַר איהר שטעהן געבליבען צווי־שען די בוימער.

„און אין דעם וואָלקען האָט זיך פאַר איהר בעוויעזען דער הויכער גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד, מיט׳ן הויכען שטעקען אין האַנד.

„און דער הויכער גרייז איז צוגעקומען ביז צו איהר און איז ניט געוואָרען". — — —

*

און דער גבור שווייגט אַלץ שטיל און הערט.
און די טאָכטער רעדט און דערצעהלט.

און די טאָכטער רעדט נאָך אַלץ — און רעדט. און זי ווייסט, דער פאָטער וועט גאָרניט זאָגען, ווייל שווער איז איהם אויפ׳ן הארצען און ביטער, קוקט זי אין זיינע אויגען און זי לאַכט פאַר איהם און זי זינגט פאַר איהם, און זי ריהרט מיט איהרע הענד אַלעמאָל אָן זיין באָרד

און איהר דוכט זיך, אַז די האָר פון באָרד ווערען אַלץ שטייפער און שטייפער.

און זי ווייסט, אַז דאָס הייסט, אַז דעם גבור ווערט יעדען טאָג אַלץ שווערער און שווערער.

און צום סוף נורעט זי איין איהר קאָפּ אין זיינע קניע.

און דער גבור לעגט אַרויף זיין האַנד אויף איהרע געדיכטע, שוואַרצע האָר און זי שלאָפט איין.

און נאָכדעם הויבט דער גבור אויף זיין יונגע טאָכטער אויף זיינע הענד און ער טוליעט זי ליכט צו צו זיין פערביטערט האַרץ און ער טראָגט זי אַוועק אויף איהר געלעגער.

און אַזוי טאָג איין, טאָג אויס.

## ד.

און איינמאָל, ווען דער פערביטערטער גבור איז געקומען צוריק פון זיין פערנאכטיגען וועג, ווי זיין שטייגער, א צורייצטער, א פערביטערטער, איז איהם, שפרינגענדיג און טאנצענדיג, אנטקעגען געלאָפען זיין טאָכטער און איהם אָנגעזאָגט:

„פאָטער! פאָטער! די זקנים פון גלעד זיינען צו דיר געקומען!"

דעם גבור'ס שטארקע הארץ האָט א צושראָקענעם און ווארימען ציטער געטהאָן.

און באַלד האָט ער פאר זיך דערזעהן רמליהו'ן און זיין זוהן ברכיה פיהרענדיג זייערע פערד פאַר די צוימען. — —

זיי האָבען דאָס געוואָלט איהם לויפען אָנזאָגען...

*

און דער גבור האָט זיך געטראָפען מיט די זקנים פון גלעד ביי דער טיר פון זיין געצעלט.

און די זקנים האָבען צו איהם אזוי געזאָגט:

„גבור, עס לאָזען דיך גריסען די בערג פון גלעד, דיין וויעג, דיין היים!...

די בערג און דאָס לאַנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דיין פאָטער, וואו עס האָט דיך געבוירען דיין מוטער.

„און איצט זאָלסטו וויסען, אז דאָס לאַנד, דאָס הויז פון דיין פאָטער, וואָס האָט דיך אזוי היים געליעבט; דאָס לאַנד, וואו דו האָסט זיך אַלס קינד געשפיעלט, דאָס לאַנד, אויף וועמעס בערג דו האָסט זיך געלערענט רייטען און שיסען פון בויגען — איז ארומגערינגעלט געוואָרען פון די בני עמון.

„און די בני עמון זיינען שטאַרק.
„און זייערע מחנות זיינען גרויס.
„און זיי ווילען אונז פערטרייבען פונ'ם לאַנד.
„און דו ביזט דער שטאַרקסטער צווישען אונז,
„און דו דאַרפסט אונז העלפען פון זייערע הענד".

*

און דער גבור האָט געענטפערט די זקנים פון גלעד, און ליעבע און כעס האָבען זיך געראַנגעלט אין זיין שטאַרקען קול. און ער האָט געזאָגט:

„איהר האָט דאָך מיך פיינט.

„און איהר האָט דאָך מיך פערוואָרפען מיט שטיינער און מיט שלעכטע ווערטער.

„און איהר האָט דאָך מיך פערטריבען פון דעם הויז פון מיין פאָטער.

„און פאַר וואָס זייט איהר געקומען צו מיר ווען אייך איז ענג?"

*

און די זקנים פון גלעד האָבען איהם געענטפערט:

„גבור! ווייסען זאָלסטו וויסען — מיר האָבען אויך געזינדיגט געגען גאָט, מיר האָבען שווער געזינדיגט!

„און איצטער האָבען מיר זיך געליטערט און מיר האָבען זיך גע־רייניגט,

„און מיר האָבען פון זיך אָבגעטהאָן די פרעמדע געטער.

„און מיר האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט צו גאָט, צום גאָט פון אונזערע עלטערן; צום גאָט אין וועמעס נאָמען דו פלעגסט אונז שטראָפען.

„און דיינע גערעכטע ווערטער האָבען צו אונז גענומען קלינגען פון די שפיצען פון די בערג.

„און זיי זיינען אריין אין אונזערע אויערען.
„און זיי זיינען אריין אין אונזערע הערצער.
„און מיר האָבען זיך דערמאָנט אָן דעם אמת'ן גבור פון גאָט, אונזער גאָט.
„און מיר זיינען געקומען צו דיר.
„שטעה אויף און העלף דיין פאָלק!
„און עס וועט זיין אין דעם טאָג, וואָס גאָט וועט דיר געבען די בני עמון אין דיינע הענד, וועלען מיר ווידער וויסען, אז מיר זיינען זיין פאָלק און אז ער איז אונזער גאָט.
„און מיר וועלען דיך מאכען פאר א האר און א הערשער איבער אונז.
„און דו וועסט זיין אונזער שופט."

*

און עס איז געוועזן, ווען זיי האָבען אזוי גערעדט, האָט זיך דער כעס פון דעם גבור גענומען אויסוועבען, שווינדען און אָבשווימען אַלץ ווייטער און ווייטער.
און זייערע שטימען האָבען דעם גבור געקלונגען מיט היים.
און זייערע אויגען, און זייערע גרויע בערד, און די גרויע האָר פון זייערע קעפּ. און די קנייטשען פון זייערע פּנים'ער און די פערשטויבטע פאַלדען פון זייערע קליידער — האָבען אויף איהם געקוקט מיט היים.
און ניט ווייט פון די זקנים זיינען געשטאַנען די קעמלען, וואָס האָבען זיי צו איהם געבראכט.
און די קעמלען קומען פון דער היים.
און די קעמלען קוקען מיט היים, מיט היים.
און דער גבור האָט ניט אויסגעהאַלטען.
און ער האָט דערפיהלט ווי יעדער ביין אין איהם רעדט: היים, היים!
און דער גבור האָט נאָך מעהר ניט אויסגעהאַלטען.
און ער האָט פון זיי אָבגעקעהרט זיין פּנים.

## ה.

און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט דער גבור געלאָזען בלאָזען אין שופר פון אַלע בערג.

און דער קול פון די שופרות האָט אַראָבגענידערט אויף די קעפּ פון די קריעגער, און זיי האָבען זיך אַלע אויפגעכאַפּט צושראָקען און האָבען זיך אַ נעם געטהאָן פאַר'ן געוועהר און זיך געלאָזט צו די פערד.

און די בלויע נאַכט איז באַלד געוואָרען פול מיט טומעל.

און די בלויע נאַכט האָט זיך באַלד גענומען שפּאַלטען און רייסען אין שטיקער פון דעם צוטומעלטען הירזשען פון הונדערטער און טויזענדער פערד.

און באַלד האָט זיך בעוויעזען שושנה אין ווייסען אויף איהר פער־פּוצטען הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן.

און איהרע גרויסע אויגען האָבען געשטראַהלט פון פרייד.

און ווען זי איז געקומען צו די קריעגער איז זי אויפגעשפּרונגען אויפ'ן הירש אויף, שטעהענדיג, איהם גענומען איילען.

און זי האָט ווי אַ קינד און ווי אַ דערוואַקסענע געשריען צו די קריעגער.

און זי האָט געשריען און האָט גערופען:

„קריעגער! פאַר'ן גאָט און פאַר זיין פאָלק! פאַר'ן גאָט און פאַר זיין לאַנד!

און עס האָט אויסגעזעהן — זי איז ניט אויפ'ן הירש, נאָר אויף פליגלען פון גליק — — — — — —

און איהרע ענטבלויזטע הענד, און איהרע פיס, און איהר האַלז און איהר פּנים, זיינען ווי געשניצט פון עלעפאַנט ביין. —

און זי איז צאַפּלענדיג, ווי דער הירש.

און בויגיג ווי אַ יונגע פּאַלמע.

און איהרע געקרויזטע האָר הענגען ווי אַ שוואַרצער וואַלד אויף אונטען, איבער׳ן ווייסען טוך, אין וועלכען זי איז איינגעוויקעלט.

און זי וואַרפט מיט די שעהנע הענד און שרייט ווי אַ בעפרייטער אָדלער:

„קריעגער, פאַר גאָט און פאַר זיין פאָלק!"

*

און נאָכדעם זיינען אַנגעלאָפען אויף זייערע פערד רמליהו, ברכיה און די אַנדערע עלטסטע, און זיי האָבען פערנאַנדערגעטראָגען דעם גבור׳ס בעפעהלען.

און די קריעגער האָבען זיך פערנאַנדערגעשטעלט אין מחנות, און זיי האָבען פערנאַנדערגעוויקעלט זייערע פאָהנען, און זיי זיינען אַרום און האָבען זיך אויסגעשטעלט אין דער סטעפּ און זיינען שטעהן געבליבען.

און נאָך דעם איז אָנגעקומען דער גבור, און זיך גענומען צעהלען די מחנות.

ער איז געפאָהרען אויף זיין שעהנעם פערד צווישען די קריעגער, און ער האָט געקוקט אויף די טויזענדער שאַרפע אויגען, וואָס בלישטשען פון זייערע בלאַנקע ווייסלען.

און ער איז געווען געקליידט אין ווייסען און איבערגעבונדען מיט אַ בלויען גאַרטעל.

אוןביידע שווערדען זיינען געווען אויף זיין דיך.

און אַ גרויסער מעסער האָט געבלאַנקט פון זיין גאַרטעל.

און אויף זיין לינקער האַנד, מיט וועלכער ער האָט געהאַלטען די צוים פון זיין פערד, איז — פון שעהנקייטס וועגען — געווען איבערגעוואָרפען אַ גרויסער טוך פון בלויען וואָל.

און די רעכטע האַנד האָט ער געהאַלטען ביי דעם הענטעל פון זיין רעכטען שווערד.

און די דיקע פּאַסען פון זיין גרויסער שוואַרצער באָרד האָבען זיך שלאַנגיש געדרעהט און גליקליך געפינקעלט אויף זיין ווייס קלייד.

...און זיינע אויגען האָבען געלויכטען ווי נאָך קיינמאָל ניט.

און דער אונענדליך בלויער הימעל האָט זיך צושפּרייט מיט זיין טיעפער בלויקייט, און מיט זיינע שטוינענדיג גרויסע שטערען איבער דער ווייטער סטעפּ.

און די סטעפּ איז געווען אין גאַנצען בעדעקט מיט טהוי.

און די סטעפּ האָט אויסגעזעהן ווי אַ פּערלדיגער ים.

און די מחנות קריעגער מיט זייערע שפּיזען און מיט זייערע פלאַטערדיגע פאָהנען האָבען אויסגעזעהן ווי פער'כשופ'טע אינזלען.

און דער גבור איז אַ שטאָלצער ארומגעשוואומען אויף זיין פערד צווישען די אינזלען. און האָט זיי געגריסט און האָט זיי געצעהלט און האָט אויף זיי געקוקט, ווי אַ צופריעדענער גליקליכער פאָטער: —

יעדער קריעגער איז אויף זיין פערד.

און יעדער קריעגער איז אין בלוי.

און אַ מעסער שטעקט אין זיין ווייסען גאַרטעל.

און אַ לאַנגער שפּיז — אין זיין האַנד.

און אַ פיילבויגען און אַ שטיינוואַרפער — אויף הינטען פון זיינע אַקסלען.

און זייערע געקרייזטע בערד זיינען שוואַרץ.

און זייערע שטאַרקע פּנים'ער זיינען ברוין.

און זייערע אויגען גלאַנצען מוטהיג און שאַרף. — — — —

און ווען זיי זיינען אַלע געווען צונויפגעשטעלט אין צוויי לאַנגע ברייטע מחנות, איז דער גרויסער גבור אויף זיין פערד דורכגעלאָפען די גאַנצע לענג צווישען דיביידע מחנות.

און די עלטסטע זיינען נאָכגעלאָפען נאָך איהם און האָבען זיך צושטעלט ביי די זייטען.

און דער גבור האָט דערגרייכט די צוויי ווינקלען פון די ביידע מחנות, וואָס האָבען זיך געצויגען אויף רעכטס און אויף לינקס ביז ווייט אין דער בלויקייט.

און די פאָהנען האָבען געפלאַטערט, און די שפּיזען האָבען געפינקעלט און געשטאָכען אינ'ם שיין פון דער בלויער נאַכט.

און דער גבור האָט אומגעדרעהט זיין פערד און איז געבליבען שטעהן אין די צוויי ווינקלען פון די מחנות, מיט'ן פנים צו די קריעגער.
און ער איז פאַר זיי שטעהן געבליבען א שטאַרקער, א ליכטיגער!
א געטליכער שיין האָט גערוהט אויף זיין פנים, אויף זיין באָרד און אויף די פאַלדען פון זיין ווייסען קלייד. —
און זיינע אויגען האָבען זיך צושיינט נאָך שעהנער, נאָך ליכטיגער.
און ווען ער האָט זיך א הויב געטהאָן אויף די אייזענס פון זיין זאָטעל, האָבען אַלע מיט אמאָל דערזעהן: —
ער וואַקסט אַלץ העכער און ווערט אַלץ גרעסער. — — — —
און דער גבור האָט געלאָזט אויסרופען:
„קריעגער! די פון אייך, וואָס ווילען אומקעהרען די זיצער פון גלעד צוריק צו דעם גערעכטען גאָט, די זאָלען געהן מלחמה האַלטען פאַר זיי מיט די בני עמון!“
און אַלע, ווי איין מענש, זיינען אויפגעשפּרונגען אויף זייערע פערד, און פון אַלעמענס הערצער האָט זיך א ריס געטהאָן:
„מיר הערען אונזער גבור און פאָלגען!“
און די געשרייען האָבען זיך אויפגעהויבען איבער זייערע קעפּ און איבער זייערע שפּיזען.
און די געשרייען האָבען א פליה געטהאָן ווי פויגעל.
און זיי האָבען אריינגעהילכט ווייט און הויך אין דער נאַכט.
און באַלד האָבען זיי זיך אויפ'ן גבור'ס צייכען צוריק אריינגע־זעצט אין די זאָטלען.
און ווען דער גבור האָט אומגעדרעהט זיין פערד מיט'ן פנים אין דער נאַכט אריין, האָבען זיך אַלע מיט איין מאָל אָבגעריסען און האָבען זיך געלאָזט נאָך איהם.
און דער גרויסער גבור האָט זיך אוועקגעטראָגען אין דער בלויער נאַכט אויף זיין שווארצען פערד. און נאָך איהם זיינע מחנות — אין צוויי בלויע טייכען.
און די כוואַליעס פון די טייכען — די שפּיזען — האָבען געבלאַנקט

און געפינקעלט, זיך געוויעגט און געטראָגען פון ערגעץ ווייט, פון דער בלויקייט פון די שטערען — — —

און הינטער די מחנות זיינען געגאַנגען די טשערעדעס, און די אָנגעלאָדענע קעמלען און די ווייבער און די קינדער.

און פלוצלונג האָבען אַ סך פון די פרויען דערזעהן: שושנה'ס הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן לויפט אַפריהער!

און דער הירש טראָגט זיך אַזוי שנעל, אַז מען זעהט זיינע פיס ניט אָן, אַז מען זעהט בלויז די ברייט צואוואַקסענע הערנער און דעם אויסגעצויגענעם פּאַס פון זיין לייב.

און ער לויפט אין איין אָטהעם צו די בערג.

און זיי זיינען געוואָהר געוואָרען — „דער הירש האָט זיך אַרויס־געריסען פון שושנה'ס הענד".

און זיי האָבען מיט שרעק געטהון די הענד אויף זייערע הערצער — זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

## ו.

און דער גבור איז אָנגעקומען מיט זיינע מחנות ביז גלעד און האָט געטראָפען, אַז גלעד איז שוין פערנומען פון די בני עמון.

און צו זיינע אויערען זיינען נאָך געקומען די ווערטער:

„די בני עמון ווילען אויך איינגעמען יהודה, בנימין און אפרים."

און דער גבור האָט אויפגעציטערט פון וועהטאָג און פון כעס.

און ווען ער איז אַרויף אויף די שפיצען, וואָס רינגלען אַרום גלעד און דערזעהן ווי גרויס און שווער עס זיינען די מחנות פון די בני עמון, וואָס שפרייטען זיך איבער גלעד ביז צום ברעג ירדן, איז זיין וועהטאָג נאָך גרעסער געוואָרען און ער האָט געשיקט שלוחים צו די איבעריגע שבטים, זיי זאָלען איהם קומען צו הילף, ווייל גרויס און שווער זיינען די מחנות פון די בני עמון.

און אויך צו דעם מלך פון די בני עמון האָט ער געשיקט שלוחים, זיי זאָלען צו איהם ריידען אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און פון גאָט.

און עס איז געווען אויף דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה, זיינען די שלוחים געקומען צוריק און האָבען איהם געבראַכט:

די אַנדערע שבטים זאָגען: „מיר ווילען ניט מלחמה האַלטען אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ בן זונה!"

דער ענטפער האָט איהם אַ בריה געטהאָן אין די אויערען.

און באַלד זיינען געקומען די אַנדערע שלוחים און געבראַכט:

דער מלך פון די בני עמון רעדט: „זאָל זיך אייער גבור אָבציהען פון דאַנען, אויב ער וויל ניט, אַז מיר זאָלען מיסטיגען די פעלדער מיט אייער בלוט און מיט אייערע ביינער".

*

דער גבור איז ווי פערשטיינערט געוואָרען פון כעס און פון צאָרן.

און זיינע אויגען האָבען זיך צועפּעט נאָך גרעסער פון גרוים און אַזוי זיינען זיי אויף אַ ווײַלע פערגליווערט געוואָרען.

באַלד אָבער האָט אַ הייסע כוואַליע בלוט אַ וואַרים געטהאָן דעם גבור'ס האַרץ און זיינע שרעקליכע גרויסע אויגען האָבען מיט אַ מאָל געגומען בליצען מיט כעס און שרעק.

און פאַר דעם גבור'ס אויגען האָט אין דער מינוט דורכגעשוועבט דער היבער גרייז.

און אין דעם גבור'ס מח האָט מיט אַ מאָל אויפגעבליצט דער געדאַנק וועגען גאָט, דעם אמת'ען, דעם גערעכטען.

און דער גבור האָט דערפיהלט, ווי דאָס בלוט אין איהם צורייצט זיך אַלץ צאָרנדיגער, אַלץ בייזער.

„ער געהט מלחמה האַלטען זייער מלחמה און איז נאָך אַלץ אַ בן זונה! — אַ בן זונה!?"

און דער ענטפער, אַז מען וויל איהם ניט קומען צו הילף, ווייל ער איז אַ בן זונה צוזאַמען מיט דעם ענטפער פונ'ם מלך פון די בני עמון, האָט איהם גענומען רייצען און שטעכען ווי מיט נאָדלען.

און דער גבור האָט בעפעהלען מען זאָל איהם דערלאַנגען זיין פערד.

און די לופט האָט זיך פון דעם בעפעהל אויפגעטרייסעלט, ווי פון אַ פּלוצלונגער, שווערער וואונד.

און צו די שלוחים האָט ער אויסגעשריען:

„זאָל גאָט משפּט'ען צווישען מיר און צווישען זיי!" — —

און ער איז האַסטיג אַרויף אויף זיין פערד.

און די קריעגער האָבען זיך גלייך אָנגעצונדען מיט כעס פון זייער צורייצטער גבור.

און די מחנות, וואָס זיינען פון איהם געווען פאַרגרייט אויף אָנצופאַנגען די מלחמה, האָבען זיך גלייך אָבגעריסען פון זייערע ערטער.

און די גאַנצע ערד איז געווען פערשיינט מיט זון, און די גאַנצע ערד האָט גלייך גענומען פּראַכען און שווימען אונטער זייערע פיס, אונ־

טער די פּיס פון זיינע בלויע מחנות, וואָס האָבען זיך מיט א געפעהר־ליכען אימפּעט געטראָגען נאָך זייער ווייסען גבור.

און פון אַנטקעגען האָבען זיך באַלד בעוויזען די רויטע מחנות פון דעם מלך פון די בני עמון, שווערע, גרויסע — — —

האָט זיך דער גבור גענומען טראָגען זיינע מחנות נאָך שנעלער און האָט זיי מיט אינגאַנצען זיין צורייצטען כעס א וואָרף געטהאָן אויפ׳ן רויטען שונא.

„זאָלען זייערע פערד זיך הויבען אויפ׳ן שונא׳ס קעפּ, זאָלען זייערע שווערדען זיך אַנטרינקען אינ׳ם שונא׳ס בלוט. מיט זיינע קרי־גער איז דער שטאַרקער גאָט. מיט זיינע קריעגער איז יהוה“.

און זיינע מחנות זיינען אַרויפגעפאַלען אויפ׳ן שונא שרייענדיג: יהוה, יהוה!!!

און דאָס גאַנצע שלאַכטפעלד האָט באַלד גענומען אויסזעהן ווי א ווילד־צוטראָגענער, פאַרביגער ים.

מחנות האָבען זיך געוואָרפען אויף מחנות און האָבען זיך צונויפ־געשלאָגען מיט א בייז־ווילדען רעש. און ווי א פינקלענדיגער שוים אונטער דעם שיין פון דער זון, האָבען איבער זייערע קעפּ געשפּריצט און געבליצט די טויזענדער שווערדען און שפּיזען.

און די גאַנצע ערד האָט זיך גענומען הויבען און וואַרפען מיט פערד און מיט מענשען און מיט קולות.

און אין אַלע זייטען האָבען זיך באַלד גענומען וואַלגערען טויטע, צוטראָטענע און פערוואונדעטע.

און אין אַלע זייטען האָבען באַלד גענומען אַרומלויפען צושראָ־קענע פערד, וואָס האָבען אין שלאַכט פערלאָרען זייערע קריעגער.

און די פערד האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט פלאַטערדיגע גריוועס, מיט אויסגעצויגענע עקען, און האָבען פון מאָל צום מאָל געריסען די זוניגע לופט מיט זייערע קולות.

און דער גבור האָט זיך אַרומגעטראָגען צווישען זיינע מחנות, וואָס זיינען געשטאַנען אין שלאַכט און ער האָט מיט זיין שטאַרקען קול גערייצט און געשריען:

„אויף די קעפּ פון די געצענדיענער! אויף זייערע קעפּ!"
און די קריגער, דערהערענדיג דעם קול פון זייער גבור, פלעגען אין זיך דערפיהלען א נייעם שטראָם כעס און כח.

און ווען דער שונא האָט זיך גענומען שטאַרקען, האָט דער גבור מיט אמאָל אונטערגעשפּאָרט זיין צוהיצטען פערד און איז אריבער צו זיין חיל, וואָס האָט אויף איהם געוואַרט הינטער די בערג, און ער האָט פון דאָרטען גענומען טראָגען און יאָגען נייע מחנות.

און די מחנות זיינען געלאָפען אויף פערשיעדענע וועגען.
און די מחנות זיינען ארויף אויף דעם שונא פון פערשיעדענע ערטער.

יעדע מחנה איז בעשטאַנען פון טויזענד, און יעדע מחנה האָט טויזענד מאָל טויזענד ליעב געהאַט איהר גבור.
און זיי האָבען געוואוסט, אַז זייער גבור איז שווער בעליידיגט געוואָרען.

טויזענדער פיילבויגענס האָבען געשפּריצט און גערעגענט אַנ־טקעגען זיי מיט פיילען, אָבער זיי האָבען זיך ניט גענומען פון די פייל־בויגענס, נאָר מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזען האָבען זיי זיך געטראָ־גען גלייך אויפ'ן שונא, און האָבען זיך אין איהם אריינגעשטאָכען בייז און ווילד. —

זיי ווילען נקמה, זיי ווילען נקמה פאַר זייער בעליידיגטען גבור!
און דער שונא איז צוטומעלט געוואָרען פון די פּלוצלונגע אָנפאַ־לען פון אזוי פיעל פערשיעדענע זייטען.
און דער גבור האָט געוואוסט, אַז קליין זיינען זיינע מחנות אנט־קעגען דעם שונא'ס, נאָר אַז שטאַרק איז דער אידישער גאָט, דער גאָט יהוה, דער הערשער איבער אַלע חילות.
און ער האָט זיך בעוויזען אויף איינעם פון די בערג.
און ער האָט זיך א שטעל געטהאָן אויף די אייזענס פון זיין זאָטעל.
און ער האָט ארויסגעכאַפּט זיין גרויסען שאַרפען שווערד, און ער האָט איהם אויסגעשטרעקט צום הימעל.

און די זון, וואָס האָט פערשיינט דאָס גאַנצע טומעלדיגע שלאַכט־פעלד, און די גרינגע בערג פון נאָהענט און ווייט, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי אָנגעשוואָומענע, האָבען איהם אַרויסגעפּרעסט און אַרויסגעהויבען און האָבען נאָך ווייסער געמאַכט זיין ווייסען מאַנטעל און נאָך בלויער — זיין ברייטען, ליכטיג־בלויען גאַרטעל, און נאָך שוואַרצער — זיין ווילדען, שוואַרצען פערד.

און די בני עמון האָבען דערזעהן אויפ'ן שפּיץ פונ'ם באַרג דעם גרויסען ווייסען מאַן, און זיי האָבען דערזעהן זיין גרויסע באָרד, וואָס האָט בייז געפלאַטערט אין דער בלויער לופט מיט איהרע געקרויזטע שוואַרצע פאָסען.

און זיי האָבען דערזעהן דאָס גרויסע צוואווילדעטע פערד, וואָס אונטער איהם.

און זיי האָבען דערזעהן זיין שטאַרקע האַנד מיט'ן גרויסען אויסגעשטרעקטען שווערד אין איהר.

און זיי האָבען דערזעהן — זיין ברייטע שווערד גרייכט די זון. — זיין גרויסע שווערד שפּאַלט די זון אויף צווייען! — — — —

און זיי האָט זיך גענומען דאַכטען אַז דאָס איז דער אידישער גאָט, וואָס האַלט מלחמה מיט זייער גאָט מולך — מיט'ן גאָט פון דער זון, און אַז אָט רייסט אָט דער געפעהרליכער גרויסער גאָט פון ישראל, אַראָפּ די זון און שליידערט זי אויף זייערע קעפּ! — — — —

און דער גבור האָט אויפגעהויבען זיין גרויסען, ברוינעם שטערען מיט די פינקעלדיגע שוואַרצע ברעמען, און ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו גאָט, און ער האָט אין זיין האַרצען אַ נדר געטהאָן, און האָט אַזוי געזאָגט:

„יהוה, דו ווייסט, אַז די מלחמה וואָס איך פיהר איצט, איז פאַר דיר און דיין פאָלק.

„איך, דיין קנעכט, פאַרגיעב זיי דאָס שלעכטס, וואָס זיי האָבען מיר געטהאָן.

„פאַרגיעב זיי אויך דו!

„פאַרגיעב דיין פאָלק ישראל.

„און עס וועט זיין, ווען דו וועסט געבען די בני עמון אין מיינע הענד, איז דאָס ערשטע, וואָס וועט ארויסגעהן פון די טירען פון מיין הויז ביי מיין קומען צוריק פון דער מלחמה, וועט געהערען צו דיר און איך וועל עס דיר ברענגען פאַר אַ קרבן.

און ווי נאָר דער גבור האָט געענדיגט זיין נדר, האָט זיך דאָס הארץ אין איהם אַ שטאַרקען ריס געטהאָן פון אַ שרעק, וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען. — — —

אָבער באַלד האָט דער גבור דערזעהן, ווי דער צוטומעלטער שונא האָט זיך מיט זיין גאַנצער שווערקייט גענומען בויגען צו דער מצפה.

און דער גבור האָט אין דעם דערזעהן אַ פינגער פון גאָט.

און ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ לאָז געטהאָן מיט זיין פערד.

און ער האָט זיך האַסטיג און מיט אַ ווילדען געשריי גענומען טראַ־גען איבער בארג און טהאָל.

און אַ געדיכטער, ווייסער שטויב, האָט זיך אויפגעשלאָגען און איז איהם וואָלקענווייז נאָכגעשפּרונגען איבער בארג און טהאָל.

און זיינע מחנות, וואָס זיינען געלעגען בעהאַלטען אין פערשיע־דענע פּלעצער זיינען אויף זיין געשריי מיט אַ מאָל אויפגעשפּרונגען און זיינען איהם נאָכגעלאָפען.

און וועלדער שטויב האָבען זיך נאָך זיי אויפגעשלאָגען און גע־נומען אויסגלייכען בארג און טהאָל.

און דער גבור איז מיט זיי ארויף אויף דער מצפה. און פון דאָר־טען איז ער מיט זיינע מחנות, מיט זיינע פערד, מיט זיינע רייטוועגען און מיט דעם שאַרף פון זיינע שווערדען אראָפּ, ווי אויף די פליגלען פון׳ם ווינד, אויף די קעפּ פון די בני עמון.

און דעם גבור׳ס פערד זיינען געשפּרונגען איבער מענשען. און דעם גבור׳ס פערד זיינען געשפּרונגען איבער פערד. און זיינע שווער־דען האָבען געבליצט און געשטאָכען און געיאָגט און געטריבען.

און די בני עמון האָבען דערזעהן צווישען זיך דעם גרויסען גבור. און זיי האָבען דערזעהן — ער איז מיט זיין פערד און מיט זיינע

אקסלען העכער און גרעסער פון אַלעמען, און ער ווערט נאָך אַלץ גרעסער און גרעסער! — — — — — —

און זיי האָט גענומען שרעקען זיין אויסזעהן.

און זיי האָט גענומען שרעקען זיין פערד.

און זיי האָט גענומען שרעקען זיין באָרד און זיינע אויגען.

און זיי האָבען גענומען אין שרעק לויפען פון זיין שטארקען פנים און פון דעם שאַרף פון זיין שווערד.

פון זיין געשריי זיינען אַ סך פערטויבט געוואָרען.

און אַ סך זיינען געפאַלען צו דער ערד.

פון זיין געשריי האָט גענומען גליווערען דאָס בלוט אין די אָדערן פון דעם שונא'ס ווייטע מחנות.

און פערד האָבען זיך אויסגעדרעהט און זיינען אַנטלאָפען ווי משוגענע.

און די בני עמון האָבען אַלע אין איין קול גענומען שרייען:

„דאָס איז דער אידישער גאָט צבאות! דער גאָט פון ישראל!

און זיי האָבען אין ווילדער איילעניש גענומען לויפען פון זיין צאָרן.

און די מחנות פון דעם שונא זיינען צומישט געוואָרען.

און די מחנות פון דעם שונא זיינען אַנגעלאָפען איינע אויף די אנדערע.

און דער גבור האָט אַלץ געפּרעסט און געיאָגט.

און ער האָט זיי פערטריעבען פון גלעד.

און ער האָט זיי פערטריבען צום ירדן.

און אריבער דעם ירדן.

און ער האָט זיי געשלאָגען און נאָכגעיאָגט אין זייער לאַנד.

ביז ער האָט איינגענומען צוואַנציג פון זייערע שטעדט.

ביז זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען צו די קינדער פון ישראל.

ז.

און עס איז געווען, ווען דער גבור מיט זיינע זיעגרייכע מחנות האָט זיך אומגעקעהרט בשלום פון דער מלחמה מיט די בני עמון, איז דאָס ערשטע, וואָס איז איהם אַרויס אַנטקעגען פון די טירען פון זיין הויז, געווען זיין איינציג קינד, זיין טאָכטער.

און זי איז אַרויס אַנטקעגען איהם מיט געזאַנג און מיט טענץ.

און עס איז געווען, ווען דער גבור האָט דאָס דערזעהן, איז ער פערשטיינערט געוואָרען פון שרעק.

און דער שרעק האָט איהם דערמאָהנט אָן דעם שרעק, וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען אויפ'ן שפּיץ פונ'ם באַרג, און אין דעם ריס, וואָס זיין האַרץ האָט זיך געטהאָן באַלד נאָך דעם ווי ער האָט געגעבען זיין נדר. — — — —

און דער גבור האָט אויפגעציטערט און זיינע אויגען האָבען גע־נומען קוקען אין אַלע זייטען: — טאָמער אַ שאָף, אַ רינד, אפשר ער־געץ דער הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן — — —

אָבער אומזיסט!
און דעם גבור'ס פּנים איז מיט אַ מאָל געוואָרען שוואַרץ.
און ער איז אַראָפּ פון זיין פערד.
און ער האָט אויף זיך צוריסען די קליידער.

*

און ווען דער גבור האָט דערצעהלט פון זיין נדר, האָט זיך אַ בייזער שרעק, ווי אַ ווינד, דורכגעטראָגען צווישען זיינע מחנות, איבער די לייבער פון אַלע זיינע קריעגער און זיי זיינען אַראָפּ פון זייערע פערד.
און זיי האָבען אויף זיך צוריסען די קליידער.
און זיי האָבען אויסגעבראָכען אין אַ ביטער געוויין.

ווייל אַלע האָבען זעהר ליעב געהאַט שושנה'ן, און ווייל אַלע האָבען געוואוסט — זי איז דעם גבור'ס איינציג קינד.

און ווי זיי האָבען אַלע אַזוי געוויינט, האָט זיך איבער זייערע קעפּ בעוויזען אַ ווייסער מלאך.

און דער ווייסער מלאך האָט שטיל דורכגעשוועבט איבער די וויינענדיגע מחנות —

און ער איז געקומען ביז צו שושנה'ן.

און ער האָט מיט זיין פליגעל ווייך אָנגעריהרט איהרע ליפּען.

און שושנה האָט אויפגעהויבען איהר געקרויזטען קאָפּ.

און איהרע פייכטע אויגען האָבען געגלאַנצט.

און איהרע שעהנע ליפּען האָבען גליקליך געשמייכעלט.

און אינ'ם ווייסען טוך, וואָס האָט ארומגענומען איהר יונגען קערפּער, האָט זי זיך בעוויזען אויפ'ן טאַטענס שווארצען פערד.

און זי האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט איהרע הענד.

און אין איין האנד האָט זי נאָך געהאַלטען איהר גאָלדען בלעך, אויף וועלכען זי האָט זיך צוגעקלאַפּט צום טאַנץ.

און אין דעם בלעך האָט זיך אריינגעשפּיגעלט די גאָלדענע זון.

און עס האָט אויסגעזעהן — זי האַלט די זון אין איהרע הענט.

און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען האָט זי אויסגעשריען:

„קריעגער, פאַר'ן גאָט און פאַר זיין פאָלק! פאַר'ן גאָט און פאַר זיין לאַנד!"

און טויזענדער און טויזענדער פערוויינטע אויגען האָבען זיך אויפגעהויבען צו איהר, צו שושנה'ן, צו דער טאָכטער, צו דעם הארץ פון זייער גבור, וואָס איז פאַר זיי געשטאַנען אַן אויסגעצויגענע מיט פערנאַנדערגעשפּרייטע הענד — — —

און זיי האָט זיך גענומען דאכטען — אָט הויבט זי זיך אויף און פליהט — און פליהט אוועק פון זיי.

און פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער רעווען: — דאָס איז ביי ברכיהו'ן פלוצלונג אויפגעשפרונגען זיין פערד אויף די הינטער־שטע פיס און עס האָט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענד און עס איז אַוועק אין פרייען פעלד אריין.

און אַלע האָבען פון דעם אויפגעציטערט.

און אויך זי — *שושנה* — האָט פון דעם אויפגעציטערט.

און זי האָט אויף אַ ווײַלע געווענדט איהרע אויגען צום פערד, וואָס האָט זיך דאָרט געגומען טראָגען אין פעלד, ווי אַ געשטאָכענער...

## ח.

און שושנה האָט זיך געווענדעט צום גבור:

„פאָטער, טהו מיט מיר, ווי ריין מויל האָט גערעדט, נאָר גיב מיר צוויי חדשים אויף צו בעוויינען מיין מיידעלשאַפט".

און דער גבור האָט געגעבען זיין טאָכטער צוויי חדשים צייט צו בעוויינען איהר מיידעלשאַפט.

און זי איז אַוועק אין די בערג. זי און מיט איהר איהרע חבר'טעס, וואָס זיינען איהר נאָכגעגאַנגען און האָבען בעוויינט איהר יוגענד.

איהרע חבר'טעס האָבען געוויינט און זי איז פאַר זיי געגאַנגען אַ פערטראַכטע, אַ שטאָלצע און האָט געשוויגען.

און איהרע אויגען האָבען געקוקט פון די שפּיצען פון די בערג אויף די בערג און אויף דער ווייטקייט וואָס אַריבער די בערג...

און די חבר'טעס פלעגען וויינען הינטער איהר, און זי אַליין פלעגט זיי נאָך אָפט טרייסטען:

„זי איז גאָטס און זי געהט צו גאָט, און זי וועט זיי דאָרטען אַלע־מען געדענקען. — — —

*

.... און אין אבענד פלעגט זי זיך באָדען אין טהוי — — —

און די חבר'טעס, וואָס פלעגען אַרומוואַשען איהר לייב, פלעגען צו איהר וויינענדיג זאָגען:

„דו ביזט ווי אַ טאָכטער פון טהוי און דו ביזט נאָך ריינער פון טהוי."

...און אין דער פריה פלעגט זי זיך באָדען אין די שטראַהלען פון דער זון. —

איהר בלוט פלעגט נעמען שפּילען און מאַכען ראָז איהר לייב. —

און עס פלעגען זיך אָנציהען איהרע יונגע ברוסטען. —

און זי פלעגט דאַן נייגען איהר קאָפּ צום קוואַל. —

און זי פלעגט אהין קוקען לאַנג אויף זיך און אויפ'ן הימעל, וואָס שפּיגעלט זיך ווייט הינטער איהר — — — —

און דער שווארצער וואַלד פון איהרע געקרויזטע האָר פלעגט זיך דאַן צושיטען איבער איהר נאַקען. —

און זי פלעגט דערפיהלען, אַז די האָר האָבען זיך אָנגעווארימט אָן דער זון, און זיי ריהרען ווארים אָן איהר לייב.

און זי פלעגט זיי שטיל אָננעמען מיט איהרע הענד און פלעגט נאָך אַ מאָל דערפיהלען זייער ווארימקייט. — —

און זי פלעגט זיי קינדעריש טוליען צו איהרע פערציטערטע ברוסטען.

און זי פלעגט זיי אָנגעמען און זיך ארומוויקלען מיט זיי דעם האַלז.

און די חבר'טעם פלעגען קוקען אויף איהר צובליהטען לייב, אויף איהר ראָז צובליהטען פנים מיט די ליכטיגע גרויסע אויגען, וואָס איז ארומגעהאַלזט מיט די געדיכטע שווארצע האָר — און פלעגען איהר זאָגען וויינענדיג:

דו ביזט ווי אַ טאָכטער פון דער זון און דו ביזט נאָך פיעל שעהנער פון דער זון.

און זי פלעגט זיך איינהילען אין איהר ווייסען טוך, און זי פלעגט זיך הייסען ברענגען ווייסע טויבען.

און זי פלעגט זיי קוקען אין די אויגעלעך.

און זי פלעגט גלעטען מיט די ווארימע פעדערלאַך פון זייערע רונדע קעפּעלאַך — איהרע פולע רויטע ליפּען און די דינע הויט פון איהרע באַקען — — — —

און זי פלעגט זיי לעגען אין איהר שויס.

און די טויבען פלעגען נעמען ווארקען צו איהר.

און זי פלעגט נעמען ליעב פלוידערען צו זיי, ווי אַ קינד און ווי אַ מאמע — — — — —

און נאָכדעם פלעגט זי זיי אָבלאָזען.

און די טויבען פלעגען אויפפּאַטשען מיט די ווייסע פליגלען און פלעגען אַוועקפליהען.
און שושנה פלעגט זיך אויפהויבען און זיי נאָכקוקען מיט איהרע ברייט צעפּענטע אויגען, ווי זיי פליהען אַוועק ווייט, ווייט...
און איינמאָל, ווען זי האָט אַזוי נאָכגעקוקט די טויבען, איז צו איהר צוגעקומען איהר שוין לאַנג געשטאָרבענע מאַמע. — — —
און שושנה האָט גאָר קיינמאָל ניט געדענקט איהר מאַמען.
און דער מאַמע'ס פּנים איז געווען פערדעקט מיט אַ געדיכטען שלייער. —
...נאָר שושנה האָט געוואוסט אַז דאָס איז די מאַמע.
...און די מאַמע האָט איהר געקושט די ליפּען.
... און די מאַמע האָט איהר געקושט דעם שטערען.
און די מאַמע האָט איהר אַריינגענומען אין איהר שלייער.
און די מאַמע האָט זיך איבערגעבויגען איבער איהר און האָט זיך צואווינט. — — — —

*

און ניט איינמאָל, ווען ווייט אין דער בלויקייט פלעגען זיך נעמען טוקען און שווינדען די פינטלען פון די ווייסע טויבען, האָט שושנה פאַר זיך דערזעהן דעם הויכען גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד, ווי ער געהט אום איבער דער בלויער לופט אַ באָרוועסער, מיט זיין גרויסען שטעקען אין האנד. — — —
און ער קומט צו איהר.
און ער שטעלט זיך אַוועק פאַר איהר.
און ער שטעהט אַזוי לאַנג, לאַנג.
און ער קוקט אויף איהר, ביז ער ווערט ניט.
און איינמאָל, ווען שושנה האָט אַזוי נאָכגעקוקט די ווייסע טויבען, האָט זיך פאַר איהר צעפּענט דער הימעל. — — —
און דער צעפּענטער הימעל איז צוגעקומען צו איהר גאָר נאָהענט.
און זי האָט דאָרט דערזעהן:
אַ ווייסער וועג וואָס איז אויסגעבעט פון ווייסע וואָלקען.

און פוןביידע זייטען שטעהען ווייסע מלאכים.
און אַרויף אויפ׳ן וועג זיצט גאָט אויף זיין שטוהל. — —
און ער איז איינגעהילט אין אַ גרויסען וואָלקען
און פון ביידע זייטען פון איהם שטעהען צוויי ליכטיגע מלאכים.
און אויף הינטען פון זיין שטוהל איז פוסט און וויסט — — — —
און דער גרויסער גרייז מיט׳ן הויכען שטעקען געהט איבער׳ן וועג, אויפ׳ן וועג צו איהם. — — —

*

און איהרע חבר׳טעס שטעהען הינטער איהר, קוקען אויף איהר און וויינען. — — — —

## ט.

ברכיה איז ערגעץ אוועק און איז ניט געבליבען.

און דעם גבור פלעגט מען אַלע פאַרנאַכט זעהן ווילד לויפענדיג אויף זיין גרויסען שלאַכט־פערד איבער די דערפער און פעלדער פון גלעד. —

און די איינוואוינער פלעגען אויפציטערען און איהם נאָכקוקען און נאָכזיפצען.

אַט פלעגט מען איהם זעהן אויף איין בארג און אַט — אויף אַ צווייטען. —

און מען האָט געזעהן — ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

און ער שפּרינגט איבער די שפּיצען פון די בערג; קוקט און זוכט זיין טאָכטער.

און דערזעהט ער זי, קומט ער קיינמאָל ניט צו צום פּלאַץ, וואו זי געפינט זיך. — — —

און אַזוי טאָג איין, טאָג אויס.

און איינמאָל, ווען דער גבור איז געקומען צוריק פון זיין פאַרנאַכטיגען וועג, האָט איהם ביי זיין טיר בעגעגענט זיין טאָכטער. —

דאָס האָבען זיך שוין געענדיגט איהרע צוויי חדשים, און זי איז געקומען צוריק. —

דעם גבור'ס הארץ האָט זיך נאָך שווערער פערקלעמט.

און ווען שושנה האָט אָנגענומען דאָס פערד פאַר'ן צוים, האָט דאָס פערד גענומען הירזשען צו איהר און ציהען צו איהר דעם קאָפּ און דעם האַלז מיט ליעבשאַפט און בענקען, ווי דאָס פערד וואָלט געפיהלט, אַז עס זעהט זי צום לעצטען מאָל.

און שושנה האָט געהאַלטען דאָס פערד פאַר'ן צוים און געקוקט אויף

דעם און דאָס געגלעט לענגער ווי אַלע מאָל. און נאָכדעם האָט זי גע־נומען אַרומשטויבען דעם גבור.

און דעם גבור'ס פּנים איז געווען פינסטער.

און ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט זי אַריינגעלעגט איהר קאָפּ אין זיין שויס.

און דער גבור האָט אַרויפגעלעגט זיין האנד אויף איהר קאָפּ.

און זי איז אַזוי לאַנג געלעגען און איז ניט איינגעשלאָפען.

און נאָכדעם האָט זי ווי פון שלאָף געפרעגט:

— אַ יאָ, טאַטע, ברכיה איז געווען אַ גוטער?

און דער הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן האָט זיך אַזוי פּלוצלונג אַרויס־געריסען פון די הענד און איז אַנטלאָפען — — —

און איצט בלאָנדזשעט ער דאָרט אַרום אויף יענע בערג, איינער איינער אַליין — אַ הירש מיט אַ זילבערנעם האָרן.

און, אַ יאָ — פון דאַנען וואָלט ער אַזוי ווי אַ מענש געבענקט אַהין, אַהיים? — — —

און פאַר וואָס, טאַטע, האָבען זיך בעוויעזען ביי דיר גרויע האָר אין באָרד? אָ, טאַטע? אַזוי פיעל גרויע האָר! — — — —

און צו געדענקט ער נאָך איהר מאַמע. זי איז געווען אַ הויכע, איאָ?

ו.

און אויף מאָרגען איז אויף איינעם פון די בערג געווען פאַרטיג דער מזבח פון האָלץ.

און עס איז געווען גרייט דאָס פייער.

און שושנה איז אליין אַרויף און האָט זיך אַוועקגעלעגט אויפ'ן מזבח.

און ווען מען האָט אונטערגעלעגט דאָס פייער איז אַ ציטער אַריבער די לייבער פונ'ם גאַנצען פאָלק וואָס האָט זיך פערזאַמעלט אויפ'ן באַרג.

און ווען דאָס פייער האָט דערגרייכט דאָס האָלץ, האָט שושנה מיט אַ מאָל אויף זיך דערפיהלט גאָט'ס גייסט און זי איז אויפגעשפּרונגען.

און דאָס פייער האָט שוין דערגרייכט איהרע באָרוויסע פיס און דעם זוים פון איהר קלייד.

און זי האָט פערנאַנדערגעשפּרייט איהרע הענד, ווי אויף צו בענשען.

און זי האָט אויסגעשריען אויף אַ הויכען קול:

„געדענק ישראל! גאָט, דער גאָט פון אברם, דער גאָט פון הימעל, איז דיין גאָט!"

און די פלאַמען האָבען זיך מיט אַ מאָל אַ הויב געטהאָן אַרויף איבער איהר ווייסען קלייד.

און עס האָבען זיך אָנגעכאַפּט און אַ פלאַקער געטהאָן איהרע צו־לאָזטע האָר.

און איבער איהר קאָפּ האָבען זיך צועפענט די טירען פון הימעל.

און עס זיינען אַרויסגעפלויגען פייער מלאכים.

און ווי דאָס פאָלק האָט דאָס דערזעהן, איז דאָס געפאַלען אויפ'ן פנים, און עס האָט זיך געבוקט.

און דער גבור איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פערשטיינערטער.

און ווען דאָס פאָלק איז געפאַלען מיט'ן פנים צו דער ערד און האָט

זיך געבוקט, איז דער גבור געבליבען איינער איבער אַלעמען.
און ער האָט אין זיך דערשטיקט אַלע זיינע וועהטאָגען.
און ער האָט אויפגעהויבען און פערשפּרייט זיינע הענד צום צועפּענ־טען הימעל און האָט אויסגעשריען:
„זיי געבענשט און געלויבט פון אייביג ביז אייביג!"

און באַלד נאָך דעם האָט דער גבור דערהערט הינטער זיך אַ צורייצ־טען געשריי:
„בן זונה!! ווען דו וואָלסט ניט געווען קיין בן זונה וואָלט גאָט ביי דיר ניט געװען צוגענומען דיין איינציג קינד!"
דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויפגעציטערט פון דעם פּלוצלונגען אויס־געשריי.
און דער הימעל האָט זיך באַלד פערשלאָסען.
און דעם גבור'ס פּנים איז מיט אַ מאָל געוואָרען שוואַרץ ווי קויל.
און ווען ער האָט זיך אומגעדרעהט האָט ער הינטער זיך דערזעהן ברכיה'ן.
און ווען ברכיה האָט זיך בעגעגענט מיט'ן גבור'ס פּנים, איז ער משוגע געוואָרען פון שרעק.
און רמליהו האָט גלייך אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד פון זיין שייד און האָט זיך מיט איהר געלאָזט צו זיין זוהן, אָבער דער גבור האָט איהם אָבגעהאַלטען.
און ברכיה האָט זיך צולאַכט מיט אַ משוגענעם געלעכטער.
און ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פערד און איז אוועק.
און באַלד האָט זיך נאָך אין פאָלק דערהערט אביבעל'ס שטימע:
„יהוה האָט ביי אברם'ען ניט צוגענומען זיין קינד, ביים בן זונה האָט ער עס צוגענומען, ווייל ער איז אַ בן זונה! און ווייל ער איז ניט ווערטה צו זיין דער האר און דער הערשער צווישען אונז!"
און דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיט אַ מאָל גענומען מורמלען — — —
און פון דעם געמורמעל האָט ביים גבור גענומען גליווערען דאָס בלוט הינטער'ן הארצען.

און דאָן זיינען נאָך אַריבער די ברידער פון דעם שבט, וואָס אויף יענעם זייט ירדן און זיינען אָנגעפאַלען מיט געשרייען און מיט שטיינער:

„בן זונה! פאַר וואָס ביזטו געגאַנגען מלחמה האַלטען מיט די בני עמון אָהן אונז?"

און דער גבור האָט זיי געענטפערט:

„איך האָב דאָך אייך גערופען און איהר האָט דאָך מיך געלאָזען אליין אין מיין נויט.

און זיי האָבען ווייטער געשריען:

„בן זונה! בן זונה! מיר ווילען ניט, אַז אַ בן זונה זאָל געוועלטיגען איבער אונז.

„דיין הויז זאָל אויף דיר פערברענט ווערען אין פייער! אין פייער!...

*

און עס איז געוועזן ווען דעם גבור'ס קריעגער האָבען דערהערט, ווי מען רעדט שלעכטס אויף זייער גבור, זיינען זיי אָנגעפאַלען —

און אין יענעם טאָג איז פון דעם שבט אויסגע'הרג'עט געוואָרען צוויי און פערציג טויזענד מאַן.

און אין דער שלאַכט איז פון דער האַנד פון אַביבעל געפאַלען דעם גבור'ס איינציגער פריינד — זיין גוטער רמליהו.

## יא.

און דאַן איז דער גבור געבליבען אַליין.

און צו זיינע אויערען איז נאָך געקומען דאָס געשריי פון פאָלק: דו ביזט אַ פערשאָלטענער! דו ביזט אַ בן זונה! ווען דו וואָלסט ניט געווען קיין בן זונה, וואָלט גאָט ביי דיר ניט געווען צוגענומען דיין טאָכטער, דיין איינציג קינד. בן זונה! בן זונה!

„דו גלויבסט אַליין ניט אין יהוה'ן — דו האָסט צו איהם מקריב געווען אַ מענשען.

„און אז דו וואָלסט ניט געווען קיין בן זונה, וואָלט דאָס ניט געקומען צו קיין ברידער מלחמה.

„דאָס בלוט פון די ברידער וועט פאַלען אויף דיין קאָפּ.

„און ווער וויים, וואָס נאָך פאַר אַ אומגליקען עס וואַרטען אויפ'ן פאָלק איבער דיר, ווייל דו ביזט אַ בן זונה! אַ בן זונה!“

און שרעקליך איז דאַן געווען צו זעהן דעם גבור אין די פארנאַכטען.

זיין באָרד איז ווידער הארט געוואָרען און זיך צוטהיילט אין בעזונדערע פּאַסען, וואָס פלעגען ווי בייזע שלאַנגען צוואַוואַרפען פלאַטערן אויף זיין גרויסער ברוסט, אויף זיינע הויכע, ברייטע אַקסלען.

און זיינע אויגען פלעגען בליצען פון כעס:

„און ער וועט זיך אָוועקטראָגען צו די העכסטע בערג.

„און פון זיין כעס וועלען שטיינער דאָרט צוריבען ווערען אין שטויב.

„און די שטאַרקסטע פעלזען וועט ער רייסען און וועט זיי מיט זיינע הענד שליידערען אַרויף צום הימעל, צו איהם! — — — — — —

„און זאָלען זיי פאַלען צוריק אויף די קעפּ פון זיין פאָלק!

„צוליעב וועמען האָב איך געקעמפּפט אויפ'ן שלאַכט פעלד?!

„צוליעב וועמען און פאַר וועמען האָב איך מקריב געווען מיין איינ־ציג קינד?!
„מיט וואָס קען בײַ דיר און בײַ דיין פאָלק אַ זינדיגער מענש זיך אויסקויפען פון זינד?!
„זינד, אין וועלכע ער איז גאָר ניט שולדיג!
„און צו האָב איך דיך ניט געדיענט מיט מיין גאַנצען הארצען?"
און די טענות פלעגען איהם קאָכען און זידען אין הארצען.
און פאַר זיינע אויגען פלעגט נאָך אויפשטעהן דאָס בילד פון די צוויי און פערציג טויזענד גע'הרג'עטע און געקוילעטע ברידער.
און דער גבור פלעגט זיך טרייסלען פון שרעק — און ער פלעגט זיך ארויפכאַפּען אויף זיין פערד.
און דאָס פערד פלעגט שוין דערקאָנען, אז דער גבור איז צורייצט, און עס פלעגט זיך נעמען טראָגען איבער גלעד.
און די לופט פלעגט זיך רייסען און שרייען דעם גבור אין די אויערען.
און איהם פלעגט זיך דאַכטען, אז די צוויי און פערציג טויזענד ברידער, מיט איבערגעשניטענע העלזער, מיט צוקרימטע מיילער, מיט צוהאַקטע קעפּ און פערבלוטיגטע פּנים'ער יאָגען איהם איהם נאָך אין דער לופט מיט זייער בלוט.
און דער גבור פלעגט נעמען טרייבען דאָס פערד אַלץ צורייצטער, אַלץ ווילדער. —
„ער וועט ארויף אויף איינעם פון די העכסטע בערג —
„און אזוי ווי זיין פּנים רייסט איצט די לופט, אזוי וועט ער מיט זיינע הענד צורייסען די הימלען און וועט אהין אריינשרייען:
„ווער איז שולדיג פאַר דאָס ברידער בלוט?!
„אויף וועמעס קאָפּ זאָל פאַלען זייער בלוט?"
און ער וועט צונויפנעמען דאָס בלוט פון די צוויי און פערציג טויזענד און וועט דאָס אַ וואַרף טהאָן צו איהם. —
און זאָל דער ווייסער וואָלקען אין וועלכען ער איז איינגעוויקעלט, רויט ווערען.
זאָל ער רויט ווערען אין די אויגען פון אַלע מלאכים!

*

זאָל ער רויט ווערען אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט!

גאָר ווען דער גבור פלעגט אַרויף אויף איינעם פון די גאָר ווייטע בערג פלעגט זיך פאַר איהם אויפשפיגלען זיין גוט לאַנד, דאָס לאַנד פון בלאַנקען טורעם מיט דער ווייסער טויב —

און דער גבור פלעגט בלייבען שטעהן און לאַנג קוקען אַהין אין יענעם לאַנד.

און אַ שווער בענקען פלעגט נעמען קוועלען דעם גבור׳ס האַרץ.

און זיינע צורייצטע בליקען פלעגען זיך אָבשטעלען אויף דער ווייסער טויב.

ווי קלאָהר זי איז, ווי ווייס זי איז —

און אָט דאַכט זיך, רייסט זי זיך אָב און לאָזט זיך פליהען צו איהם...

די ווייסע טויב — די ווייסע טויב —

און דעם טורעם האָט ער אויפגעשטעלט נאָך דעם געשטאַלט פון פייער, וואָס גאָט האָט איהם בעוויזען אין חלום.

ווי שעהן, און וויפיעל ליעבע און שטאַרקייט עס איז געווען אין דער געטליכער האַנד, וואָס האָט פאַר איהם געהאַלטען דעם טורעם פון פייער הויך אין הימעל — — —

און וויפיעל חסד יהוה האָט מיט איהם געטהאָן ווען ער האָט אין איהם געגלויבט מיט אמת און ריינקייט.

און איצטער האָט יהוה פון איהם אָבגעטהאָן זיין חסד.

ווייל ער, דער גבור פון יהוה, האָט זיך ניט אין גאַנצען פערטרויט אויף יהוה׳ס שטאַרקער האַנד.

ווייל ער, דער גרויסער גבור פון יהוה, איז מיט אַמאָל צושראָקען געוואָרען און אין דער מינוט פון שרעק האָט ער מיט זיין זינדיג מויל אַרויסגעבראַכט אַ זינדיגען נדר.... און דערמיט ווידער געגעבען אַבי־בעל׳ן אַ וועג צום פאָלק, צום פאָלק וואָס וויל זיינע זינדיגע סעודות, די זינדיגע ימים טובים פון די פרעמדע געטער —

און דער גבור פלעגט נאָך אַזוי לאַנג שטעהן און קוקען אַהין און טראַכטען און איבערלעבען —

און עס פלעגט זיך איהם נעמען דאַכטען, אַז ער זעהט נאָך איצטער ווי זיין טאַכטער שפּרינגט איהם אַנטקעגען און שרייט צו איהם אַ פער־ציטערטע פון ליעבע און פרד:

„פאַטער, פאַטער! די זקנים פון גלעד זיינען צו דיר געקומען."

און דעם גבור'ס האַרץ פלעגט זיך דערביי אָפּט אויפהויבען מיט כעס און ביטערקייט.

ער וואָלט זיי וועלען בייז און וויסט שעלטען! —

אָבער פּאַר זיינע אויגען גליהט דער טורעם און עס פלאַטערט די ווייסע טויב.

... און עס עפענען זיך זיינע ליפּען און זאָגען:

„גאָט, זיי זיינען אַ דור אַ פערקרימטער און אַ פערדרייטער!

„זיי זיינען ניט מעהר ווי די וואָג וואָס זייערע פיס טראָגען. און זיי קענען זיך ניט אויפהויבען צו דיר.

„און איך בין דאָך נאָך דיינע געזעצען — דער זוהן פון אַ זונה.

„און איך בין געשטרויכעלט געוואָרען.

און די זינד פון מיין מוטער פאַלען אויף מיין קאָפּ און אויף מיין האַלז ווי שווערע מיהלשטיינער און לאָזען מיך ניט אויפהויבען זיך אין די אויגען פונ'ם פאָלק. און לאָזען מיך ניט אויפהויבען דאָס פאָלק צו דיר.

און דו אין דיין גרויסען דערבאַרימען, געדענק זיי ניט דאָס שלעכטס.

„איך — דיין קנעכט — בין זיי מוחל.

„און וואָלט איך געהאַט נאָך אַ קינד, וואָלט איך דאָס ניט פערמידען פון צו מקריב זיין צו דיר פאַר זייערע זינד. — אויב דאָס וואָלט נאָר דיין ווילען געוועז.

„ווייל איך ווייס, אַז דו ביזט גרויס.

„ווייל איך ווייס, אַז זייערע קינדער און קינדס קינדער וועלען דער־צעהלען פון דיין גרויסקייט צווישען די פעלקער."

---

# יב.

לאַנג אָבער האָט דעם גבור'ס האַרץ ניט געקענט אויסהאַלטען.
און איינמאָל, עס איז געווען אין דער צייט פון רעגען —
און עס איז געווען נאַכט —
און דער חושך איז געווען אָנגעפילט מיט רעגען און מיט דונערען און מיט בליצען —
און פון יעדען בליץ איז מיט אמאָל ליכטיג געוואָרען אויף די בערג און אין די טהאָלען —
האָט מען ביי דעם שיין פון די בליצען דערזעהן דעם גרויסען גבור אויף איינעם פון די בערג.
און ער איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער, אַ גרויער.
און די הענד האָט ער געהאַלטען אַרויף צום הימעל און האָט הויך און בייז געשריען.
ביז עס האָט זיך דערהערט אַ דונער, פון וועלכען דאָס גאַנצע לאַנד האָט אויפגעציטערט.
און דאַן האָט זיך מיט אַמאָל ווייט צושפּאָלטען דער פערוואָלקענטער הימעל —
און דער צושפּאָלטענער פּאַס האָט זיך פערצויגען ביז איבער אַ האַלבען הימעל. —
און דער ברייט צושפּאָלטענער פּאַס איז צוגעקומען ביז צום פּלאַץ וואו דער גבור איז געשטאַנען. —
און פאַר דעם גבור'ס אויגען האָט אַ בליץ געטהאָן אַ ליכטיגע ווייסקייט.
אַזאַ ווייסקייט האָט נאָך ביז דאַן קיין בן אדם אפילו אין חלום ניט געזעהן.
... און די ווייסקייט האָט ביי דעם גבור אַרויסגעקושט די נשמה...

*

און אַזוי איז געווען, וועלט איין, וועלט אויס:
אַמאָל איז געווען אַ גבור.
און דער גבור איז פֿערשוואונדען.
און די נאַכט, ווען ער איז פֿערשוואונדען איז געווען פֿול מיט רעגען און מיט בליצען.
און אויפֿ'ן אַנדערן טאָג אין דער פֿריה האָט זיך געגומען לייטערען.
און עס איז געווען, ווען עס האָט זיך גענומען לייטערען האָט מען צווישען די וואָלקען, אויף איינעם פֿון די בערג, דערזעהן זיין שווארצען פֿערד.
און ניט ווייט פֿונ'ם פֿערד האָט זיך געזעהן דער הויכער גרייז, האַל־טענדיג זיינע הענד אָן דעם הויכען שטעקען.
און אין אבענד — די זון האָט זיך אַ גרויסע, אַ רויטע געזעצט צווי־שען די וואָלקען פֿון די אַנטקעגענדיגע בערג — האָט מען דערזעהן שושנה'ן, דעם גבור'ס טאָכטער, דעם גבור'ס הארץ אויפֿ'ן מזבח, צווישען די רויטע וואָלקען.
און מען האָט דערזעהן — זי איז מיט אַמאָל אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿ'ן ברענענדיגען מזבח.
און זי האָט זיך אויסגעצויגען.
און זי האָט פֿאַרגאַנדערגעשפּרייט איהרע הענד.
און מען האָט דערהערט: זי שרייט פֿון דאָרט אויס מיט איהרע לעצטע כחות:
„געדענק ישראל! גאָט, דער גאָט פֿון אברם, דער גאָט פֿון הימעל איז דיין גאָט."



*

און אין די קלאָהרע בלויע נעכט פלעגען זיך נאָך די פאַסטוכער דערצעהלען:

„און דעם גבור'ס פערד איז געבליבען אליין.

„און קיינער האָט זיך ניט געוואָגט דאָס אַנצוריהרען.

„און אלע פאַרנאַכט פלעגט זיך דאָס דורכטראָגען איבער די דערפער און פעלדער פון גלעד, פונקט ווי דאַן, ווען דער גבור איז נאָך דערויף געזעסען.

„און לויפענדיג פלעגט זיך דאָס פערד אויסציהען אלץ לענגער און לענגער.

„און די נאָזלעכער פלעגען זיך ביי דעם פערד פערנאַנדערשפּרייטען ביז אינ'ם רויטען פלייש אריין.

„און די גרויסע שוואַרצע גריווע און דער גרויסער שוואַרצער עק פון דעם אויסגעצויגענעם ווילד־שוואַרצען פערד, פלעגען דערביי מורא'דיג פלאַטער'ן אין דער פאַרנאַכטיגער לופט.

„און עס פלעגט זיך טראָגען ווי עס וואָלט זיך דעם וועלען ארויס־רייסען פון דער אייגענער פעל.

„און די איינוואוינער פלעגען אויף דעם מיט שרעק אַרויסקוקען פון זייערע צעלטען.

„און שפּעטער אין אבענד — די טהאָלען זיינען שוין געלעגען אין שאָטען און נאָר די שפּיצען פון די בערג האָבען נאָך געגרייכט דעם גאָל־דענעם שיין, פלעגט מען דאָס פערד דערזעהן שטעהענדיג אויף איינעם פון די גאָר וויטע בערג.

און, ווי אַ זילבערנע נעץ, פלעגט זיך איבער'ן פערד שפּרייטען אַ געדיכטער ווייסער שוים.

„און עס פלעגט פון דעם זעצען אַ שווערע פאַרע.

„און די פּאַרע פלעגט זיך נעמען פאַרבען אינ׳ם שיין פון דער זון.

„און די פּאַרע פלעגט נעמען אויסזעהן ווי אַ פאַרביגער וואָלקען.

„און אין דעם פּאַרביגען וואָלקען פלעגט זיך פאַר די איינוואוינער בעווייזען דאָס געשטאַלט פון דעם גרויסען גבור, ווי ער רייט אויף זיין פערד.

„און די איינוואוינער פלעגען לאַנג שטעהן און מיט אויפגעהויבענע קעפּ און מיט אויסגעשטרעקטע העלזער קוקען צום בארג, צום פערד און צום גרויסען געשטאַלט וואָס זעהט זיך אויפ׳ן פערד" — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —



וואלט וויטמאַן:

# *Salut au Monde*

אידיש: י. י. שוואַרץ.



1.

אַ, נעהם מיין האַנד, וואַלט וויטמאַן!
וואָס פאַר אַ דורכפליסענדע וואונדער! וואָס פאַר אַ בילדער און טענער!
אַזעלכע צוזאַמענגעשלאָסענע רינגען איינער געקייטעלט צום צווייטען!
איטליכער ענטפערט איעדען—יעדערער טיילט זיך די ערד מיט'ן צווייטען!

וואָס ברייטערט זיך אין דיר, וואַלט וויטמאַן?
וואָס פאַר אַ כוואַליעס און לענדער פליסען אַרוים דאָרט?
וואָס פאַר קלימאַטען? וואָס פאַר פערזאָנען און לענדער זיינען עס?

ווער זיינען די קינדער? אַנדערע שפּיעלענדיג, אַנדערע דרעמלענדיג?
ווער זיינען די מיידלעך? ווער זיינען די פרויען?
ווער זיינען די גרופּען פון זקנים וואָס געהען פּאַמעלעך די הענד פערוואָרפען איינער אויף דעם צווייטענ'ס שולטער?
וואָס פאַר טייכען זיינען די דאָזיגע? וואָס פאַרא פרוכטען און וועלדער?
ווי ווערען גערופען די בערגער וואָס הויבען זיך אויף אַזוי הויך אין די נעבלען?
וואָס פאַר מיריאַדען פון וואוינונגען זיינען עס, פול מיט בעוואוינער?

2.

די וויט ווייטערט זיך אין מיר, און די לייִנג לייִנגערט זיך;
אַזיען, אַפריקאַ, אייראָפּאַ זיינען אין מזרח — אַמעריקאַ ליגט אין מערב;
אומשנורענדיג די ערד וויקעלט זיך דער הייסער עקוואַטאָר;
זאָנדערבאַר, צו צפון און דרום בויגען זיך די ענדען פון די אַקסען;
אין מיר איז דער לייִנגסטער טאָג — די זון בעוועגט זיך אין קרומליכע רינגען — און געהט מאָנאַטען־לאַנג ניט אונטער;
אין בעשטימטער צייט שטייגט אַרוים אין מיר די מיטנאַכט־זון איבער דעם האָריזאָנט — און געהט אונטער;

אין מיר זיינען ים'ען, קאַטאַראַקטען, פלאַנצונגען, וואולקאַנען, גרופּען
און די גרויסע מערב־אינדישע אינזלען.

3.

וואָס הערסטו, וואָלט וויטמאַן?
איך הער דעם אַרבייטס־מאַן זינגען און דעם פּאַרמערס ווייב זינגען;
איך הער אין דער ווייטקייט קלאַנגען פון קינדער, און די גלעקלעך פון
פיה גאַנץ בעגינען;
איך הער דעם פלינקען רייפעל־שאָס פון די שיעסער פון מזרח־טענעסי
און קענטאַקי אין יאַגד אויף די בערג;
איך הער די קריעגרישע געשרייען פון אויסטראַליער, נאָכיאַגענדיג דעם
ווילדען פערד;
איך הער דעם שפּאַנישען טאַנץ, מיט קאַסטאַנעטען, אין שאָטען פון קאַ־
שטאַניען, צום טאַקט פון פידעל און גיטאַרע;
איך הער די ענדלאָזע עכאָס פון דער טעמזע;
איך הער פראַנקרייך'ס פייערליכע פרייהייטס־געזאַנגען;
איך הער פון איטאַליענער גאָנדאָליער די מוזיקאַלישע רעטשיטאַטיוו פון
אַלטע פּאָעמען;
איך הער דעם ווירגיניער פלאַנטאַציען־כאָר פון נעגערס, אין אַ שניט־
נאַכט, אין גלאַנץ פון צולעגטע פייערען;
איך הער דעם שטאַרקען באַריטאָן פון דעם ברעג־אַרבייטער פון מאַנהעטען;
איך הער די שיעף־אַרבייטער אויסלאָדענדיג די משא, זינגענדיג;
איך הער די געשרייען פון וואַסער־פויגעל אויף די אומעדיגע צפון־
מערב'דיגע אָזיערעס;
איך הער דעם רוישענדען שאַרף פון היישעריק, ווען זיי שלאָגען די תבואה
אין גראָז מיט רעגענס פון זייערע שרעקליכע וואָלקענס;
איך הער דעם קאָפּטישען רעפריין, קענגען אָווענד, פערטראַכטערהייד פאַ־
לענדיג אויף דער ברוסט פון דער שוואַרצער עהרווירדיגער
מעכטיגער מוטער־נילוס;
איך הער דעם אינסטרומענט פון דעם טראַפּטניק אויף די שטראָמען פון
קאַנאַדאַ;

איך הער דעם פייף פון מעקסיקאנער אייזעל־טרייבער און די גלעקלעך
פון מויל־אייזעל;
איך הער דעם רוף פון אראבער מועזין פון שפּיץ פון מאָשעע;
איך הער די קריסטליכע פּריעסטער ביי די אַלטאַרען פון זייערע קירכען —
דעם רעספּאָנדירענדען באַס און סאָפּראַנאָ;
איך הער דעם געשריי פון דעם קאָזאַק און דעם קול פון מאַטראָס, זיך
לאָזענדיג אויפ'ן ים ביי אָקאָטסק;
איך הער דאָס רוישען פון שקלאַפען־צוג ווען די שקלאַפען גהען פּאָר־
ווערטס — ווען די הייזעריגע באַנדע געהט ווייטער צו צוויי
און צו דריי צוזאַמען געשמיעדט מיט הענד־קייטען און פיס־
קייטען;
איך הער די תחנונים פון פרויען געבונדען צום שטראָף — איך הער דעם
קנאַל פונ'ם ביימש דורך דער לופט;
איך הער דעם העברעער לעזען זיין דברי־הימים און פסאַלמען;
איך הער די ריטהמישע מיטהען פון די גריעכען און די מעכטיגע רוימער־
לעגענדען;
איך הער די געשיכטע פון געטליכען לעבען און בלוטיגען טויט פון
הערליכען גאָט — פון קריסטוס;
איך הער דעם הינדו לערנען זיין בעליעבטען תלמיד די ליעבעס, מלחמות,
זאגען — וואָס זיינען זיכער אריבערגעגאנגען ביז צום היינ־
טיגען טאָג, פון דיכטער וואָס האָבען געשריעבען דריי טוי־
זענד יאָהר צוריק.

4.

וואָס זעהסטו, וואַלט וויטמאַן?
ווער זיינען זיי ווענען דו בעגריעסט, און וואָס איינע נאָך די אַנדערע
בעגריעסען דיך?
איך זעה א גרויסען רונדען וואונדער קויקלענדיג זיך אין דער לופט;
איך זעה קליינע פּאַרמס, דערפער, רואינען, בית־עלמינ'ס, תפיסות, פּאַב־

ריקען, פּאַלאַצען, היטען פון באַרבאַרען, צעלטען פון נאָמאַ־
דען אויפ׳ן שטח פון דער ערד;
איך זעה דעם שאָטענדיגען טהייל, וואו די שלאָפערס שלאָפען, אויף איין
זייט, — און דעם טהייל מיט זון בעגאָסען אויף דער צוויי־
טער זייט;
איך זעה דאָס זעלטזאַמע בייטען זיך פון ליכט און שאָטענס;
איך זעה ווייטע לענדער, אַזוי ווירקליך און נאָהענט צו זייערע בעוואוינער,
ווי מיין לאַנד איז צו מיר.
איך זעה אונענדליכע וואַסערען;
איך זעה בערג־שפּיצען — איך זעה די סיעררא׳ס פון די אַנד׳ען וואו זיי
קייטלען זיך;
איך זעה בולט די הימאַלאַיען, טשיאַן־שאַהן, אַלטאַיען;
איך זעה די ריעזען־שפּיצען פון עלברוס, קאַזבעק, באַזאַרדוסי;
איך זעה די פעלזען־בערג און דעם פעלז פון די ווינדען;
איך זעה די שטיירישע אַלפּען און די קאַרנישע אַלפּען;
איך זעה די פּירענעען, באַלקאַנען, קאַרפּאַטען — און צפון־צו די דאָפראַ־
פעלדער, און וויטער צום ים דעם העקלאַ־באַרג;
איך זעה דעם וועזואוויוס און עטנאַ — איך זעה דעם אַנאַהואַקס;
איך זעה די לבנה־בערג און די שנעע־בערג און די רויטע בערג פון מאַדאַ־
גאַסקאַר;
איך זעה די ווערמאָנט־היעגלען און די לאַנגע שניר פון די קאָרדילערען;
איך זעה די אונגעהייערע מדבריות פון מערב־אַמעריקאַ;
איך זעה די ליבישע, אַראַבישע און אַזיאַטישע מדבריות;
איך זעה די גרויסע פּירכטערליכע אַרקטישע און אַנטאַרקטישע אייזבערג;
איך זעה די גרעסערע אָקעאַנען און די קלענערע — דעם אַטלאַנטישען און
שטילען אָקעאַן, דעם ים פון מעקסיקאָ, דעם בראַזילישען ים,
און דעם ים פון פּערו;
די יאַפּאַנעזער וואַסערען — די פון הינדוסטאַן, דעם כינאַ־ים און דעם
ים־בוזעם פון גינעאַ;

דאָס אויסשפּרייטונג פון באַלטישען ים, קאַספּישען ים, באָטהניא, די
בריטישע ברעגען, און דעם אויסגום פון ביסקיי;
דעם קלאָר־זוניגען מיטעללענדישען ים, און פון איינעם צו דעם אַנדערען
פון זיינע אינזלען,
די אינגלענדישע פריש־בע׳טעם׳טע ים׳ען פון צפון־אַמעריקאַ,
דער ווייסער ים, און דער ים וואָס ארום גרענלאַנד.
איך זעה פאר זיך די ים־פאָהרער פון דער וועלט;
אַנדערע אין שטורעמס — אַנדערע אין דער נאַכט, וואַכענדיג אויף זייער
פּאָסט;
אַנדערע געטריעבען הילפלאָז — אַנדערע מיט אַנשטעקענדע קראַנקהייטען.
איך זעה די זעגעל־ און די דאַמפּף־שיפען פון דער וועלט, אַנדערע מחנות־
וויז אין די האַפענס, אַנדערע אויף זייער וועג;
אַנדערע ראַנגלען זיך ביים קאַפּ פון שטורעמס, אַנדערע ביים קאַפּ־ווערדע,
אַנדערע ביים קאַפּ־גאַרדאַפוי, באָן, אָדער באיאַדאָר;
אַנדערע ביים דאַנדראַ׳ס קאַפּ, אַנדערע שווימען דורך די שמאָלע וואַסער־
דורכגאַנגען פון סונדאַ, אַנדערע ביים קאַפּ־לאָפּאַטקאַ;
אַנדערע ביים האָרען־קאַפּ, אַנדערע אויפ׳ן בוזעם פון מעקסיקאַנער ים
אָדער לייננ־אויס קובאַ אָדער האיטי — אַנדערע אויפ׳ן
האַדסאָן־אויסגוס, אָדער באַפינס אויסגוס;
אַנדערע געהען דורך דעם דאָווער־דורכגאַנג — אַנדערע שווימען אריין
אינ׳ם „וואש“, אַנדערע אין דעם פיאָרטה פון סאָלוויי, אַנ־
דערע ביים קאַפּ־קלאָר — אַנדערע ביי די לאַנד׳ס ענד;
אַנדערע קרייצען דורך דעם זודערזעע אָדער דעם שעלד;
אַנדערע בעהעפטען זיך צו די ארויסגאַנגען און אריינגאַנגען פון סענדי־
הוק;
אַנדערע צו די קומענדע און געהענדע ביים גיבראַלטאַר אָדער דאַרדאַנעלען;
אַנדערע ברעכען זייער וועג דורך פער׳עקשנ׳ט דורך די צפונ׳דיגע אייז־
קריהעם;
אַנדערע געהען ארויף און אראָב די אָב, אָדער לענאַ;

אַנדערע דעם ניגער אָדער קאָנגאָ — אַנדערע דעם אינדוסט, בראַמאַפּוטער און קאַמבאָדיאַ ;

אַנדערע וואַרטען אין זייערע האַפּענס אין מאַנהעַטען, אויפ'ן דאַמפּף, פּערטיג אָנצופאַנגען ;

וואַרטען, פּלינק און פּערשוואַרצט, אין די פּאָרטען פון אויסטראַליען ;

וואַרטען אין ליווערפּול, גלאַזגוי, דובלין, מאַרסעל, ליסאַבאָן, נעאַפּאָל, האַמבורג ברעמען, באָרדאָ, האַאַג, קאָפּענהאַגען ;

וואַרטען אין וואַלפּערייזאָ, ריאָ זשאַנעיראָ, פּאַנאַמאַ ;

וואַרטען אויף זייערע אַנקערס אין באָסטאָן, פּהילאַדעלפיאַ, באַלטימאָר, טשאַרלסטאָן, ניו־אָרלעאַנס, גאַלוועסטאָן, סאַן־פּראַנציסקאָ.

.5

איך זעה די אייזענבאַהנען־וועגען פון דער ערד ;

איך זעה זיי פּעראייניגען שטאַאַט צו שטאַאַט, שטאָדט צו שטאָדט, דורך צפון־אַמעריקאַ ;

איך זעה זיי אין גרויס־בריטאַניע, איך זעה זיי אין אייראָפּאַ ;

איך זעה זיי אין אַזיען און אין אַפריקאַ.

איך זעה די עלעקטרישע טעלעגראַפען פון דער ערד ;

איך זעה די פעדים פון די נייעס פון מלחמות, טוידטען, שאָדען, געווינס, ליידענשאַפטען פון מיין ראַסע.

איך זעה די לאַנגע טייכען־שטרייפען פון דער ערד ;

איך זעה וואו די מיססיסיפּי פליסט — איך זעה וואו די קאָלאָמביאַ פליסט;

איך זעה דעם גרויסען טייך און די ניאַגאַראַ וואַסער־פאַלען ;

איך זעה דעם אַמאַזאָן און דעם פּאַראַגוַי ;

איך זעה די פיער גרויסע טייכען פון כינאַ — דעם אַמור, דעם געלען טייך, דעם יאַנג־טסי און דעם פּערל ;

איך זעה ווי די סענע פליסט, — און וואו דער דאָנוי, די לוארא, דער רהאָן און דער גוואַדאַלקוויוויר פליסען ;

איך זעה דאָס שליינגלען זיך פון וואָלגאַ, דניעפּער, אָדער ;

איך זעה דעם טאָסקאַנער שווימענדיג אַראָב דעם אַרנאָ, און דעם וועגע־
ציאַנער לייגנג־אוים דעם פּאָ;
איך זעה דעם גריעכישען מאַטראָס אַרויסשווימען פון עגינאַ אויסגוס.

6.

איך זעה דעם געגענד פון אַלטען קעניגרייך פון אשור, פון פערסיען
און פון אינדיען;
איך זעה דאָס פאַלען פון דעם גאַנגעס איבער דעם הויכען ברעג פון
סאוקאַרא.
איך זעה דעם פּלאַץ פון דער געטליכער אידעע פערקערפּערט פון אוואטאַרען
אין מענשליכע פאָרמען;
איך זעה די פּלעצער וואו די פּריעסטער האָבען איינע נאָך די אנדערע
נאָכגעפאָלגט אויף דער ערד — אָראקעל, בראַנד־אָפּפערער,
בראַהמינען, סאַבינען, לאַמען, גלחים, מופטים, וואָהרזאָגער;
איך זעה וואו די דרואידען האָבען געשפּאַציערט דורך די וועלדער פון
מאָנא;
איך זעה די טעמפּלען פון די טויטע קערפּערם פון געטער — איך זעה די
אַלטע חרטומים.
איך זעה קריסטוס נאָך אַמאָל עסען די ברויט פון זיין לעצטען מאָלצייט,
אין מיט פון בחורים און זקנים;
איך זעה וואו דער שטאַרקער געטליכער יונגער מאַן, הערקולעס, האָט לאַנג
און טריי זיך געמיהט, און דאַן געשטאָרבען;
איך זעה דעם פּלאַץ פון אונשולדיג רייך לעבען און אונגליקליכען גורל פון
דאָס שעהן נאַכט־קינד, דעם פול־גליעדערדיגען באַקכוס;
איך זעה דעם בליהענדען קנעפּה, געקליידט אין בלוי, מיט די פעדער־קרוין
אויף זיין קאָפּ;
איך זעה הערמעס, אונפערדעכטיג, שטאַרבענדיג, הייס־בעליעבט זאָגענדיג
צו זיין פאָלק: ניט וויינט נאָך מיר,
דאָס איז ניט מיין ריכטיג היימאַטה־לאַנד, איך האָב געלעבט פערטריעבען פון
מיין אייגען היימאַטה־לאַנד, איך געה צוריק אַדאָרט,

איך קעהר צוריק זיך צו די הימעלשע ספערען — וואו יעדער איינער געהט ווען ס'קומט זיין צייט.

.7

איך זעה די שלאַכט־פעלדער פון דער ערד — גראַז וואַקסט אויף זיי און בלומען און קאָרען;
איך זעה די שפּורען פון אַלטע און נייע פאַרשונגסרייזען.
איך זעה נאָמענלאָזע מויערארבייט, מיטטהיילונגען פון אונבעוואוסטע פּאַסירונגען, העלדען, געשיכטע פון דער ערד.
איך זעה די פּלעצער פון לעגענדען;
איך זעה סאָסנע און טענענבוימער אויסגעריסען פון צפון־שטורעמס;
איך זעה גראַניט־שטיינער און פעלזען־ברעגען — איך זעה גרינע לאָנקעס און ים'ען;
איך זעה די בערג־קברים פון סקאַנדינאַווישע העלדען;
איך זעה זיי, הויך אויפגעהויבען פון שטיינער, ביים ברעג פון אונרוהיגע אָקעאַנען אז די טויטע העלדענ'ס גייסטער, ווען מיעד פון זייערע שטילע קברים, זאָלען זיך אויפהויבען פון זייערע מויערען, און קוקען אויף די שטורעמדיגע כוואַליעס, און ווערען אָבגעפרישט דורך די שטורעמס, אונענדליכקייט, פרייהייט, בעוועגונג.

.8

איך זעה די סטעפּעס פון אזיען;
איך זעה מאָנגאָליען, — איך זעה די געצעלטען פון די קאַלמיקען און באשקירען;
איך זעה די נאָמאַדישע שבטים מיט סטאַדעס שאָף און רינדער;
איך זעה לענדער איינגעקארבט מיט טהאָלען — ווילד־וואַלד און וויסטע־נייען;
איך זעה דעם קעמעל, דעם ווילדען פערד, די אַנטילאָפּע און דעם וואָלף.
איך זעה די בערג־לענדער פון אביסיניען;

איך זעה סטאַדעס ציעגען זיך פּאַשענדיג — און זעה דעם פיינען־בוים,
טאַמאַרינד, טייטעלבוים ;
איך זעה פעלדער פון ווייץ, און זעה די פּלעצער פון גרין און גאָלד ;
איך זעה דעם בראַזילישען וואַקוועראָ ;
איך זעה דעם באָליוויאַנער ארויפשטייגען בארג־סאָראַטא ;
איך זעה דעם וואַכאָ דורכשניידען די סטעפּעס — איך זעה דעם אונפער־
גלייכליכען רייטער מיט'ן לאַססאָ אויף זיין אָרעם ;
איך זעה איבער די פּאַמפּאַס דאָס נעיעג אויף ווילדע בהמות פאַר זייער פעל.

9.

איך זעה דעם מוטהלאָזען רויטען־מאַן אין מערב, בלאָנדזשענדיג אַרום די
ברעגען פון מאַאינגאָ און די פּעפּין־אָזיערע ;
ער האָט צונעהערט צום וואַכטעל, און געזעהן דעם האָניג־ביהן, און טרויע־
ריג זיך צונעגרייט צום צושיידען.
איך זעה די שנעע־ און אייז־רעגיאָנען ;
איך זעה דעם שאַרף־אויגיגען סאַמאָיעד און פינן ;
איך זעה דעם ים־הונד־פאַנגער אין זיין שיפעל, ציעלענדיג זיין שפּיז ;
איך זעה דעם סיביריער אויף זיין לייכט געבויטען שליטעל, געשלעפּט
פון הינד ;
איך זעה די וואַלפיש־יעגער פון דרום'דיגען שטילען ים און פון צפון'דיגען
אַטלאַנטישען ים ;
איך זעה די שפּיציגע פעלזען, גלעטשערס, אייז־שטראָמען, טהאָלען פון
שווייץ — איך שפּיר די לאַנגע ווינטערס און די אָבגע־
זונדערטקייט.
איך זעה די שטעדט פון דער ערד, איך בין אָהן אונטערשייד אַ טהייל
פון זיי :
איך בין אַן עכטער פּאַריזער ;
איך בין אַן איינוואָהנער פון וויען, סאַנקט־פּעטערסבורג, בערלין, קאָנ־
סטאַנטינאָפּאָל ;
איך קום פון אַדעלייד, סידני, מעלבאָרן ;

איך בין פון לאָנדאָן, מאַנטשעסטער, בריסטאָל, עדינבורג, לימעריק;
איך בין פון מאַדריד, קאַדיקס, באַרצעלאָנאַ, אָפּאָרטאָ, ליאָן, ברוססעל,
בערן, פראַנקפורט, שטוטגאַרט, טורין, פלאָרענץ;

איך געהער צו מאָסקווע, קראַקוי, וואַרשאָ, אָדער צפון־צו, אין כריסטיאַ־
ניאָ אָדער שטאָקהאָלם — אָדער צום סיבירישען אירקוטסק
— אָדער ערגעץ אין אַ גאַס אין איסלאַנד;

איך לאָז זיך אַראָב איבער די דאָזיגע שטעדט און הויב זיך ווידער אויף
פון זיי.

.10

איך זעה טומאַנען זיך אויפהויבען פון ניט קיין אויסגעפאָרשטע לענדער;
איך זעה די ווילדע טיפען, דעם פיילענבויגען, דעם גיפטיגען פייל.
איך זעה אַפריקאַנישע און אַזיאַטישע שטעדט;
איך זעה אַלזשיר, טריפּאָלי, דערנע, מאָדאַגאָר, טימבוקטו, מאָנראָוויאַ;
איך זעה די מענשען־מאַסען פון פעקין, קאַנטאָן, בענאַרעס, דעלהי,
קאַלקוטאַ;
איך זעה דעם קרומאַן אין זייןביידעל און דעם דאַהאָמאַן און אַשאַנטי
אין זייערע ביידלעך;
איך זעה דעם טערק רויכענדיג אָפּיום אין אַלעפּאָ;
איך זעה די בילדערהאַפטע מענגען צו די מעססען אין כיוואַ, און די פון
הערראַט;
איך זעה טעהעראַן און זעה מוסקאַט און מעדינאַ און די זאַמד־מדבריות
צווישען איך זעה די קאַראַוואַנען זיך שלעפּענדיג פאָרוועַרטס.
איך זעה עגיפּטען און די עגיפּטער — איך זעה די פּיראַמידען און אָבע־
ליסקען;
איך בעטראַכט די אויסגעקריצטע געשיכטע, געזאַנגען, פילאָסאָפיע, אויס־
געהאַקט אין זאַמד־שטיין אָדער אין פעלז־שטיין;
איך זעה אין מעמפּיס מומיען־היילען, ענטהאַלטענדיג מומיען, באַלזאַ־
מירט, איינגעוויקעלט אין ליינען, ליעגענדיג דאָרטען צעהנד־
ליגע יאָהרהונדערטע;

איך קוק אויף דעם געפאַלענעם טהעבאַנער, אויף די גרויסע אויגען־עפּעל,
אויף דעם האַלז צום זייט געבויגען, אויף די הענד אויפ׳ן
ברוסט פערלעגט.

איך זעה די שקלאַפען פון דער ערד האַרעווען;

איך זעה די געפאַנגענע אין די תפיסות;
איך זעה די פעהלערהאַפטע מענשליכע קערפּער פון דער ערד;

איך זעה די טויבע און שטומע, אידיאָטען, הויקערס, נאַכט־וואַנדלער;

איך זעה די ים־רויבער, גנבים, בעטריעגער, מערדער, שקלאַפען־מאַכער
פון דער ערד;

איך זעה די אונבעהאָלפענע קינדער און די הילפלאָזע אַלטע מענער און
פרויען.

איך זעה מאַן און פרוי איבעראַל;

איך זעה די ליכטיגע ברודערשאַפט פון פילאָזאָפען;
איך זעה די אויפבויענדע קרעפטען פון מיין ראַסע;

איך זעה די פרוכט פון געדולד און אינדוסטריע פון מיין ראַסע;
איך זעה שטאַנדען, פאַרבען, ווילדקייט, ציוויליזאַציאָן, — איך געה דורך
זיי — איך מיש זיך אויס אין זיי אָהן אונטערשייד —
און איך בעגרים אַלע איינוואָהנער פון דער ערד.

.11

דו, ווער דו זאָלסט ניט זיין!

דו, טאָכטער אָדער זוהן פון ענגלאַנד!

דו, פון די מעכטיגע סלאַווישע שבטים און קעניגרייכען! דו רוס און
רוסלאַנד!

דו שווארצער אפריקאנער מיט געטליכער זעעלע, פון דונקעלער אָבשטאַ־
שטאַמונג, גרויס, מיט שעהן געבויטען קערפּער און קאָפּ,
בעשטימט צו גרויסקייט, אויף אַ גלייכען פוס מיט מיר!
דו נאָרוועגער, שוועד! דענער, איסלאַנדער!

דו שפּאַניער פון שפּאַניען! דו פּאָרטוגעזער!

דו פראַנצויז און פראַנצויזין פון פראַנקרייך!

דו בעלגיער, דו פרייהייט־ליעבהאָבער פון נידערלאַנד!
דו מוטהיגער עסטרייכער, לאָמבארד, באָהעמיער, פויער פון שטייערמארק!
דו, שכן פון דעם דאנוי.
דו ארבייטער פון רהיין, עלבע, אָדער וועסיער! דו ארבייטערין אויך!
דו סאַרדיניער! באוואריער! שוואב, זאַקס! וואַלאַך, בולגאר!
דו בירגער פון פּראג! רוימער! נעאפּאָליטאנער, גריעך!
דו, בויגזאמער מאטאדאָר אויף דער סעווילער ארענא!
דו, בערג־בעוואָהנער, לעבענדיג אונגעזעצליך אויפ'ן טאורוס אָדער קאווקאז!
דו שעהן־געבויטער פּערסיער, אין פולען האסט אויפ'ן זאָטעל, שיעסענדיג פיילען אין ציעל!
דו כינעז און כינעזערין פון כינא! דו טאָטאר פון טאטארען־לאנד!
איהר, פרויען פון דער ערד, אונטערוואָרפען אייער ארבייט!
דו, איד, וואנדערענדיג אין הויכען עלטער דורך אַלע סכנות, כּאָטש איינמאָל צו שטעהן אויפ'ן סירישען באָדען!
איהר, אַנדערע אידען, ווארטענדיג אין אַלע לענדער אויף אייער משיח!
דו, דענקענדער אַרמעניער, פערטיעפט אין געדאנקען אויף דעם עופראט'ס שטראָמען!
דו, פאַרשענדיג די רואינען פון נגוה! דו, בעשטייגענדיג דעם בארג־ארדט!
דו, פּילגרים, מיט פערוואונדעטע פיס, בעגריסענדיג דעם וויטען פונק פון די מינארעטען פון מעקא!
איהר, שייכען, אויף דער שטרעקע פון סועץ ביז באַב־על־מאַנדעב, רעגיערענדיג אייערע פאמיליען און שבטים!
איהר, אוילבערט־פלאנצער, וואָס ברענגט אויף אייער פרוכט אויף די פעלדער פון נצרת, דמשק, אָדער ביים ים פון טבריה!
דו, סוחר פון טיבעט, רייזענדיג וויט איבערן לאַנד, אָדער האנדלענדיג אין די קראָמען פון לאססא!
דו יאפּאנעזער מאַן אָדער פרוי! דו וואָהנער פון מאדאגאסקאר, ציילאָן, סומאטרא, באָרנעאָ!

איהר אַלע לאַנד־בעוואוינער פון אזיען, אפריקא, אייראָפּא, אויסטראליען,
אָהן אונטערשייד פון פלאַץ!
איהר אַלע פון די אונגעצעהלטע אינזלען פון דעם ים'ס ארכיפּעלאַגען!
און איהר, פון צוקינפטיגע דורות, ווען איהר הערט מיך צו!
און איהר, יעדער איינער און פון איבעראַל, וועמען איך בעצייכען ניט, דאָך
שליעס איך אייך איין מיט אַלע אַנדערע!
גענונד צו אייך! שלום צו אייך אַלעמען — פון מיר און אמעריקא.
איטליך פון אונז אונפערמיידליך;
איטליך פון אונז אונבעגרענצט — איטליך פון אונז, מיט זיין אָדער מיט
איהר רעכט אויף דער ערד;
איטליך פון אונז מיט דעם אייביגען ענדציעל פון דער ערד;
איטליך פון אונז אזוי הייליג ווי אירגענד וועלכער אויף דער ערד.

.12

דו האָטענטאָט מיט'ן קנאַקעדיגען גומען! איהר וואָל־האָריגע האָרדען!
איהר, שקלאַפען, טריעפענדיג מיט שוויים־טראָפּען און בלוט־טראָפּען!
איהר מענשליכע געשטאלטען מיט אונערגרינדליכע איינדרוקספאַלע חיה־
געזיכטער!
איך וואַג ניט אייך אָבשטויסען — דער וועלט־ציעל, צייט און שטח ליגען
אויף מיר!
דו אָרעמער טהיער־מענש אויף וועמען דער ניעדריגסטער פון אַלע אַנדערע
קוקט מיט פעראַכטונג טראָץ אייער גלימערענדע שפּראַך און
זעעלע!
איהר נידעריגע אָבשטאַמונגען פון די בערג פון יוטאַה, אָרעגאָן,
קאַליפאָרניא!
איהר קליינגעוויקסיגע קאַמטשאַטקער, גרענלאַנדער, לאַפּ!
דו אויסטראַלישער נעגער, נאַקעט, רויט, שמוציג, מיט אַראָבגעהאַנגענעם
ליפּ, ארומזוכענדיג דיין שפּייז!
דו קאַפּפער, בערבער, סודאַנעזער!
דו מאָגערער, רויהער, אונגעלערענטער בעדואין!

איהר, פערפּעסטעטע מאַסען אין מאַדראַס, נאַנקין, קאַבול, קאַירא!

איהר, וועלכע באָדט זיך אין גאַנגעס!
דו פינסטערער נאָמאַר פון אַמאַזאָניאַ! דו, פּאַטאַגאָניער! דו, פידזשימאַן!

דו שקלאַף פון קאַראָליינאַ, טעקסאַס, טעננעסי!

איך ציה ניט פאָר קיין אַנדערע פאַר אייך;
איך רייד קיין וואָרט ניט קעגען אייך דאָרט הינטען וואו איהר שטעהט!

(איהר וועט קומען פאָראויס אין דער ריכטיגער צייט ביי מיין זייט!)
מיין גייסט האָט מיטליידענד און ענטשלאָסען דורכגעשוועבט די גאַנצע ערד;

איך האָב געזוכט מיין גלייכען און ליעבענדע — און האָב זיי געפונען דאָרט פאַר מיר אין אַלע לענדער;

איך גלויב, אַז די געטליכע השגחה האָט מיך מיט זיי אויסגעגלייכט.

13.

אָ, נעבלען! איך דענק, איך האָב זיך אויפגעהויבען מיט אייך און אוועקגעשוועבט צו פערשיעדענע וועלט־טהיילען און אַבזיכטליך אהער אראָבגעפאַלען;

אָ, ווינדטען! איך דענק, איך בין געטראַגען געוואָרען מיט אייך צוזאַמען!

אָ, וואַסערען! כ'האָב יעדען ברעג מיט אייך אין איינעם אָנגעריהרט!

איך בין דורכגעלאָפען וואָס יעדער טייך אָדער ים־אויסגוס אויף דער ערד לויפט דורך;

איך האָב גענומען מיין בעשטאַנד אויפ'ן באָדען פון האַלב־אינזעל, אויף אַ הויכען פעסטגעשטעלטען פעלזען, פון דאָרט אראָבצורופען:

Salut au Monde!

אין וועלכע שטעדט ליכט און וואַרעמקייט דרינגען אריין, דרינג איך אריין;

אויף יעדען אינזעל וואו פויגעל פליעגלען דורך זייער וועג — בין איך אויך געפלויגען!

צו אייך אַלעמען
הויב איך הויך מיין האַנד אויף און מאַך דעם צייכען,
וואָס זאָל נאָך מיר אין אַנבליק פערבלייבען אויף אייביג
פאַר אַלע ערטער און וואָהנונגען פון מענשען!

ר. אײזלאַנד:

# די יונגע

פון די אַלע בעמערקונגען וועגען די „יונגע“, וואָס מען פלעגט אַזוי אָפּט בעגעגענען אין די מ׳שטיינס געזאַנגט, ליטעראַרישע אַבטהיילונגען פון דער היגער פּרעסע, סאַי די וואָס זיינען געווען געשריעבען אין יענעם בעקאַנטען פּיפּיג־אַבלאַכענדען טאָן, און סאַי די וואָס האָבען געטראָגען דעם כאַראַקטער פון בלומדשט מליץ־יושר׳דיגען ערנסט, האָט מען געקענט אַרויסטראָגען דעם איינדרוק, אַז די „יונגע“ שטעלען מיט זיך פאָר אַ סאָלידע גרופּע, וואָס פערטרעט אַ געוויסע בעשטימטע און איינהייטליכע ליטעראַרישע ריכטונג.

אַז דאָס אַלעס וואָלט געווען אינטערעסאַנט לאָזט זיך ניט אָבלייקענען. צי וואָלט עס אָבער אויך געווען ווינשענסווערטה? — איז שוין אַן אַנדער פראַגע. אַזוי צי אַזוי, דערווייל לאָזט זיך מיט זיכערהייט בעהויפּטען: אַז קיין בעשטימטע ליטעראַרישע ריכטונג, שטעלען מיט זיך די „יונגע“ ניט פאָר. אַלץ וואָס זיי פערבינדט און גיט זיי דערמיט דעם כאַראַקטער פון אַ בעוועגונג, איז זייער אַלגעמיינער שטרעבען אויפצוהויבען די אַמעריקאַ־נער אידישע ליטעראַטור פון איהר ניעדריגען, כמעט פרימיטיווען צו־שטאַנד, און זי דערהויבען צו דער מדרגה פון קינסטלערישער פאָלקאָ־מענהייט.

דערצו איז נויטיג חבר׳שעס צוזאַמענלעבען; דערצו איז נויטיג אַן איינענער אָרגאַן, וואָרים בלויז דורך אָט די צוויי מיטלען קען מען פּטור ווערען פון דער אָנגעבלאָזענער אַפּוטרופּסות וואָס די פיהרער פון דער פּרעסע האָבען אויף זיך גענומען לגבי דער ליטעראַטור, און וואָס איז נאָך וויכטיגער — עס קאָן געשאַפען ווערען אַ ריינע ליטעראַרישע אַטמאָ־ספערע, וואָס אָהן איהר איז כמעט ניט מעגליך אַז עפּעס לייטישעס זאָל אויסוואַקסען.

אויף אַזוי פיעל איז דאָ איינהייטליכעס. אויף אַזוי פיעל בעוועגונג. וואָס אָנבעלאַנגט שוהלען אָדער ריכטונגען, לאָזט זיך בלויז אָנדייטען, אויף געוויסע עהנליכקייטען צווישען דעם און יענעם דיכטער; צווישען דעם

און יענעם דערצעהלער. װײטער אָבער געהט זיך יע־ער זיין אייגענעם װעג און פּראװוט מיט זיך װערען צופּריעדען אויף זיין אייגענעם שטייגער.

דאָס האָט מען געקענט בעמערקען גלייך בים ערשטען ארויסטריט װאָס די „יונגע" האָבען געמאַכט מיט זייער קליינעם זשורנאַל „די יוגענד". און דאָס האָט מען אויך געקאָנט בעמערקען אויף דעם גאַנצען מאַרשרוט װאָס זיי האָבען דורכגעמאַכט אין די זאַמעלביכער „טרוימען און װירקליכ־קייט", „ליטעראַטור", ביז אויף דעם איצטיגען זאַמעלבוך. מעהר ניט, װאָס פאַר דער צייט האָבען די יחידים געהאַט אַ מעגליכקייט זיך נעהנטער צו בעקענען איינער מיט'ן אַנדערן און אויף אַזאַ אופן זיך צו גרופּירען אין מעהר־װעניג עהנליכע ריכטונגען.

דאָס האָט אויך מיטגעהאָלפען דערצו, אַז מאַנכע װאָס זיינען פריהער געשטאַנען אין פאָדערגרונד, זיינען פערשטופּט געװאָרען אויף אַ זייט. און אַנדערע זענען גאָר אַנטשװיגען געװאָרען, און װידער אַנדערע האָבען אינ־סטינקטיװ דערפיהלט אַז זיי האָבען צװישען די „יונגע" מעהר קיין פּלאַץ ניט.

און דאָ איז געשעהן דאָס, װאָס געשעהט תמיד מיט אַלע בעװעגונגען:
— בלויז די זיינען פערבליבען, װאָס האָבען װירקליך װאָס צו זאָגען; בלויז די, װאָס גלויבען באמונה שלמה, אַז זיי זיינען די שעפּפער און די טרעגער פון אַ װיכטיגער מיסיאָן.

און אָט מיט די פערבליבענע װעט זיך בעשעפטיגען דער דאָזיגער אַרטיקעל.

1

## די דיכטער.

צװישען די ערשטע אידישע דיכטער און די „יונגע", איז ניטאָ קיין שום געמיינשאַפטליכעס, אַזוי אין דעם אַרט שרייבען װי אין די מאָטיװען. אויסער צװישען אברהם רייזען און יוסף ראָלניק, אַ חוץ אָט דער איינער אויסנאַמע, קאָן מען אין ערגעץ ניט אויפװייזען, אַז דער אָדער יענער פון די עלטערע דיכטער זאָל האָבען געהאַט אַ װעלכען ניט איז איינ־

פלוס אויף אימיצען פון די „יונגע“. גאַנץ אַנדערש אָבער איז דאָס געווען מיט די פּאַרגענגער פון די יונגע, ווי ה. רויזענבלאַט, י. אַדלער און טיילוויי אויך יואל סלאָנים.

אויף ה. רויזענבלאַט, למשל, פיהלט מען די השפעה אי פון ראָזענפעלד'ן אי פון יהואש'ן, פון פרוג'ן אַזוי גוט ווי פון רייזענ'ען. וויעדער אויף אדלער'ן האָבען אין אָנפאַנג געהאַט אַן איינפלוס ראָזענפעלד, באָוור־שאָווער און אָפּט אויך ע־על־שטאַדט. אמת, זיי זיינען ביידע ארויסגעגאַנגען פון די פערשיעדענע איינפלוסען און ווי ניט איז געקראָגען אַ געוויסע פיזיאָנאָמיע. אָבער אין גאַנצען גענומען, קלעפּען זיי נאָך אַן די אַלטע.

אַנדערש איז מיט יואל סלאָנים. כאָטש טיילוויי, ווי געזאָגט, פיהלט זיך אויף איהם אויך אַמאָל די השפּעה פון די אַלטע, איז ער אָבער באַלד אין אָנפאַנג געווען ניי אין זיין טאָן, פאָרם און אויך מיט זיינע מאָטיווען.

דערפאַר קאָן סלאָנים גערעכענט ווערען אַלס דער ערשטער פון די יונגע. ער איז געווען דער ערשטער מיט זיין ווילדען ריטם און מעלאָדיק; דער ערשטער וואָס האָט אין אַ בויגיגער פאָרם געפּרואווט איבערגעבען יענעם אינערליכען נשמה־צאַפּעל, וואָס לאָזט זיך מיט בלויז ווערטער ניט איבערגעבען. און ער האָט אויך דער ערשטער געפּרואווט איבערגעבען מיס־טישע שטימונגען. און אַחוץ דעם פערמאָגט ער אַ גרויסען זין פאַר שעהנ־הייט און עמפּפינדונג פאַר דער נאַטור. ביי איהם פיהלט זיך אויך תמיד יוגענד און בעוועגונג.

סלאָנים האָט אויך, ווי די מייסטע פון די יונגע, אַ געוויסע בעשטימטע פיזיאָנאָמיע, דורך וועלכער מען קען איהם דערקענען אין אַלע זיינע זאַכען. כאָטש זיינע ליעדער נעהמען אַרום פערשיעדענע טהעמאַס, וועלכע זיינען ווייט איינע פון דער אַנדערער.

נאָר דאָ איז דער אונטערשיעד. וואָרים וועהרענד די איבעריגע פון די יונגע האַלטען זיך מייסטענס אין ענגע ראַמען און זייערע פיזיאָנאָמיעס זיינען אינערליכע, איז אָבער סלאָנים'ס פיזיאָנאָמיע בלויז אַן אויסערליכע. זי שטעקט אין דער פאָרם.

און אָט די פאָרם איז כמעט דער גרעסטער פערדיענסט זיינער.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען אַ סך ראיות דורך ציטאַטען, נאָר ווער קען געהן אויפזאַמלען אַזוי פיעל צייטשריפטען און זשורנאַלען אין וועלכע זיינע ליעדער זיינען צושפּרייט?

אגב, וואָלט שוין טאַקע צייט געווען אַז זיינע ליעדער זאָלען ארויס אין בוך־פאָרם. וואָרים האָט ער דאָך שוין אַזוי פיעל געשריעבען! דערצו נאָך איז ער דאָך כמעט אַ קוריאָזיטעט, דערמיט וואָס ער איז דער איינציגער אידישער דיכטער געבוירען און אויפגעצויגען אויף'ן אַמעריקאַנער באָדען.

סלאָנים איז זעהר פּראָדוקטיוו. פערשטעהט זיך, אַז צווישען אַזוי פיעל זאַכען, געפינען זיך אויך פיעלע וואָס דער אינהאַלט איז פּונקט אַזוי ווערטהפול ווי די פאָרם. איבערהויפּט לאָזט זיך דאָס זאָגען וועגען זיינע לעצטע זאַכען.

ראַלניק.

דער פּרוכטבאַרסטער און פלייסיגסטער פון אַלע יונגע דיכטער, איז דער אָנגעבמורעטער און בייזער ראַלניק. זיין פלייסיגקייט קען פערגליכען ווערען צו דער פלייסיגקייט פון אַ מוראשקע. ס'איז ניטאַ דער טאָג, די שעה אַז ער זאָל זיך ניט בעשעפטיגען מיט זיינע ליעדער. און מען וועט ניט געפינען קיין צייטונג, זשורנאַל, אָדער וועלכע עס איז ליטעראַרישע אויסגאַבע, וואו מען זאָל איהם ניט בעגעגענען. און תמיד און איבעראַל איז ער אַלץ דער זעלביגער. תמיד מיט אַ פּרעטענזיע און איבעראַל אַ ברוגז'ער.

דאָס איז אפשר די הויפּט־אורזאַכע, וואָרום ער איז אַזוי ווענינ בעליעבט. און איז אַ דיכטער ניט בעליעבט, איז שווער, זעהר שווער מען זאָל איהם פערשטעהן. און ראַלניק'ען פערשטעהט כמעט קיינער ניט. דאָס האָט מען געקאָנט זעהן ווי די זאָגענאַנטע „קריטיק" האָט אויפגענומען זיין ביכעל ליעדער „אויפ'ן זאַמדיגען וועג".

איך וועל זיך אָבשטעלען בלויז אויף איין כאַראַקטער־שטריך פון זיין טאַלאַנט, און דאָס איז זיין סאַרקאַזם. טיילווייז דערפאַר וואָס זיינע סאַרקאַסטישע ליעדער זיינען די כאַראַקטעריסטישסטע פאַר איהם, אָבער דער־הויפּט דערפאַר וואָס אין זיי איז ער דער איינציגער. וואָרים אַזעלכע סאַר־

קאַסטישע לידער ווי ראַלניק האָט נאָך ביי אונז קיינער ניט געשריבען, און אפשר אויך גאַנץ ווייניגע ביי די אומות העולם.

נעמט למשל אַזאַ ליד ווי „מענשען לאַכען („אויפ'ן זאַמדיגען וועג", זייטע 15).

„מענשען לאַכען אוים די אויגען:
אין אַזעלכע קאַלטע צייטען
זאָל אַ האַרץ נאָך וואַרעם שלאָגען (!) —
כ'געה צום טייך מיין האַרץ אָבקיהלען...."

אָט די לעצטע שורה טרעפט שוין ווי אַ פייל געשליידערט פון אַ געניטען שיסער. איהר זיינט נאָך אָבער ניט פערטיג. לייענט דורך דאָס גאַנצע ליעד... ער וועט אין אייז אַ לאָך אויסהאַקען און דרינען דריי מאָל זיין האַרץ אָב'טובל'ען: איינמאָל ס'זאָל פערגעסען ליעבען; איינמאָל ס'זאָל פערגעסען האַסען, און אַ דריטען מאָל וועט ער לאַנג עס דאָרטען האַלטען

„ביז דאָס האַרץ וועט זיך איינשרומפּפען,
ווערען קאַלט און קליין און גליטשיג. —
דעמאָלט וועל איך איהר (עס?) בעקומען
פונ'ם אָבגרונד — אויף אַ פאָדים

וועל איך איהר (עס?) ביים לאָץ אָנבינדען.
איך וועל לויפען צו די מענשען
און וועל צורופען מיט שטאָלץ זיי:
„זעהט, איך בין שוין ווי איהר אַלע" !"

און איהר וועט זיך וואונדערען ווי קונציג ער פיהרט אייך אַזוי אַב אַן אַ זייט, בכדי אייך צו געבען אַזאַ פּאַטש אין פּנים, אַז איהר זאָלט פערגעסען וואו איהר זיינט.

דאָס נאַר־וואָס ציטירטע ליעד איז איינס פון זיינע ערשטע סאַרקאַסטישע זאַכען. צו דערזעלביגער צייט און צו דעמזעלביגען סאָרט געהערען אויך די ליעדער: „קנייפּ די באַק און שטעל די פאַרב" (זייטע 16), „מיין

שטעקען האָב איך אויסגעהאַקט שוין" (זייטע 32) און אייניגע אַנדערע.
און זיינען די אויבענדערמאַנטע לידער, שוין צוליעב זייער פאָרם און שפּראַך ניט מעהר ווי מיטעלמעסיגע, איז דערפאַר דאָס ליעד „צום טיש!" (זייטע 27), דאָס סאַרקאַסטישסטע און אייגענאַרטיגסטע אין דער גאַנצער אידישער פּאָעזיע. אין דעם ליעד האָט ער דערגרייכט כמעט זיין העכסטען שטאַפּעל: —

„צום טיש! צום טיש!
ווער געהט מיט מיר?
איך שטעל אין קאָן:
אַ לאַפּקע פון אַ שווארצען האָהן,
אַ שטיקעל פאַרב פּאַפּיר,
אַ חלום ניט פערענדיגט האַלב,
אַ ניט דערקוילעט קאַלב,
אַ טיטעל וואָס איז האַלב פערמעקט,
אַן עהרע, אָבגענוצט, פערפלעקט,
אַ שערבעל פון אַ סדר כוס,
אַ דאַרע בלאַט, א חורבה גראָז.

ווער געהט צום טיש?
ווער שפּיעלט מיט מיר?
איין איינציג קאָרט — אַ מלכה יונג.
איין איינציג שפּיעל — אַ זילבער קלונג.
איהר געהט ניט? ששאַ... איך שפּיעל מיט — מיר,
און נעהם זיך אַלע מלכות פיער.

ווי געזאָגט, איז ראַלניק דער איינציגער מיט זיין סאַרקאַזם. פרעגט זיך: וואָס האָט איהם געבראַכט צו אָט דעם סאַרקאַזם? דעם ענטפער דאַרויף איז ניט שווער צו געפינען אין פיעלע פון זיינע לידער, אַם דייט־ליכסטען אָבער אין אָט די שורות:

„געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
מיט זיינע בעהאַלטענע ליידען און פריידען.
זיין האַרץ האָט ניט זעלטען געוויינט און געזונגען
פאַר לייטען, פאַר לייטען — דאָך שטיל און בעשיידען.

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
זיין האַרץ האָט געזונגען — די ליפּען געשוויגען,
און קיינער פון אַלע אַרומיגע מענשען,
אוי, קיינער געהערט האָט דעם נגון."

זעלטען, זעלטען געלינגט עס איינעם אַזוי גוט זיך זעלבסט צו כאַראַק־טעריזירען, ווי ראַלניק האָט דאָס געטהאָן אין די אויבען ציטירטע שורות. אָט איז ער, דער איינזאַמער בחור, מיט זיינע בעהאַלטענע ליידען און פריידען, וועמענס האַרץ טהוט וויינען און זינגען, און פאַר מענשען בלייבט ער שטיל און בעשיידען. דער חילוק איז נאָר צווישען דעם אמת'ן לעבעדיגען ראַלניק און „י ע נע ם איינזאַמען בחור", וואָס זיין, ראַלניק'ס ניגון הערט מען יאָ, נאָר מען מאַכט זיך איהם פערהערען מיט אַ כיון. און טהאָן טהוט מען עס דערפאַר, ווייל זיין ניגון איז מייסטענס ניט קיין מעלאָדי־שער, און ניט אַנגענעהם פאַר'ן אויער, אָפטמאָל זאָגאַר אַן אונערטרעג־ליכער מיט זיינע פיעלע דיסאָנאַנסען. ראַלניק ווייסט דאָס, ראַלניק פיהלט עס און דערפון נעהמט זיך זיין אַנגעכמורעטקייט; דערפון זיין בייזקייט, און דערפון דאָס בעסטע וואָס זיין מוזע האָט אַרויסגעבראַכט: דער סאַרקאַזם.

גאַנץ אַנדערש האָט זיך ענטוויקעלט מאַני לייב, כאָטש דער אָנפאַנג איז בייביידען געווען געווען אַן עהנליכער. וואָרים איז ראַלניק אין אָנפאַנג געווען אַ תלמיד פון אברהם רייזען, האָט אויף מאַני לייב'ן אין אָנפאַנג געהאַט איין איינפלוס דער טרויעריגער וועלט־שמערצלער נאַדסאָן, צוויי דיכטער וואָס האָבען מאַנכע עהנליכקייטען אין זייערע גרונד־מאָטיוען. נאָר אפילו גלייך אין אָנפאַנג האָט מען שוין געקענט דערקענען דעם גרויסען אונטערשיעד צווישען ראַלניק'ן, וואָס איז אויפגעוואַקסען אין דער לופט פון דער האַרטער, קבצנ'ישער ליטאַ, און מאַני לייב'ן, וואָס האָט

אין זיך איינגעזאַפּט דעם מעלאַדישען אומעט פון דער קליין־דרוסישער סטעפּ. און אַזוי זעהען מיר אַז װעהרענד דער ערשטער איז געװען האַרט, אונגעהובעלט און מיט אַ פערלאַנג אַן אַרעמען פון אַ קבצן, איז מאַני לייב געװען צאַרט, עדעל און בויגיג, מיט אַ שמערץ פון ביינקשאַפט נאָך עפּעס װייטעס, אונבעשטימטעס. אונטער אַזאַ צושטאַנד האָט ער אָפּטמאָל אָנגע־נומען פרעמדע לײדען פאַר זיינע אייגענע. און דערפאַר האָבען זיינע ערשטע לידער, מיט זייער גאַנצען חן, געטראָגען דעם כאַראַקטער פון פּאַראַדיען און נאָכמאַכונגען. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און זיך גענומען ענטװיקלען צו דעם װאָס מיר קענען איהם הײנט, — אַלס דיכטער פון צאַרט־פיהלענדע, טרויעריגע, אַביסעל אָנגעשראָקענע נערװעזע שטי־מונגען, מיט זיין רייכער מעלאָדיע און גראַנציעזער פאָרם.

זיין ערשטע ליעד אין דיעזער ריכטונג איז געװען געדרוקט אין דעם זאַמעלבוך „טרוימען און װירקליכקייט“ אונטער'ן נאָמען: „אַ ליעד“. אמת, אַז אין יענעם ליעד איז ער נאָך ניט דערגאַנגען צו דער שטימונג, מיט װעלכער ער צייכענט זיך אַזוי אויס. דערפאַר אָבער האָט ער דאָרטען אַרויסגעצייגט אַזוי פיעל צאַרט־געפיהל, פיין־געשמאַק און מעלאָדיק, מעהר װי אין אַלעמען װאָס ער האָט געשאַפען ביז אַהער.

דאָס דערמאָנטע ליעד אַליין, װאָלט געװען גענוג איהם אַװעקצושטע־לען אין די ערשטע רייהען פון די יונגע אידישע דיכטער. איך װעל זיך אָבער דאַרויף מעהר ניט אָבשטעלען, װייל װי שעהן עס איז, געהט עס אָבער ניט אַריין אין דעם רייסטער פון זיינע נייערע לידער, װאָס כאַראַקטעריזירען איהם אַם מייסטען.

אויפצוזאַמלען די אַלע צייטשריפטען אין װעלכע זיי זיינען געדרוקט געװען, איז אַ צו שװערע אַרבייט. איך װעל זיך דאַרום מוזען בעגנוגען מיט אייניגע ציטאַטען פון זיין סעריע „אָבענד און נאַכט“, װאָס איז געװען געדרוקט אין דעם צװייטען זאַמעלבוך „ליטעראַטור“.

אגב איז די דאָזיגע סעריע כמעט גענוג, כדי צו בעקומען אַ בעגריף פון מאַני לייב'ס אַרט דיכטען.

װאָס איז דער גרונד־מאָטיװ ביי מאַני לייב'ן? דער צער פון אַ נשמה

וואָסביינקט און ווייס אַליין ניט נאָך וואָס. אָדער אפשר, קען זיין, אַז טיעף אינערליך איז זי זיך גאַנץ בעוואוסט וואוהין אָדער צו וואָס איהר ביינקשאַפט ציעלט, נאָר צוליעב געוויסע אומשטענדען, אין וועלכע זי צאַפּעלט זיך ווי אַ פיש אין דער נעץ, טרויט זי ניט פאַר זיך זעלבסט צו אַנטפּלעקען דעם אמת׳ן ציעל פון איהר ביינקשאַפט. און אויב דאָס איז דער פאַל, — וואָס איז אפשר ניט גאַנץ אונוואַהרשיינליך, — איז דער צער נאָך גרעסער. און אָט דער צער ברענגט פערדרוס, כעס און אונצופריעדענהייט מיט זיך און מיט אַלץ אַרום. און ענדליך אומעט און לאַנגוויילינקייט, און פון לאַנגוויילינקייט ביז צו שרעק איז בלויז אַ קליינער שפּרונג.

אָט דער גרונד־מאָטיוו, צ ע ר פ ו ן ב י י נ ק ש אַ פ ט, מיט זיינע פאָלגען: פערדרוס, כעס און אונצופריעדענהייט, אומעט, לאַנגוויילינקייט און שרעק, זיינען די קאַנווע אויף וועלכע עס זיינען אויסגעוועבט אַלע זיינע ליעדער. אַ טהייל זיינען געבויט בלויז אויף איין געפיהל, אָבער אין די מייסטע פיהלען זיך כמעט אַלע אויסגערעכענטע עלעמענטען.

נעמט אַ שטייגער דאָס קליינע ליעדעל „דער טאָג האָט געזעגענט זיך טרויעריג צאַרט...“ („ליטעראַטור“, 2טער בוך), וואו ער שטעהט אַ קראַנקער פון טאָג און וואַרט אויף דער נאַכט און לאַכט פונ׳ם טאָג וואָס געזעגענט זיך. און קומט אָן די נאַכט אויף וועלכער ער האָט געהאָפט און געוואַרט, בלייבט ער אַלץ קראַנק פון ביינקשאַפט ווי בעפאָר, און ער צולאַכט זיך מיט אַ היסטערישען געלעכטער.

„דער טאָג האָט געזעגענט זיך טרויעריג צאַרט.
און טרויעריג שטיל — כ׳האָב געלאַכט.
אַ קראַנקער פון טאָג — כ׳האָב געלאַכט און געוואַרט
מיט ווילד בייזער פרייד אויף דער נאַכט.

די נאַכט איז געקומען — מיין לאָמפּ האָט געברענט —
מיין האַרץ האָט געברענט אין דער נאַכט;
געוואַרט האָב איך... שמערצליך פערבראָכען די הענט...
געוואַרט האָב איך לאַנג.... כ׳האָב געלאַכט.“

און איהר געפינט דערין כמעט אַלע אויסגערעכענטע עלעמענטען.

איך האָב געבראַכט דאָס דאָזיגע ליעד ניט ווייל עס איז דאָס בעסטע, נאָר כדי צו אילוסטרירען זיינע יסודות. ווייל מען אָבער האָבען אַ בעגריף פון דער שעהנקייט פון פאָרם און רייכקייט אין מעלאָדיע, וועלכע האַרמאָנירען גלייכצייטיג אַזוי גוט מיט דער שטימונג, דאַרף מען איבערלייענען אָט דאָס פאָלגענדע ליעד:

„זי איז ביי דעם פענסטער אַ בלאַסע געשטאַנען,
אַ בלאַסע, אַ שטילע מיט פלאַמיגע אויגען.
געקוקט האָט זי ווייט, וואו די נאַכט האָט פערצויגען
די ראַשיגע שטאָדט אין טומאַנען,
אין רויט־גרויע שלייערס טומאַנען.

ווי עפּעס אַ מחנה צושטרויטע מכשפות,
אין ריעזיגע גרויע געביידען געשפּענסטער,
האָט כשופ׳דיג לאַנגזאַם אין שטאָק בלינדע פענסטער
געצונדען ברילי׳אַנטענע שרפות,
געצונדען פער׳חלום׳טע שרפות.

געברענט האָט די שטאָדט. און געברענט אויף איהר בלאַסען
געזיכט האָבען רויזען... צועפענט די אויגען
מיט פייער אַהן ווערטער האָט זי מיך געצויגען
אַהין אין די פלאַמיגע גאַסען,
אַהין אין די רוישיגע גאַסען.

מיין טיר איז געווען ניט פערשלאָסען ווי אימער.
געזאָגט האָב איך: שמעטערלינג מיינער, געטרייער,
דיך לאָקען די גאַסען אין נאַכטיגען פייער —
און מיך? — אָט די שאָטענס פון צימער. — —
און איך בין פערבליבען אין צימער.“ („ליטעראַטור“, 2טער בוך.)

און רייך ווי דאָס ליעד איז אין איהר פאָרם, איז נאָך רייכער אין שטימונג און שטאַרקייט דאָס ליעד „קושט דער שלאָף די אויגען איהרע“,

„איך האָב דיך פיינט"... (דאָרטען) און איינינע ליעדער וואָס געהען אריין אין דיעזען זאַמעלבוך.

די דאָזיגע ליעדער זיינען בלויז ווי א טראָפּען אין א ים אקעגען די אַלע אין פערשיעדענע זשורנאַלען צושפּרייטע, און נאָך מעהר וואָס זיינען אין כתב־יד, און פון וועלכע בלויז דער ענגער קרייז פון קאָלעגען האָט א בעגריף. איך וויל דאָ נאָך ברענגען בלויז איין ליעד וואָס איז ערשיענען אין „אידישען קעמפּפער" און דער לעזער וועט האָבען א בעגריף פון מאַני לייב'ס שעהנע און גראַציעזע דיכטונגען.

„דער טאָג פערגעהט...
פוץ אוים זיך אין דיין זיידען־ווייסע באַלען קלייד,
און לאָז פאַנאַנדער דיינע בלאָנדע לאָקען־צעפּ,
און אויף דיין קאָפּ ציה אָן אַ טרויער־שוואַרצע קרעפּ,
און טרייסעל אָב פון טאָגעדיגען שטויב דיין זעעל,
און געה דריי טריט אַרוים פון דיין פערזאָרגטע צעל',
די אויגען טרויעריג צום מערב־רוים געווענדט —
פאַרברעך איך תפלה'דיגען שווייגען דיינע הענט! —
און מיט פערקלעמטע ליפּען וויספּער שטומערהייט:
„דער טאָג פערגעהט"...
דער טאָג פערגעהט, דער טאָג פערגעהט, ער וועט פערגעהן,
און אויב דיר ווילט זיך ווייגען־ווייגען־ווייגען — וויין!
דער טאָג פערגעהט!"

א שטאַרקע עהנליכקייט צו מאַני לייב'ן, געפינט מען ביי זישא לאַנדוי. איבערהויפּט אין זיינע ערשטע זאַכען, צו וועלכע עס געהערען אויך עטליכע ליעדער, פון די וואָס געהען אריין אין דעם איצטיגען זאַמעלבוך. און די עהנליכקייט איז טיילמאָל אַזאַ שטאַרקע, אז ווען מען זאָל למשל נעהמען א ליעד פון איינעם און אונטער דעם אונטערשרייבען דעם נאָמען פון'ם צווייטען, וועט דער אויבערפלעכליכער לעזער קיינמאָל ניט אימ־שטאַנד זיין צו דערקענען אז דאָ איז געשעהן א פעלשונג. פּראָוווט אויף־

צו־פּלייסענס מאַכען אַ פערגלייך צווישען מאַני לייב׳ס אויבענדערמאָנטע ליעד „קושט דער שלאָף די אויגען איהרע“ און לאַנדוי׳ס „ס׳ נעמט אָוועגדען...“ וואָס דרוקט זיך אין דיעזען זאַמעלבוך, און איהר וועט שטוי־נען ווי עהנליך די צוויי דיכטער זיינען אין זייערע גערייצטע היסטערישע שטימונגען. אָדער צווישען דעם ערשטענ׳ס ליעד „דער טאָג פערגעהט..“ און דעם לעצטענס ליעד „ווען ס׳נעמט די ווינטער־זון די לעצטע שטראַה־לען...“ און איהר וועט זיך וואונדערען, ווי עלאַסטיש און בויגיג עהנליך דיביידע זיינען.

און דאָך איז די עהנליכקייט בלויז אַן אויבערפלעכליכע. וואָרים וועה־רענד פון מאַני לייב׳ס ליעדער וועהט אַ צאַרטקייט פון עטוואָס ווייבליכעס, טראָגען לאַנדוי׳ס ליעדער דעם כאַראַקטער פון אַ נערוועזען עדעל־ערצויגע־נעם קינד. און נאָך אַן אונטערשיעד, וואָס איז אפשר דער הויפּט חילוק צווישען די ביידע: ביי מאַני לייב׳ען פיהלט זיך מעהר תמימות און האַרציגקייט, פערקעהרט ביי לאַנדוי׳ן, מעהר אויסגערעכענטקייט און קלוגקייט.

און דאָ קומען מיר צו אַ פּונקט וואָס גיט לאַנדוי׳ן די אויבערהאַנד, וואָרים זייענדיג קלוג און אויסגערעכענט, וועט ער צומאָל דרייסטער און וואגט זיך צו געהן אויף פערשיעדענע וועגען, וועהרענד מאַני לייב האַלט זיך תמיד אין די זעלביגע ראַמקעס.

אָבער אָט די קלוגקייט לאַנדוי׳ס, ווי גוט און געהאַרכזאַם זי זאָל איהם ניט דיענען אין מאַנכע פון זיינע ליעדער, ווירקט זי אָבער אויף איהם נאָך מעהר פערפיהרעריש. און דאָס איז אייגענטליך די אורזאַכע, וואָרום אין זיינע נייערע זאַכען, ווי די וואָס האָבען זיך אין דער לעצטער צייט געדרוקט אין „דאָס נייע לאַנד“ און די „אידישע וואָכענשריפט“, בלייבט לאַנדוי פאַר אונז אַ רעטעניש.

ס׳איז למשל שווער צו פערשטעהן, ווי קומט דאָס, אז דערזעלביגער לאַנדוי, וואָס האָט אָנגעשריעבען אַזוי פיעל שעהנע סאָנעטען און אַזעלכע שעהנע, גראַציעזע און עלאַסטישע פערזען ווי:

„און פּוינליך שמייכלענדיג נעם איך מיט זיי דיין יוגענד בילד בעקראַנצען.
די קינדיש לאַכענדיגע אויגען מיט פערוועלקטער בלום פערדעקען.
די קינדיש לאַכענדיגע אויגען מיט פערוועלקטער בלום פערדעהען,
די קינדיש לאַכענדיגע אויגען — — — — — —"

צי דאַס שטאַרקע, שטימונגספּולע און בילדליך רייכע ליעד „ס׳נעמט אָוועג־דען...." (די אַלע דערמאַנטע ליעדער דרוקען זיך אין דיעזען זאַמעלבוך), זאָל פּלוצים אַנהויבען שרייבען אַזעלכע בלאַסע כמעט גאַר ניט זאָגענדע, כאָטש אַזוי פיעל פּרעטענדירענדע ליעדער ווי „פונקען" (יאָהרבוך „דאָס נייע לאַנד") און אַנדערע פון דעם זעלביגען סאָרט.

אין דער לעצטער צייט איז לאַנדוי איבערהויפּט אַ רעטעניש פאַר זיין שפּיעלען זיך מיט קריסטליכען מיסטיציזם. און אויב איך מאַך ניט קיין טעות ליעגט די סבה, אחוץ אין שלעכטען איינפלוס פון דרויסען, אין דעם וואָס ער האָט אַזאַ קנאַפּע ידיעה פון דער גרויסער אידישער קולטור. ווארים מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז אַ נייגונג צו מיסטיציזם און רעליגיעזיטעט פיהלט זיך אויך אין זיינע ערשטע זאַכען. (קען זיין אַז דאָס איז דערפאַר וואָס אַליין איז ער אַ רינגעל פון אַן איבערגעריסענער גאָלדענער קייט פון צדיקים און רביים.) און וואָלט ער, דער שפּראָצלינג פון רביים, געוועזן געהאַט אַ ידיעה פון דער אידישער קולטור, כאָטש אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער איז בעקאַנט מיט דער קריסטליך אייראָפּעאישער, קען זיין אַז ער וואָלט ווירקליך געשאַפען עפּעס גרויסעס אויף אָט דעם פעלד.

אַזוי אָבער מאַכט ער אויף אונז מיט זיין רעליגיעזיטעט גאַר קיין איינדרוק ניט. און טראָץ זיין גאַנצער כלומר׳שטער התלהבות, ווילט זיך פערקוועטשען מיט די פּלייצעס און איהם צורופען: „מיר גלויבען דיר ניט, מיר גלויבען דיר ניט!"...

דער סך הכל: לאַנדוי איז ווי מאַני לייב אַ דיכטער פון נערוועזע, נע־רייצטע שטימונגען, מיט דעם חילוק, וואָס אַנשטאָט יענעם׳ס צאַרטקייט, תמימות און האַרציגקייט, פערמאָגט ער קלוגקייט. און אָט די קלוגקייט פערפיהרט איהם אין דער לעצטער צייט אויף דעם פאַלשען וועג פון בע־

וואוסטזיניגער דעקאַדענץ. און עס ווילט זיך איהם צורופען: אבּיסעלע ווענינער געקליגעלט זיך חבר לאַנדוי, כאָטש אַ קליין ביסעלע ווענינער.

און קען מען אויפווייזען אַן עהנליכקייט צווישען די אויבענדערמאָנטע דיכטער, לאָזט זיך דאָס ניט זאָגען פון מ. ל. האַלפּערן. ער, האַלפּערן, שטעהט אַליין, און צו איהם איז קיינער ניט עהנליך.

שוין זיין פּאַטהאָס, שטאַרקייט און רייכקייט אין שפּראַך שטעלען איהם אוועק אויף אַ בּעזונדערען אָרט. איבּערהויפּט דער פּערנעם זיינער, אַזאַ ברייטקייט אין טאָן און רייכקייט אין פאַנטאַזיע און בּילדער פּערמאָגט נאָר אַ מייסטער.

און ווירקליך, אויב ס'איז אפילו אמת, אַז מאַני לייב און לאַנדוי זיי־נען טיעפער און אָפּטמאָל שעהנער אין דער אויסערליכער ווי אינערליכער פאָרם, איז האַלפּערן אָבער מעהר מייסטער פאַר זיי. און דערקענען לאָזט זיך עס אין דעם, וואָס זיי פערנעמען זיך נאָר מיט זייער אייגען וועלטעל, און זייערע טאַלאַנטען, ווי שעהן זיי זאָלען ניט זיין, זיינען דאָך ניט מעהר ווי איינזייטיגע, וועהרענד האַלפּערן'ס קוק איז אַ ברייטער און זיין טאַלאַנט אַ פיעלזייטיגער.

און דערפאַר געפינט מען טאַקע ביי איהם אי ליעדער פון אומעט און צער, אי אַזעלכע וואָס שפּרודלען מיט געזונטער לעבענס־פרייד; אי ליעדער פון ריין סוביעקטיווער ליריק, אי אַזעלכע אין וועלכע עס שלאָגט דער פולס פון אַלגעמיין נאַציאָנאַלע פּראָבּלעבען. און דאָס איז געוויס אַ פאַקט מיט וועלכען האַלפּערן איז שטאַרקער פאַר זיינע חברים.

און ס'וואָלט כדאי געווען זיך מעהר אָבּצושטעלען אָט אויף דעם נאַציאָנאַלען עלעמענט אין האַלפּערן'ס שאַפען. דאָס וואָלט מיך אָבער פערציהען צו לאַנג. איך וויל דאַרום בּלויז אָנווייזען אויף זיין טאָן און שפּראַך, צוויי זאַכען וואָס זיינען ביי האַלפּערן אַזוי ספּעציפיש אידיש.

ספּעציעל זיין שפּראַך. אַזאַ רייכע, ברייטע און צו דער זעלבּיגער צייט אַזאַ אמת'ן זאַפטיגען אידיש, פערמאָגט ביי אונז קיינער ניט, סיידען אפשר איגנאַטאָוו, וועגען וועלכען עס וועט מיר אויסקומען צו ריידען שפּע־

טער. (אגב, זיינען פאַראַן נאָך עהנליכקייטען צווישען דעם דיכטער האַל־פּערין און דעם פּראָזאאיקער איגנאַטאָוו. אָבער אויך וועגען דעם שפּעטער.)

מיין אָבשעצונג פון האַלפּערין וואָלט פיעל געוואונען, ווען איך זאָל קענען ברענגען ציטאַטען פון זיינע ליעדער, דערצו וואָלט אָבער נויטיג געווען אַ ספּעציעלע אָבהאַנדלונג וועגען איהם, וואָרים ווי געזאָגט, איז ער אפּיעלזייטיגער. אחוץ דעם זיינען זיינע זאַכען צוואָוואָרפען אין פערשיעדענע צייטשריפטען, וועלכע איך פערמאָג ניט. איך וועל איהם דארום פּרואווען צו כאַראַקטעריזירען אויף ווי ווייט איך געדענק איהם. און אַט וואָס:

האַלפּערין איז אַ דיכטער פון שטאַרקע, פּאַטהעטישע ליעדער, סאַי פון ריין סוביעקטיווער ליריק, און סאַי פון אַזעלכע וואָס האָבען אַן אַלגע־מיין נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. אָפטמאָל איז ער פול מיט לעבענס־פרייד, נאָר אָמבעסטען גיעבען זיך איהם איין, זיינע שאָטענהאַפטע, פּאַטהאָלאָ־גישע געשטאַלטען. אָבער אַם שטאַרקסטען איז ער אין זיין שפּראַך מיט איהר ברויזענדען ריטמוס, וואָס דערמאָנט צייטענווייז אָן די נביאים. ער איז אויך טיילמאָל גייסטרייך און סאַטיריש. און דאָ ווערט ער שוואַכער, וואָרים אַט די דערמאָנטע צוויי אייגענשאַפטען מאַכען איהם אַמאָל, ווי לאַנדוי'ן, ערשיינען צו קלוג, אַ זאַך וואָס ווירקט תמיד צום שלעכטען. און אַט איז נאָך אַ שוואַכער פּונקט: זיין נייגונג צו מליצה און רעפלעקסיע, און אויך דאָס וואָס ער איז ערטערווייז צו דונקעל און אונפערשטענדליך.

איינציג און אליין שטעהט אויף דער געזונטער און לעבענס־פריידיגער י. י. שווארץ.

ער איז דער איינציגער צווישען די יונגע, וואָס פערמאָגט אַ געוויסען חוש פאַר דער נאַטור. און דער איינציגער אויף דערמיט, וואָס אָנשטאָט דעם וואָס די מייסטע פון די „יונגע" זיינען אומעטיג און שלעכט געשטימט, איז ער כמעט תמיד לוסטיג און פול מיט לעבענס־פרייד.

שווארץ האָט, פערקעהרט פון די אַנדערע, ליעב דעם טאָג, דעם העלען ליכטיגען טאָג, ווי ער שיינט איבער פעלדער און וועלדער. און אפילו אין

די נעכט, זעהט ער אויך ניט דאָס טונקעלע און שרעקעדיגע, נאָר גראָד דאָס ליכטיג־פונקעלדיגע.

אוּן קומט דער פריהלינג, און ער זעהט:

„גייע, פרישע, בלויע הימלען;
גאָלדנע, הייסע, צאַרטע שטראַהלען;
סאַמעט־ווייכע ווייטע פעלדער,
גראָז און בלומען — —"

און ער הערט ווי ערגעץ רוישט אַ קלאָרעס וואַסער; ערגעץ זשומען ביהנען; און ער זעהט ווי עס פלאַטערען זומער־פויגעלעך און ווי עס פלעכטען צאַרטע פינגער קרענץ פון בלומען; און ווי „עס וואַרפען זיך ווי שלאַנגען שוואַרצע צעפּ" און ווי „שטיפעריש קוקט אַרוים אַן אויגעל פון אַ קראַנץ בלומען", רופט ער אוים מיט ענטציקונג:

„בלויע בלומען — ראָזע בעקלעך,
ווייסע בלומען — שוואַרצע אויגלעך
שטעכען, גלעטען, ציהען, גליהען —
בלומען! בלומען!" („דאָס אידישע פאָלק", „אילזא".)

און קומט דער זומער האָט ער ליעב די חלומות פון וואַרעמע, ליכטיגע זומער־נעכט, חלומות מיט ווייסינקע, זילבערנע פליגעלעך (וואָס שוועבען און פלאַטערען....

אָבער די נעכט ווען עס

„פלעגט אַ גלוטהענדער חשך
אַזוי ווי אַ פייער, אַ שוואַרצער צוגיסען
זיך איבער דער קאָכיגער שטאָדט.

די נאַכט פלעגט אַזוי ווי אַ ווילדע וואַקכאַנקע
פון וויין און פון לוסט־טענץ פער'שכור'ט
אין ווילדע יסורים פון תאוה זיך קאָרטשען
און צאַפּלען און קלאַפּען זיך מיעד און ענטבלויזט
אַן דער דורשטיגער ערד.

דורך די אָפענע פענסטער אין פינסטערען צימער
פלעגט כוואַליעסווייז שטראָמען די זודיגע לאַווע

און אָנצינדען גליהענד די לופט —— ——" ("זומער נעכט")

און הויבען אָן פאַלען די בלעטער, ווען ביי די מייסטע דיכטער הויבט אָן צו זשומען אין די אויערען די טרויעריגע אלול־מעלאָדיען, דאַן ווערט שווארץ היגעריסען פון די

„לעצטע ליכטיגע פריהמאָרגענס פון אָבשטאַרבענדען זומער.
ס'איז שטיל און קלאָהר אַרום. און שטיל און קלאָהר איז אויפ'ן הארצען.
עס אָטעמט איין די מיעדע ברוסט דעם פרישען קאַלטען ריח
פון שווארצע, פייכטע ערד וואָס איז מיט פערלען מהוי בעשאָטען;
דער ריח פון צופוילטען געלען גראָז און בוימער פייכטקייט.
עס זינקען טיעף די פיס אין קופער־רויטע, בראַנזען ברוינע בלעטער,
וואָס רוישען שטיל און זאָגפט צום ריטהם פון דיין פוס טראָט —— —— "
(„ליטעראַטור", 1טעס בוך.)

און אפילו אין די לאַנגע און לאַנגווייליגע ווינטער נעכט זינגט ער אויך אַזא שעהנעם הימן צום לעבען, ווי זיין שעהנסטעס ליעד „אין א ווינ־טער־נאַכט" („טרוימען און ווירקליכקייט").

אָט דאָס איז שווארץ אין כמעט אַלע צייטען און אונטער אַלע אומ־שטענדען. און דאָס איז זיין פערדיענסט. וואָרים אין היינטיגען דור פון קרענקליך־נערוועזע מעלאַנכאָליקער, איז פשוט א פערגעניגען צו געפינען א געזונטען, לעבענס־פריידיגען דיכטער.

א גרויסען פערדיענסט האָט שווארץ זיך אויך ערוואָרבען מיט זיינע איבערזעצונגען, איבערהויפט די פון ביאַליק'ס שירים און א טהייל פון ר' יהודה הלוי.

שווארץ פערמאָגט אויך א סך גרויסע פעהלערען. און די זיינען: ערש־טענס זיין שפראַך. זי איז אפילו ערטערווייז גאַנץ רייך אין ווערטער, איהם פעהלט אָבער אַם מייסטען די זאַפטיגקייט און ריטהמישע אויסגעהאַלטענ־קייט; דאַן די אָפטע איבעריגע פראַזען און באַנאַלע גראַמען. אָט דער פעה־

לער פיהלט זיך אַם מייסטען אין זיינע ערשטע זאכען. אַבער זיין גרעסטער חסרון איז, וואָס איהם פעהלט שוואונג און פאַנטאַזיע.

אין די רייהען פון די יונגע געהט אויך אריין דער אייגענארטיגער פאָלקס־דיכטער יוסף באָנק. האָט ער דאָך אָנגעשריעבען אַזעלכע שעהנע ליעדער ווי „צוויי חבר'טעס", „ביים טייכעלע", „צו א מיידעלע" און „אוים א ראָמאַן". אויך ע. ל. פליישמאַן מיט זיין בריליאַנטענער טעכניק. זיינען זיי אַבער ביידע געפאַלען אלס קרבנות אויפ'ן מזבח פון „קיבעציזם".

צו די יונגע דיכטער קען מען אויך צורעכענען דעם א ביסעל צו מליצה'דיגען, דאָך אָפטמאָל גאַנץ שעהנעם מ. באסין, פראַדעל שטאָק, א. מ. דילאָן און ל. מילער. אַלע די זענען דיכטער מיט טאַלאַנט, וואָס וועלען זיך מעגליך נאָך שעהן ענטוויקלען.

---

אַט דאָס איז אַלעס, וואָס די יונגע דיכטער האָבען אויפצואווייזען ביז אהער. אפשר נים פיעל. אַבער שוין גענוג, אז עס זאָל בערעכטיגען א שטאָלצען סעפּאַראַטיזם.

און נעהמט מען אין אנבעטראַכט די אומשטענדען, אין וועלכע יעדער פון די „יונגע" געפינט זיך אינדיווידועל; און נעהמט מען אין אנבע־טראַכט דאָס גרויע, מאָנאָטאָניגע לעבען אויף דער אמעריקאַנער אידישער גאָס, אין וועלכען די „יונגע" קומט אוים צו לעבען אַלס קאָלעקטיוו; וואו אַלע איז רויה, גראָב און מאַטעריאַליסטיש; וואו ס'איז ניטאָ קיין שפּור פון טראַדיציע און וואו די אויפגעבלאָזענע געלע פּרעסע טויטעט אָפּ יעדען געשמאַק פאר זאכען, וואָס געהען ארוים פונ'ם געוועהנליכען באַנאַלען סאָרט.

און נעהמט מען איבערהויפּט אין אנבעטראַכט די צוקונפט, — אַט יענעם פינסטערען לאַבירינט, וואָס שרעקט ווי א געשפּענסט, דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידישע לעבען, און סטראַשעט עס אייַנצושלינגען — נעהמט מען אַט די אַלע זאכען אין אנבעטראַכט, דאַן מוז מען מיט רעס־פּעקט בעוואונדערען דעם טיעפען ערנסט, מיט וועלכען די „יונגע" גיבען זיך אָב צו זייער בערוף.

זישאָ לאַנדוי:

# I. דערנער

# II. מיידעלשע געזאַנגען

מאַני לייב:

# פון די ליעדער:

# „אָבענד און נאַכט“

## זישאָ לאַנדוי:

### I

### דערנער.

### 1

Warum sind denn die Rosen so blass,
O, sprich, mein Lieb‘, warum?

פון לײדען דונק׳לע אַנגסטליך־שטום,
איך דריק אַלץ פעסטער, פעסטער צו דער קאַלטער שויב
מײן הײס געזיכט: —

Warum sind denn die Rosen so blass,
O, sprich, mein Lieb‘, warum?

כ׳קעהר אָב זיך פון דער שויב מיט שרעק —
אוי, גאָט, מײן גאָט!
ס׳האָט אויף איהר פראָסטיג הײטעל אָבגעדרוקט זיך מײן געזיכט —
א בײזער פלעק — — — —
און װינקט צו מיר מיט גאַל און שפּאָט: —

Warum sind denn die Rosen so blass,
O, sprich, mein Lieb‘, warum?

2

אוי, די אויגען מיר פאַרדעק —
אַלעס זעהען זיי דאָך, אַלעס...
ס'טראָגט מיין שיפעל זיך אויף כוואַליעס
פונעם טעמפּען ים פון שרעק.

כ'בין אַ קליין און גלויביג קינד
מיט אַ טיעף צעקנייטשטען שטערען...
מיינע נערוועז — הערען, הערען
און דאָס האַרץ מיינס — בלינד איז, בלינד.

3

אין דער פינסטער זענען דיינע אויגען שענער —
מאַך די בייזע, סקריפּענדיגע לאַדען צו! —
דאַמאָלס איז דיין קליינער פּוס נאָך קלענער,
ציטעריגער, בויגזאַמער ביסטו — — —

אין דער פינסטער קלינגט דיין שטימע בילדער־רייכער,
דאַמאָלס וועהט פון דיר אַזויפיעל פרייד און רוה;
דיינע פינגער ווערען ווייכער, בלייכער,
ציטעריגער, בויגזאַמער ווערסטו — — —

4

זענען מיר אַלע געבאָרען אָהן ווילען,
זענען מיר אַלע אונמעכטיג און קליין —
לאָמיר ווי קינדער, ווי קליינע זיך שפּיעלען,
ווען אונזער זון וועט אין הימעל פערגעהן. —

פייגעלעך פליהען אַרום אין די לופטען,
שאָטענדלעך שפּרינגען אַרום אויף די ווענד,
וועלקענדע בלומען, ווי בליהענדע דופטען,
צאַרט זענען, ווייך זענען מיידעלשע הענד — — —

## 5

ס'נעמט אווענדען. מיר האַלטען איין דעם אָטעם. זיצען שטיל און הערען,
ווי ערגעץ וואו נעמט פּאַר דער וועלט ווער נעצען פינסטערע צו שטריקען.
און באַנג און באַנגער ווערט. און פון די דונקעל גרינליכע פּאָרטיערען,
אין פאַלדען זיי'רע איינגעשלאָסען, וואַרפט דער שרעק אונז זיינע בליקען.
און שטיל און שטילער ווערט. עס זינגט איצט איהרע לאַנגע מידע קלאַנגען
די מידע שטילקייט אויס. כ'דריק צו א שויב מיין שטערען דעם צוגליהטען...
אַלץ דונקעלער... אַ מיידעל צום קלאַוויר איז פּלוצים צוגעגאַנגען,
נעמט האַסטיג איינציגע אַקאָרדען, וואַרפט אַוועק זיי ראַש אין מיטען,
און ווי אין אונמאַכט, ווערט אין פּלושענעם פאָטעל צוריק פערזונקען.
פלעכט פיבעריש איין האַנד אין צווייטער. קוקט אויף אַלעם מיט אַ שטוינען
אַ רגע שטיל. עס וויספּערט דונקעל ווער. און גלייך דער זאַל דערטרונקען
געוואָרען איז אין איהר היסטעריש־נאַיענדיגען לאַכען־וויינען.
מיר קוקען שווייגענדיג זיך אָן. כ'דריק פעסטער צו דער שויב מיין שטערען.
מיט ציטעריגע ליפּען נעמט דאָס מיידעל אין זיך ס'וויינען שטיקען.
און בלייך און בלייכער ווערט. און פון די דונקעל גרינליכע פּאָרטיערען,
אין פאַלדען זיי'רע איינגעשלאָסען, וואַרפט דער שרעק אונז זיינע בליקען.

## 6

ווען ס'נעמט די ווינטער־זון די לעצטע שטראַלען אויף מיין פענסטער
שפּרייטען,
בעלויכטענדיג די שויבען מיט אַ קופּער־גרינעם שיין, אַ קאַלטען; —
פון שופלאַד נעם איך דאַמאַלס מיר אַרויס פערוועלקטע געלע קוויטען,
זיי האָב איך זומער דאָרט בעהאַלטען.

און פיינליך שמייכלענדיג נעם איך מיט זיי דיין יונגענד בילד בעקראַנצען,
די קינדיש־לאַכענדיגע אויגען מיט פערוועלקטער בלום פערדעקען,
די קינדיש לאַכענדיגע אויגען מיט פערוועלקטער בלום פערדעקען,
די קינדיש לאַכענדיגע אויגען. — — — — —

7

פאַר אַלעם זאָלסטו מיר פערגעבען,
וו׳אַ בעטלער שטעה איך ביי דיין טיר,
דערפאַר, וואָס האָסט געמוזט צוטרעטען מיר מיין לעבען —
זיי מוחל מיר!

ווייל ס׳מוז פאַר שאַנד דיין פּנים ברענען,
וואָס האָסט אַמאָל געהאַט מיך ליעב;
און ווייל פערגעבען וועסטו קיינמאָל מיר נישט קענען —
פערגיב! פערגיב!

8

פערשפּרייט איבער מיר דיין גענאָד:
צו שווייגען גיב כּח מיר, גאָט!

## II

## מיידעלשע געזאַנגען.

1

איך קוק אַלץ אויפ׳ן זייגער,
דאָס האַרץ געהט אויס פאַר שרעק.
כ׳וועל זיעבען — שרייבסטו — קומען
און אַכט איז שוין אַוועק.

דאָס אָווענד־ברויט צו עסען
האָב איך היינט נישט געקענט, —
געצערטעלט מיר די פינגער, —
דו קושטסט דאָך מיינע הענד.

איך ווייס ניט, צי געדענקסטו,
ווי ס'האָט אמאָל דיין האנד
די האָר מיר — כ'זאָג קיין ליגען —
געגלעט שטיל נאָכאַנאַנד —

כ'האָב זיי בעדעקט מיט קושען
און ליעב אַזוי פערקעמט,
„אַ שעהנע מיידעל בין איך"
געמורמעלט האַלב פערשעמט.

דו קום נאָר, קום נאָר גיכער,
דער זייגער שלאָגט שוין ניין!
מיר וועלעןביידע זיצען
אין גרויסען טאָג אריין.

2

דו ניט צעהל נאָר מיינע יאָהרען
און די קנייטשען פון מיין שטערען,
איך בין יונגער שוין געוואָרען
טראַכטענדיג: כ'וועל דיינע ווערען.

ס'נעמט אַ פרייד דאָס הארץ מיר קלעמען,
— כ'זאָל נאָר ניט דעם קאָפּ פערלירען, —
דו וועסט קומען, וועסט מיך נעמען,
וועסט אַהיים צו זיך מיך פיהרען.

אַלט וועל איך פון פראַצע ווערען
איידער ס'וועט די עלטער קומען.

גוט! ווען ס'וועט נאָר גאָט בעשערען,
אז אַ קינד צום יאָהר זאָל קומען.

זינגענדיג וועל איך פערוויגען
ס'קינד צוזאַמען מיט מיין טרויער...
און אין פיין זיך יאָהרען וויגען,
און איך ווער מיר גרויער, גרויער....

3

אוי, ווי ס'פלאַמט מיין אויער —
ס'טרייבט רכילות ווער.
איך בעדויער גאָרנישט,
דאָך ווערט אָפטמאָל שווער.

נאָר אַ טרייסט געוועזען
וואָלט מיר אין מיין פיין,
ס'קינד, וואָס דאַרף באַלד קומען,
זאָל אַ מיידעל זיין.

ווערט זי עלטער, זאָג איך
אַלעס איהר אַליין. —
ס'משפט ניט אַ טאָכטער,
זי וועט מיך פערשטעהן.

4

ניין, איך גלויב ניט, כאָטש דו שווערסט זיך:
ליעבסט מיך מעהר שוין ניט אַצינד, —
טראָג איך נישט דורך פיינען שווערע
אין מיין הארצען איצט דיין קינד?

אַלע טאָג ביי גאָט נאָר בעט איך:
ס׳קינד זאָל עהנליך זיין צו דיר;
גלעטענדיג דאָס קינד מיט ליעבע,
וועסט נישט טראַכטען דען פון מיר?

מעגען ים׳ען דיך פערטראָגען,
מעג אונז שיידען שטאָדט צי לאַנד —
אייביג האַלט אונז פעסט צוזאַמען
עפּעס אַ געהיימע האַנד.

## עפּילאָג.

ווייל ס׳האָט אַזוי געמיין פערשווינגען מיך די פּרעסע
און וואָס איך עס אויף מיטאָג שרייבט זי קיינמאָל ניט —
דערפאַר קען איך ביז איצט ניט קריגען קיין מעטרעסע
און נידעריגער פאַלען נעמט אַלץ מיין קרעדיט.

און וואָס אַ טאָג נעם איך אין חובות טיעפער זינקען,
אומזיסט נאָך מעצענאַטען שפּרייט איך אויס די הענד, —
אַ גליק, וואָס כ׳קען „מאַרטעלס" ערלויבען מיר צו טרינקען,
און שוואַרצע קאַווע קאָסט אין גאַנצען פינעף סענט.

וואָלט קאַווע טיי׳רער זיין — וואָלט איך זיך אויפגעהאַנגען,
און דיכטער גלייך צו מיר איז גאָר נישטאָ קיין סך!
דאָך, ווי דער פּרייז שטעהט איצט — מיט הערליכע געזאַנגען
קען איך מיר גליקליך מאַכען אונזער פאָלק און שפּראַך.

## מאני לייב

1

דו האָסט אין דער ווייט פון מיין וועג מיר א שיין אָנגעצונדען,
כאָטש דו ביסט קיינמאָל ניט געוועןְ און וועסט קיינמאָל ניט זיין;
און איך בין געגאַנגען צום שיין אויסגעמאַטערט אין וואונדען —
ווייל כ'האָב דיך געזעהן אין דעם שיין.

אָט האָב איך דערגרייכט שוין דעם שיין -און דער שיין איז פערשוואונדען,
און איך בין געפאַלען אין חושך'נעם איינער אַליין;—
האָסטו זיך גענייגט איבער מיר און מיט ליעבע געקושט מיינע וואונדען,
און איך האָב געהערט דיין געוויין.

2

דאָס ליכט געהט אויס, — מיין ליכט, איך זיץ אַליין,
דעם שלאָפלאָז־קראַנקען קאָפּ צום טיש געלעהנט,
די אויגען אויסגעלאָשענע, די הענט
פאַרבראָכענע אין צווייפעל, און איך וויין,
איך וויין אין שטומע גרויע נעכט אַליין.

מיין נאַכט! שפּרייט אויס פאַר מיר דיין שוואַרצען שוים!
ענטבלויז פאַר מיר דיין גיפטיג־קאַלטע ברוסט! —
און ווי א קינד פאַרזויגט, פאַרוויגט, פאַרקושט,
זויג אָן מיך מיט דיין סם, פאַרוויג, קוש אויס
דאָס ליכט, מיין ליכט וואָס שטאַרבט ביי דיר אין שוים.

3

דער זייגער האָט צוועלף שוין געשלאָגען —
ס׳איז צוועלף שוין א זייגער ביינאכט.
איך קוק אויפ׳ן זייגער און טראַכט:
דער זייגער האָט צוועלף שוין געשלאָגען.

איך וואַרף אין דעם אויוועז די קויהלען,
דער פייער ווערט העלער און קנאַלט. —
פאַר וואָס־זשע איז מיר אזוי קאַלט?
איך וואַרף אין דעם אויוועז די קויהלען.

ווער וועט מיך צום בעטעל בעגלייטען?
איך בין אזוי עלענד און שוואַך.
איך שלעפּ זיך צום בעטעל און לאַך:
ווער וועט מיך צום בעטעל בעגלייטען?

פערלעשען דאָס לעמפּעל אין גאַנצען?
ס׳איז אומעטיג עפּעס... איך וויים?....
מיין בלייך־דאַרע האַנד שטרעקט איך אויס: —
פערלעשען דאָס לעמפּעל אין גאַנצען?

מיין בעטעל! מיין אַלטינקע זקנה!
ביי־בי! ווי זי הוסט, ווי זי הוסט!
איך דריק צו איהר שטאַרקער מיין ברוסט:
מיין בעטעל! מיין אַלטינקע זקנה!

איך נורע זיך טיעפער אין קאָלדרע.
ס׳איז שטיל. ווער־זשע קלאַפּט אין דער שטיל?
דאָס גריזשעט א מייזעל דעם דיל.
איך נורע זיך טיעפער אין קאָלדרע.

4

נאַכט סעקונדען קלינגען וויסט און איינזאַם, מאָנאָטאָן.
וויסט און איינזאַם קלינגען דיינע אונרוהיגע טריט.
זאָג, אונגליקליכער, פערוואָרפענער, וואָס שלאָפסטו ניט?
זאָג, אונגליקליכער, פערוואָגעלטער, וואָס וועסטו איצטער טהאָן?

ס'וועט דיין נאַכט א שלאָפלאָזע אין וועהטאָגען פערגעהן
און א טאָג וועט ביי דיין פענסטער שיינען זוניג העל.
זאָג, אונגליקליכער, ווער וועט זיך וויזען אויף דיין שוועל?
ווער וועט באָטש א שליידער טהאָן אין שויב צו דיר א שטיין?

נאַכט סעקונדען קלינגען וויסט און איינזאַם, מאָנאָטאָן,
וויסט און איינזאַם קלינגען דיינע וואַקעלדיגע טריט.
זאָג, אונגליקליכער, פערוואָרפענער, וואָס זאָגסטו ניט?
שטעהסט אזוי... און קוקסט אזוי... און ווייסט ניט וואָס צו טהאָן.

5

ער קוקט ארום די טיר, די טיר איז אויפ'ן ריגעל.
זיין פנים גיט א צוק א טיפער פּיין.
ער געהט צום טיש. גיסט אָן א גלאָז מיט וויין.
טרינקט אויס און בלייבט פערגליווערט שטעהן ביים שפּיגעל.
אָט ציהט ער ראש אראָב די דונקעלע גארדינען.
צינדט אָן א ליכט. אזוי — זאָל ליכטיג זיין.
ער געהט צום טיש, גיסט אָן א גלאָז מיט וויין
טרינקט אויס, שרייט אויס: איך געה אראָב פון זינען. —
ער ווייסט, ער ווייסט דאָס גיט, ער וויל פון דעם ניט טראַכטען,
אז ווען אין פלאַש וועט מעהר ניט זיין קיין וויין
האַלב שכור, פלינק, וועט ער אין בעט אריין.
א רגע — און דער רעוואָלווער וועט טויב א קראַך טהון.

6

מיין פריינד, מיין קלוגער פריינד! צי האָט דיר ווען געטראָפפען
פון שלאָף זיך פלוצלינג אויפכאַפּען אין מיט׳ן נאַכט,
און קוקען שטום פאר זיך, ווי עפּעס וואָס געטראַכט,
נאָר טראַכטען טראַכסטו ניט און לעגסט זיך ווידער שלאָפען,
נאָר שלאָפען שלאָפט זיך ניט... צום צוגעשפּאַרטען פענסטער
ציט דיך אַ ציה. שטעהסט אויף און געהסט צום פענסטער צו.
די שטאָדט שלאָפט איצט געהילט אין נעבעל און אין רוה
מיט איהרע הימעל־הויכע מויערען געשפּענסטער.
קיין פייער אין קיין שויב, קיין שאָרך ניט צו דערהערען.
דו גענעצסט פויל און מיד געהסטו צוריק אין בעט,
דו דעקסט זיך איין, דו ליגסט און טראַכסט: — שוין שפּעט!
און טראַכסט: — וואָלט כאָטש אין גאַס אַ פייער איצטער ווערען.

7

טיהר און פענסטער צוגעשלאָסען,
און דאָס לעמפּעל אויסגעלאָשען,
ליולינקע מיין אינגעלע.

שטיל און פינסטער איז אין חדר.
— פאַ! ווער שאַרט עס דאָרט כסדר?
— ליולינקע מיין אינגעלע.

ס׳שאַרט אַ מייזעל אין די ספרים.
— קומען מתים פון די קברים?
— ליולינקע מיין אינגעלע.

אויף די קברים וואַקסען בלומען.
— פאַ! וועט מעהר די מאַ ניט קומען?
— ליולינקע מיין אינגעלע.

לייטער איהר נשמה, בורא! — — — —
— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ! איך האָב מורא!
— ליולינקע מיין אינגעלע.

ד׳וועל דיך היטען ווי די מאַמע,
וועל דיך היטען ווי די מאַמע — — — —
ליולינקע מיין אינגעלע.

8

איך קוק פון פענסטער. — די גאַסען איבער
אַ וואָלקען ציהט, אַ רעגען גיסט.
דו קומסט ניט, ליעבסטע? דו קומסט ניט, ליעבער?
איך וואַרט אומזיסט, איך וואַרט אומזיסט.

איך צינד צוויי ליכט אָן, איך נעהם צוויי שפּיגלען,
איך זעץ אַוועק זיך אין דער מיט.
געזיכטער שוועבען, עם פּאַטשען פליגלען —
דיך זעה איך ניט, דיך זעה איך ניט.

איך וויים ניט ווי כ׳האָב צום בעט געטראָפען.
איך וואַרף און דרעה זיך ווי אַ שלאַנג;
איך קאָן ניט ליגען, איך קאָן ניט שלאָפען,
די נאַכט איז לאַנג, די נאַכט איז לאַנג.

9

דער טויט איז אין מיין הויז אריינגעגאַנגען,
און האָט מיט זיינע ביינערדיגע הענט
מיט שוואַרצען דורכזיכטיגען זייד פערהאַנגען
דעם שפּיגעל און די בילדער אויף די וועַנט,

און הויכע ווייסע ליכט האָט ער געצונדען
און זיי צו־קאָפּענס מיר אוועקגעשטעלט,
און ווי אַ שאָטען גרינג איז ער פערשוואונדען,
צושפּרייטענדיג אין הויז אַ ווייסע קעלט...

10.

מען וועט אין אַ הערבסט־נאַכט אין רעגען אין גאַס מיך אַ גוסס געפינען.
מיך וועלען די מענשען בעטראַכטען מיט נייגעריג־קאַלטע און ווילד־פרעמדע אויגען.
און איינער, אַ מענש וועט מיט פאַרזיכט אַריבער מיין קערפּער זיך בויגען
און שפּייענדיג, וועט ער מיט עקעל אין נאַכטיגען חושך אַנטרינען.
כ'וועל בלייבען אַליין. און די נאַכט וועט זיך ציהען. דער הערבסטיגער הימעל וועט זיפּען
מיט אייז־קאַלטען רעגען. מיט שווערע און בלייערנע טראָפּענס
דער רעגען וועט שווענקען און שווענקען דעם גליטשיגען שטיין מיר צו־קאָפּענס,
די שמוציגע קליידער אויף מיר און מיין בלוט פון די גוסס'ע ליפּען.
כ'וועל רופען אַ הייליגען נאָמען. מיין רופען פערשטאַרבען וועט ווערען,
און אויבען דער הימעל — אַ פינסטערער קבר — אויף מיר וועט זיך שפּרייטען.
און דאָ, אַרום מיר, וועלען שוואַרצען זיך הייזער און אייזערנע פּלויטען,
און דאָרט אויפ'ן ראָג אין דעם רעגען וועט צאַנקען אַ בלייכער לאַמטערען.
אַ גאַס־הונד, פערבלאָנדזשעט פון ערגעץ, דעם שטיין מיר צוקאָפּענס וועט ראָיען;
דאָס בלויע, פערגליווערטע פלייש פון מיין פּנים זיין הונגער וועט לאָקען.
ער וועט מיר דאָס פּנים אַ שמעק טהאָן און אָבשפּרינגען וועט ער צושראָקען,
דעם קאָפּ צו דעם הימעל פערריסען, וועט ער זיך צוואוואָיען, צוואוואָיען.
און טריט וועלען הילכען אין רעגען. און טריט וועלען ווערען פערפאַלען.

אַ וועכטער וועט צוגעהן אַ שטומער. ער וועט מיט זיין פוס אָן מיר קלאַפּען.
ער וועט מיך בעטראַכטען. אַ שטומער. זיין האַנד וועט מיין האַנד אָרומ־טאַפּען,
און וועט אין דער נאַכט ערגעץ געבען פער׳סוד׳עטע וויטע סיגנאַלען.
און וואויען דער הונד וועט אין רעגען. און ערגעץ אַ שלאָפלאָזע מוטער,
וואָס קען מיט איהר נאָיענדען ניגון דאָס וויינענדע קינד ניט פּנרוויגען,
וועט ווייזען דעם קינד אויפ׳ן פענסטער. — דאָס קינד וועט באַלד ווערען אַנטשוויגען.
די מוטער וועט שעפּטשען צושראָקען: שאַ... שאַ... דאָרטען זיילט דער ניט־גוטער...

## 11.

אין האַרצען, אין דעם טיעפסטען אָרט,
מיט וועה און וואונדען שפּייז איך דאָרט
אַ שלאַנג, אַ שוואַרצע שלאַנג, — די שלאַנג פון מיין געוואַנג,
די שלאַנג פון מיינע טרוימען.

די שלאַנג איז שטיל און גוט און בייז,
זי פרעסט מיין וועה און וואונדען אויס,
און אין מיין האַרצען טריפט איהר נייער קאַלטער גיפט,
פאַר נייע וועה און וואונדען.

י. אָפּאַטאָשו:

# אַ ראָמאַן פון אַ פערד-גנב



## 1

שבת נאָכמיטאָג.

סנאָפּעס גליהענדע שטראַהלען האָבען אַריינגעשטראָמט דורך דעם אָפענעם פענסטער, רעפלעקטירט און צוויי זילבערנע זיילען האָבען זיך בעוואויגען אין דער לופט. צווישען די זיילען איז געלעגען אַ ווייסע פעטע קאַץ מיט אַ שוואַרצע לאַטקע אויף דער נאָז. די פאָדערשטע לאַפּקעס אויסגעצויגען, די מאָרדעטשקע מיט די גרינלעך־פערזשמורעטע אויגען איינגעטוליעט אין די לאַפּקעס. עס האָט זיך געדאַכט זי חלום'ט. עס איז דורך אַ פליעג. די קאַץ האָט אַ שליידער געטהאָן איהר עלאַסטישען קער־פער, געכאַפּט די פליעג, זיך באַלעקט, געלעגט זיך אין דער זעלבער פּאָזע און גע'חלום'ט ווייטער.

שלמה „קראַדניק”, אַ הויך דאַרער איד מיט אַ שיטער בערדעל איז געשלאָפען אויף אַ פעריגע נעבען טהיר. טראָפּענס שוויים, ווי אַר־בעס, זיינען אַרוים אויף זיין גרויסען שטערען, וועלכער האָט זיך צונויפ־געגאָסען מיט זיין גלאַנציגען פליכעוואַטען קאָפּ, די טראָפּענס שוויים זיינען געשטאַנען אַ ווײלע, נאָכדעם זיך פאַרקערעוועט, און לאַנגע וואַסער־פעדים האָבען זיך אַראָבגעשנירעלט איבער שלמה'ס דאַרליכע באַקען.

חנה, שלמה'ס טאָכטער, אַ מויד פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, איז געשטאַנען נעבען שפּיעגעל און זיך געקעמט די האָר. זי האָט עטוואָס אויפגעהויבען איהר שטייף געקראָכמאַליעט קלייד, געמאַכט עטליכע טריט צוריק, אויסגעשטעלט קאָקעטיש אַ פוס ווי צום טאַנץ און זיך צו־שמייכעלט.

— נו, גענוג זיך שוין צו פּוצען! — האָט שרה, חנה'ס אינגערע

שוועסטער, שוין אויך אַ מיידעל אין די יאָהרען, זיך אָנגערופען ארויס־געהענדיג — וועסט בערקען אזוי אויך געפעלען!

— זאָלץ דיר אין די אויגען! — האָט איהר לאה נאָכגעשריען. זי איז דורך עטליכע מאָל די שטוב און איז ארויס.

תרצה, שלומה'ס ווייב, אַן עלטערע אידענע אין אַ רויטער „באַר־כאַנקע", אין אַ קאָלירטער שלאַף־קופקע אויף דעם אָבגעגאָלטען קאָפּ, איז געזעסען נעבען אָפענעם פענסטער, זיך אויסגעשובען אַ בריקעוו און מיט אַ שמייכעל אויף דעם פּנים זיך צוגעהערט, ווי חברה האָבען דערצעהלט מעשיות.

אונטער'ן פענסטער אויף אַ פיער־פיסיגע באַנק זיינען געזעסען עט־ליכע עלטערע פערד־הענדלער אין די וועסטען, די טוכענע היטלעך מיט די קליינע דענקעס פערשאַרצט און גשמועסט:

— צו כ'קאָן אליהו „ווילנער"? — האָט אָנגעהויבען אַ געלער איד מיט אַ געפלעקעלט פּנים — אַ געלעבטער כ'לעבען! כ'האָב דאָך ביי איהם געאַרבייט איבער צוויי יאָהר. אויף אַלע ירידים מיטגעפאָהרען, צוזאַמען געגעסען. דער בחור פלעגט „אריינשיבען" אויף איין זיץ אַ גאַנץ זייטעל קעלבערן־פלייש, ווי כ'בין אַ איד! איבער איהם טאַקע, בין איך דאָך געזעסען צעהן חדשים איבער'ן „קובעל" — — —

חברה האָבען זיך צושמייכעלט.

— איהר לאַכט, נור גלויבט מיר ס'איז אַ רחמנות אויפ'ן יונג! ער האָט דאָך קיין בייזע גאַל נישט!

— אַ קלייניגקייט עפּעס — האָט זיך תרצה אָנגערופען, און בשעת־מעשה אריינגעפּאַקט אין מויל אריין אַ פולען לעפעל אויסשובעכץ — צעהן יאָהר זיך יאָגען נאָך אַ גנב! איהר ווייסט, שוין איבער צעהן יאָהר ווי פּאָליציי יאָגט זיך נאָך איהם אין די ראַדזוענאָווער וועלדער! און ווען נישט „סטאַך" וועלכער האָט זיך פערליעבט אין אליהו'ס „קאַכאַנקע" און איהם איבערגעגעבען דער פּאָליציי, וואָלט מען איהם נאָך עד היום נישט געכאַפּט! כ'האָב זיך איבער גע'חדוש'ט — האָט תרצה ווייטער געזאָגט — דער יונג איז דאָך געוועזן ווייט פון אידען, די גאַנצע צייט זיך ארומגעשלעפּט מיט דער „קאַכאַנקע", און פון דעסטוועגן האָט מען דורך

דער גאַנצער צייט נישט געהערט, ער זאָל איבערפּאַלען עפּעס אַ איד, ער פלעגט אַלץ איבערפאַלען רייכע פּריצים, גלחים.

— יאָ — האָט איינער אַ ברום געטהאָן — מען וועט מיט דעם בחור לערנען בלק.

— וויים איך וואָס? — האָט אַ דריטער געענטפערט. — געטראָפען ס'אָרט! פערגעסט נישט, אַז אליהו פלעגט אַריין דורך אַ קוימען, איינ־שלעפערען אַלע אין שטוב, אויפהאַקען קאַסעס, איבערלאָזען אַ קוויטעל אַז ער, אליהו, איז געווען און ארוים! נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס מען משפט אליהו'ן. היינט פער'משפט מען איהם און מאָרגען איז ער ווידער מיט זיין באַנדע אין די ראַדזאַנאַווער וועלדער. איהר האָט אָבגעזאָרגט פאַר איהם!

— ווען כ'דערמאָן זיך — האָט דער געלער אָנגעהויבען און אָבגעהוסט — ווי אליהו האָט אַמאָל געשטאָכען אַ שקץ, שטעלען מיר זיך האָר און נעגעל קאַפויר. האָרכט:

— דאָס וועט זיין... כ'וויים.... נו יאָ, באַלד: דאָ וואוין איך צעהן יאָהר, אין דאָרף צוויי, און דריי ביי פּאַניע'ן, נו, וויפיעל איז עס? דאַכט זיך...

— אַ יאָהר פופצעהן — האָבען זיך עטליכע אידען אָבגערופען מיט אַמאָל.

— המ, שוין פופצעהן יאָהר! די יאָהרען לויפען! נו, בקיצור ווי האַלט איך? יאָ.

— דער „רימאַקער" שרה האָט געהאַט אַ גניאַדע קאָבילע מיט ווייסע לעטשעלעך איז זי ווערט געווען אַ פינף הונדערט קערבלעך. אליהו וואַרפט אַן אויג אויף דער קאָבילע און שלעפּט מיך נאַכט איין, נאַכט אויס נאָך רימאַקעס. בקיצור, מיר האָבען די קאָבילע נישט געקאָנט נעמען. כ'האָב געמיינט אַז דער יונג קריגט די נכפה. ענדע „זשניוועס" מאַכט ער צו מיר: הער, אין „הויף" איז היינט יום־טוב, די פּאַראָבקעס האָבען אַ גאַנצע טאָג געזאָפען און שלאָפען געוויס איצט ווי געהרג'עטע, קום, מיר נעמען היינט די קאָבילע. בקיצור, מיר האָבען מיטגענומען „קאַסטעקען", דעם לעשניק'ס זוהן. איך בין געבליבען שטעהן אונטער'ן פּאַרקען, זיי זיינען

אריין אין דער סטאַדאָלע, אַרויסגענומען עטליכע בונטען שטרוי, צו־שפּרייט איבער'ן הויף, אַרויסגעפיהרט דאָס פערד. מאַכט זיך אַ זשרע־באַקעל איז מיט. אונטער'ן הויף האָט דאָס זשרעבאַקעל אפּנים זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמע און גענומען הירזשען אַהן אויפהער. אליהו האָט געהייסען אַרונטערפיהרען דאָס זשרעבאַקעל אין ריוו און דאָרט עס איבערלאָזען. דער שקץ פאַרקערעוועט צום ריוו, נעהמט אַרונטער דעם זשרעבאַק. מיר שטעהען און וואַרטען. מיט אַמאָל צורעוועט זיך דאָס זשרעבאַקעל אַזוי אַז דאָס בלוט אין די אָדערן איז מיר פאַרגליווערט געוואָ־רען. מיר זיינען אַרונטער אין ריוו: דער בחור שטעהט און שניידט דעם זשרעבאַק איבער דעם האַלז מיט זיין טעמפּ מעסער. כ'זאָג אייך, אַזאַ אימה איז מיך בעפאַלען! אליהו איז געווען בלאַס ווי קרייד, האָט אַ שפּיי געטהאָן דעם שקץ גלייך אין פּרצוף אַריין, געזאָגט „פּשאַ־יוכאַ" און אַרויס.

דעם גאַנצען וועג האָט אליהו אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, איינגע־קוועטשט די פויסטען, אַראָבגערוקט דעם הוט איבער די אויגען און גע־שפּרייזט. אַז מיר זיינען צוגעקומען צו דער „אָלשינע" האָט זיך אליהו אָבגעשטעלט, אָבגעמאָסטען קאָסטעקען מיט זיין אויג:

— „פּשאַ־קרעוו", פאַרוואָס האָסטו גע'שחט'ען דעם זשרעבאַק?

קאָסטעק איז צומישט געוואָרען, געוואָלט עפּעס זאָגען, נור אליהו האָט איהם אַ פּלאַם געטהאָן אין פּיסק אַריין.

קאָסטעק האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער כאָליעווע אַ מעסער. אליהו האָט זיך אַ שליידער געטהאָן אויף קאָסטעק'ען, אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער און איהם דורכגעשטאָכען ווי אַ זיפּ, קרעכצענדיג: „עסט שחט'ען אַ זשרעבאַק? עסט שחט'ען?" — — —

דער געלער איז געבליבען שטיל. די אידען האָבען אַראָבגעלאָזט די קעפּ, זיך פערטראַכט.

— געווען אַ מאָל צייטען! — האָט זיך אָפּגערופען מיט אַ זיפץ אַ גרויער איד מיט אַ גראָבע נאָז און אַ האַלב־אויסגעקראָכענע וואָנצע — אפּנים פון טאַבעק שמעקען — האָט בשעת מעשה אַרויסגענומען אַ שקע־טעלע געמאַכט פון קאָרע און מכבד געווען דעם עולם.

די טהיר האָט זיך מיט א מאָל אויפגעפּראַלט און א הויך, ברייט־ביינינער יונג מיט א פּאָר בלויע, קינדישע אויגען איז אריין א פער־יאַכמעטער. ער האָט אראָפּגעכאַפּט דאָס היטעל, געטהאָן א שליידער אויפ'ן טיש און א קוטשמע פלאַקסענע האָר האָבען זיך צושאָטען אי־בער זיין פערשוויצטען שטערען.

— מאַמע, כ'שטאַרב עסען! כ'האָב נאָך היינט פון דער פריה אָן גאָר נישט אין מויל געהאַט!

— לויפט מען נישט ארום א גאַנצען טאָג! — האָט תרצה גע־ענטפערט.

— נו, מאַמע, מיר וועלען זיך שוין שפּעטער אויסשמועסען! איצט וויל איך עסען!

שלמה האָט זיך איבערגעטרייסעלט, געפּיהלט פּאַסקודנע אין מויל און געגומען שפּייען:

— תרצה! תרצה! כ'שטאַרב א טרונק!

תרצה האָט איהם דערלאַנגט א וואַזעלע מיט פלוימען־יויך. שלמה האָט עס אויסגעזופּט, זיך בעלעקט, זיך איבערגעצויגען און זיך געשמאַק צוגענעצט.

— נו, זאַנוויל, — האָט זיך שלמה געווענדעט צו זיין זוהן, וועל־כער איז געזעסען איבער א שיסעל געזאָדענע הוהן מיט חלה און גע־מאָהלט מיט די צייהן, — וואָס הערט זיך עפּעס מיט אליהו'ן?

— וואָס זאָל זיך הערען? מען האָט דעם בחור געבראַכט א גע־שמידטען אין קייטען! טאַטע, איז דאָרט געווען אַן עולם! קינד און קייט איז געשטאַנען און געוואַרט.

— גלויב מיר, ער וועט נישט זיצען! — האָט זיך שלמה אָנגע־רופען און איז צו צו זאַנוויל'ען. — ווייסט, כ'וועל דיר עפּעס בעסערס אָנזאָגען!

— וואָס איז?

— א „זמאָרע" האָט זיך אריינגעכאַפּט צו די פערד.

— וואָס? — האָט זאַנוויל געפרעגט א פערוואונדערטער. — א זמאָרע?

— יאָ, יאָ! זי האָט שוין באַלד פערמאַטערט די פערד. שוין עט־

ליבע טעג ווי כ׳זעה אַלע אין דער פריה, אַז די פערד זיינען דערשוויצט. כ׳האָב געדעכענט די פערד זיינען חולה. היינט אין דער פריה ווי דו ביזט נאָר ארויס, הויב איך זיך אויף און געה אין שטאַל אריין — ס׳גיסט זיך פון די פערד דער שוויס, אין גרזשיווע זיינען איינגעפלאָכטען קאָ־ לירטע סטיינגעס; כ׳זעה ס׳עסק איז נישט גלאַטיג! כ׳דערצעהל עס דעם אַלטער דוכנע און דער זאָגט מיר: „באַ שלאָמא, ביזט זינדיג, אַ „זמאָרע“ איז אין דיין הויז“. בקיצור, זאַנוויל, מאַך זיך גאָר נישט וויסען פאַר דער מאַמע און נעכטיג היינט אין שטאַל. אַז דו ווילסט, נעהם מיט מיינע תפלין.

— וויים איך וואָס? ! — האָט זאַנוויל געענטפערט. — זי וועט שוין אַ לעבעדיגע פון מיינע הענד נישט ארוים!

## .2

תרצה האָט אַראָפּגענומען פון טיש, אויסגעקעהרט די שטוב, אַרויס־געיאָגט מיט אַ האַנדטוך די פליעגען, פערהאַנגען דאָס פענסטער מיט אַ ליילעך און איז אַרויס.

שלמה האָט זיך אָנגעטהאָן אין אַ רויטען שפּענצער און איז אַרויס פאַרשיטען די פערד אָן אָברעק.

זאַנוויל איז געבליבען איינער אין שטוב, האָט אַפּערגעוואָרפען זיינע לאַנגע פיס מיט די ליאַקירטע שטיוועל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דעם ווענטעל פון דער שטוהל און זיך פערטראַכט וועגען אליהו'ן:

עס שוועבט פאַר איהם דורך אליהו „ווילנער" ווי פון בראָנז אויס־געהאַקט, מיט זיין הויכען שטערען, מיט דיקע, לאַנגע, עטוואָס אַראָבגע־לאָזטע וואָנסען. ער געהט אַ געשמידטער, פון ביידע זייטען זעלנער מיט אַרויסגעצויגענע שווערדען. ער געהט פעסט, דאָס פּנים קנייטשט זיך נישט, גיט זיך קיין ריהר, די אויגען קוקען אויפ'ן עולם, זוכען עמיצען.

עס בעוויייזט זיך אַ יונגע שקצה מיט אַ פּאָר בלוי־גרינליכע אויגען, מיט אַ לאַנגען, דיקען, פלאַקסענעם צאָפּ.

אליהו לעגט אַרויף זיינע געשמידטע הענד אויף זיין „קאָבאַנקעס" האַלז. די שיקסע צוואַויינט זיך אויפ'ן קול, נעהמט קושען זיינע גע־שמידטע הענד און שעפּטשעט עפּעס — — — ·

האָט זאַנגוויל אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אַ בורטשע געטהאָן „פּשא יובא" גלאַט אין דער וועלט אַריין און האַסטיג גענומען שפּאַנען, האַלטענדיג די הענד אין די הויזען קעשענעס' איבער דער שטוב.

ער איז זיך עטליכע מאָל דורך די שטוב, זיך אויסגעצויגען אויף

דער שלאָף־באַנק, פערלעגט די הענד צו־קאָפּענס, אויסגעשפּיגען און זיך פערטראַכט:

די בלאַסע רחל מיט די שוואַרצע אויגען, מיט די לאַנגע שוואַרצע האָר ביז איבער די קניהען זיצט יעצט מיט איהר אַלטען פאָטער אין דער שטרויענער בודע, וואָס געפינט זיך אין מיטען פעלד.

אַ גאַנצע וואָך איז רחל כמעט אַליין אין פעלד, היט די גערטנער, גיט אַכטונג אויף די שיקסעס וואָס ארבייטען דאָרט און שיקט אָפּ דאָס גרינס נאָך פּרייסען, וואו איהר פאָטער פערקויפט עס. אויף שבת קומט ער אהיים און דעמאָלט נעכטיגט רחל מיט איהם אין דער בודע.

שבת קומט זאַנוויל נישט אין גאָרטען אריין. רחל האָט איהם אָנגעזאָגט נישט צו קומען, דען דער פאָטער וועט האָבען גרוים עגמת נפש זעהענדיג אַז זיין טאָכטער חבר'ט זיך מיט בחורים.

אין מיטען דער וואָך, שפּעט ביי נאַכט, גנב'עט זיך זאַנוויל דורך פערשיעדענע וועגען, מענשען זאָלען איהם ניט זעהן, און שפּאַנט אריין אין גאָרטען. דאָרט וואַרט אויף איהם רחל. ער לעגט זיך ביי איהרע פיס, ווי אַ געטרייער הונד, קוקט אין איהרע שוואַרצע אויגען, ריהרט ליכט אָן איהר קלייד זי זאָל ניט שפּירען און הערט זיך צו ווי זי דער־צעהלט איהם מעשיות.

זאַנוויל רעדט מיט קיינעם ניט וועגען רחל'ען און קיינער ווייס נישט אַז ער קען זי.

אָט איצט ליגענדיג אַזוי אַליין, פיהלט זאַנוויל אַ שטאַרקע בענק־שאַפט נאָך רחל'ען. דאָס האַרץ פערקלעמט איהם און ער פיהלט ווי זיינע אויגען ווערען איהם פייכט. ער בעשליסט פון מאָרגען אָן צו ווע־רען אוים גנב, ניט גריסען זיך צו זיינע בעקאַנטע און אין אַ קורצער צייט אַרום וועט די שטאָדט וויסען אַז זאַנוויל איז געוואָרען אַן עהרליכער איד. דעמאָלט וועט ער קומען צו רחל'ס פאָטער און זאָגען:

— ר' נתן!

דער אַלטער וועט איהם געבען אַ ברייטען שלום־עליכם, איהם אַ קלאַפּ טהאָן אין דער פּלייצע:

— יאָ, מיין זוהן, כ'ווייס אַלץ... זעץ זיך!

זאַנוויל דערמאָהנט זיך אָבער, ווי ער פיהלט זיך דערשלאָגען, ווען ער טרעפט ר׳ נתן אַ שבת אין דער פריה. איהם דאַכט זיך, אַז ר׳ נתן ווייס אַלץ, קוקט איהם נאָך מיט פעראַכטונג און קלעהרט זיך געוויס: אָט דער יונגאַטש, דער פערד־גנב האָט דאָס די העזה זיך צו שדכנ׳ען צו מיין טאָכטער...

רחל פרעגט איהם קיינמאָל נישט פון וואָס ער לעבט. זי ווייס געוויס, אַז ער איז אַ פערד־גנב. נאָר זי וויל איהם נישט ערגערען — האָט זאַנוויל זיך גענומען טרייסטען — און די בייגקשאַפט צו זעהן רחל׳ען איז אין איהם געוואָרען נאָך גרעסער.

פיעל מאָל האָט זיך איהם געדאַכט, רחל ווייס נישט, אַז ער איז אַ פערד־גנב. אַנדערש וואָלט זי מיט איהם נישט גערעדט. און ער בעשטימט איהר אַלעס צו דערצעהלען. ווען ער טרעפט זיך אָבער מיט איהר, פערשווינדט ביי איהם דער געדאַנק און ער ווערט אין גאַנצען פערוואַנדעלט אין אַ הונד, וועלכער ליעגט און קוקט דעם בעל־הבית אין די אויגען.

אין גאַנצען עטליכע וואָכען ווי ער האָט זיך בעקענט מיט רחל׳ען. פֿעהענדיג ערב שבועות מיט׳ן טראַקט אַהיים פון אַ נאָהענטען דאָרף, האָט ער דערהערט קומענדיג אונטער׳ן שטאָדט אַ געשריי. אויף דער צווייטער זייט פעלד זיינען געלאָפען צוויי שקצים מיט פולע זעק און אַ באָרפּיס מיידעל איז זיי נאָכגעלאָפען און געשריען. זאַנוויל האָט זיי פערשטעלט דעם וועג. די שקצים האָבען די זעק אוועקגעוואָרפען. ער האָט איהר צוגעטראָגען די זעק. רחל איז געשטאַנען האַלב דערשראָקען מיט ברייט צועפּענטע אויגען און געשמייכעלט. זי האָט איהם געדאַנקט און עפּעס אַזוי געקוקט אויף איהם, אַז ער איז פון איהר ערשטען בליק אַ פערציטערטער געוואָרען. פון דעמאָלט אָן האָט עס איהם גענומען ציהען אין פעלד אַריין. ער האָט זיך מיט רחל׳ען גענומען טרעפען אָפּ־טער און אָפטער — — —

זאַנוויל איז אַראָפּ פון דעם שלאָף־באַנק, גענומען שפּאַנען איבער׳ן חדר און זיך געפּלאָנט אַזוי:

אין דעם פוילישען קלויסטער — דערצעהלט מען — איז דאָ אַ

גאָלדענע „מאַמע" מיט בריליאַנטענע אויגען, איז זי ווערטה אין די הונ־דערט־טויזענטער אריין. ער וועט דאָרט אריין און די הייליגע „מאַמע" ארויסנעהמען. פאַר דעם געלד וועט ער קויפען „דאָנסקי" פערד מיט לאַנגע עקען, אַלערליי געוועהר. ער וועט צונויפנהמען אַ באַנדע ליי־טישע יונגען און אַוועקלאָזען זיך מיט זיי אין די „ראַדזינאָוועה" וועל־דער אריין.

זיי וועלען זיך אויסבויען אַ הייהל צווישען דעמבעם און דאָרט ווע־לען זיי וואוינען. די הייהל וועלען זיי בויען נישט ווייט פון דער „זשאָל־דעווקע", אַז אין צייט פון אַ געפאַהר זאָלען זיי קענען אריבערשווימען נאָך פּרייסען.

דאָרט וועלען זיי וואוינען פריי, יעדע וואָך וועלען זיי אָנזאָטלען די דאָנסקי פערד, נעהמען ביקסען און איבערפאַלען פּריצישע הויפען, אָפּ־שטעלען פּאַרטיעס סוחרים, וואָס פאָהרען נאָך פּלאָצק, נאָך וואַרשע...

אין אַ קורצע צייט וועט זיך די גאַנצע געגענד פאַר זיי שרעקען. אָרימע לייט וועלען זיי ניט טשעפּען און מיט דער צייט וועט מען צו זיי קומען מיט יעדען משפּט. ער, זאַנוויל, וועט ווערען קיסר; די בלאַסע רחל מיט די שעהנע שוואַרצע אויגען, מיט די שוואַרצע האָר ביז איבער די קניהען וועט זיין זיין ווייב, זיין קייסערין! — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## 3.

זאַנוויל איז געזעסען ביי רחל'ען אין דער בודע.

— זאַנוויל, וואָס ביזטו אַזוי פער'מרה־שחורה'ט? וואָס איז? גיי, כ'האָב מורא פאַר דיר...

זאַנוויל איז רויט געוואָרען און זיך צושמייכעלט:

— גאָר נישט, רח'טשע!

— שעהם זיך! קומסט צו מיר אַזאַ אומעדיגער! דו! כ'האָב דיך פיינד! — און זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם און זיך אַרומגעוויקעלט מיט איהרע הענד אַרום זיין האַלז.

זאַנוויל האָט איהר אַרומגעכאַפּט.

רחל האָט זיך ווי אַ פיש געגומען וואַרפען און צאַפּלען אין זאַנוויל'ס הענד און אַלץ טיעפער זיך געגורקעוועט אין זיין ברוסט.

— האָב איך היינט געלייענט אַ מעשה, — האָט רחל צו איהם שפּעטער געזאָגט, קוקענדיג אויף זאַנווילען דורכ'ן שפּיגעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שטריק, — איז זי שעהן!

— נו, לאָמיר טאַקע הערען! — האָט זאַנוויל מיט אַ שמייכעל זיך געבעטען.

— וויל איך נישט! כ'וועל שוין דיר גאָר נישט דערצעהלען, גאָר נישט, הערסט!

רחל האָט זיך אויסגעדרעהט, אַריבערגעוואָרפען אַ האַלבען קאָפּ האָר איבער'ן פּנים און געקוקט וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכען אויף זאַנווילען.

— וועסט שוין גאָ־ר דערצעהלען! — האָט זאַנוויל זיך צולאַכט.

— נישט ביי מאָ־אָטיען! — האָט רחל געענטפערט מיט אַ קאַפּריז

פון אַ קליין מיידעלע און איז נעהנטער צו צו זאַנווילען — ווייסט גאָר וואָס? לאָמיר ווערען ברוגז! גוט?

זאַנוויל איז אויפגעשפּרונגען אַ צורייצטער, געכאַפּט רחל'ען אויף די הענד און זי גענומען וויעגען מיט אַ געוואַלדיגע שנעלקייט, שעפּטשענדיג: ווערסט דערצעהלען? ווערסט...

— כ'וועל דערצעהלען, כ'וועל, זאַנווילשע קרוין, לאָז מיך אָפּ! — האָט זיך רחל צושריען.

זאַנוויל האָט זי אַראָפּגעלאָזען פון זיינע אָרעמס.

— ביזט אַ ווילדער! — האָט רחל געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בונד שטרוי, האָט איהם געצייגט מיט דער האַנד אַ פּלאַץ נעבען זיך: — זעץ דיך!

זי האָט אַרויפגעלעגט זאַנוויל'ס קאָפּ אויף איהר שויס און גענומען דערצעהלען אַ מעשה פון אַ פערבלאָנדזשעטען פּרינץ, וואָס איז געריטען וואַלד־איין, וואַלד־אויס, געזוכט זיין געליעבטע... דער פּרינץ האָט דערהערט פון דער וויטענס אַ פרויען־שטימע, האָט אונטערגעשפּאָרעט זיין פערד און איז צוגעקומען:

— שעהנע מיידעל, וואָס וויינסטו? — האָט זי דער פּרינץ געפרעגט.

— ווי זאָל איך נישט וויינען, — האָט די מיידעל געענטפערט, — אַז כ'האָב מיין חתן פערלוירען...

— וויין נישט, שעהנע מיידעל! — איך בין דיין חתן! קום מיט מיר!

און ער האָט זי איינגעוויקעלט אין זיין ווייסען פּלאַשטש, אַרויפגעזעצט אויפ'ן שוואַרצען פערד און פערשוואונדען וואַלד־איין, וואַלד־אויס. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רחל איז אנטשוויגען געוואָרען.

זאַנוויל איז געלעגען אַ צוטראָגענער. ער האָט געפיהלט, אַז אַלץ ביי איהם הויבט זיך, שפּאַרט זיך אין האַלז אריין, ווערגט איהם — —

— רחל ווייס נישט, אַז ער איז אַ גנב, — האָט זאַנוויל אַ טראַכט געטהאָן. ער מוז איהר באַלד זאָגען!

ער האָט איינגעקוועטשט די פויסטען און זיך אויפגעשטעלט:

— רחל! — האָט זאַנוויל געזאָגט מיט אַ פערשיקט קול, — דו ווייסט, אַז איך בין אַ גנב, אַ פערד־גנב!?

— דו ביזט דאָך אַ שטאַרקער! — האָט רחל אויסגעשריען, זיך טו־ליענדיג צו איהם אַ דערשראָקענע. — מען דערצעהלט, אַז דו לעגסט אוועק אַ דריי יעהריגען אָקס מיט איין קלאַפּ צווישען די הערנער! דו ביזט נישט קיין גנב! אַ גנב דערקען איך באַלד. ער האָט אַזעלכע קאַל־טע, שאַרפע אויגען. און דו האָסט דאָך אַזעלכע גוטע אויגען!... — און זי האָט זיך גענומען בעטען: — נעהם מיך נאָך אַ מאָל אויף דער האַנד. וויעג מיך... אָט אַזוי! אָט אַזוי! שטאַרקער! שטאַרקער!...

זאַנוויל האָט זיך אין אַלעם פערגעסען. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט רחל'ען אויף זיינע הענד, זי געוויעגט. און רחל האָט זיך געטוליעט אַלץ שטאַרקער צו איהם, געזוכט אַ פּלאַץ וואו זי זאָל קענען מיט לייב און לעבען אריין אין זאַנוויל'ען.

שפּעט ביינאַכט האָט זאַנוויל רחל'ען אהיימגעפיהרט. ער האָט איהר געוואָלט דערצעהלען וועגען זיינע פּלענער, נישט געפונען קיין ווער־טער און געבליבען שטיל.

— פאַר וואָס דערצעהלסטו מיר גאָר נישט? — האָט רחל איהם ברוגז'ליך געפרעגט.

— גלויב מיר, רחל, כ'וואָלט דיר אַלעם דערצעהלט! אז כ'בין אליין און קלעהר, קומט אַלעם אוים אַזוי שעהן, פּונקט ווי דו דערצעהלסט! און אז כ'וויל דיר איבערדערצעהלען, קלעפּט זיך די צונג צום גומען.

רחל האָט פעסטער געדריקט זיין האַנד און געשמייכעלט.

— אָט מאָרגען, — האָט זאַנוויל אָנגעהויבען, — געה איך אָבטהאָן אַ שטיקעל אַרבייט, וואָס וועט מיר ברענגען עטליכע הונדערט רובעל.

— וואָס, אַ שטייגער?

— אָט דו ווייסט דאָך, אַז צייט ס'האָט אויסגעבראָכען די יאַפּאַ־נעזישע מלחמה האָט מען פערמאַכט דעם צאָלאַנד. „פּאָניע“ לאָזט ניט

אריינפיהרען נאָך פרייסען קיין פערד. ער שרעקט זיך אפּנים עס זאָל איהם נישט אויספעהלען. נעכטען קומט צו מיר משה „קוניארזש" און שלאָגט מיר אָן כ'זאָל „אריבערשווארצען" אַ פּאַרטיע פון פופציג פערד איבער דער גרעניץ.

— און האָסט גאָר נישט מורא? מען קען דאָך דיך שיסען?

— ווער קלעהרט וועגען שיסען, מען שיסט נישט! און אַז ס'מאַכט זיך שלעכט, שיסט מען צוריק!

— און וועגען רחל'ען טראַכסטו גאָר נישט?

זאַנוויל איז צומישט געוואָרען, געוואָלט עפּעס זאָגען, זיך פערדרוי־טעלט און זי גענומען קושען.

רחל איז געגאַנגען אַ גליקליכע און געגלעט זאַנוויל'ס האַנד.

אונטער'ן שטאָדט זיינען זיי זיך צוגאַנגען אין פערשיעדענע זייטען, אַז מענשען זאָלען זיי נישט בעגעגענען.

## 5.

פריה מאָרגען.

תרצה האָט אָבגעקאָכט אַ שטשאַוו, אָנגעשלאָגען מיט אייער, אָפּ־געזאָטען אַ טאָפּ קאַרטאָפּעל, צושטעלט אויפ'ן טיש אָבצוקיהלען, האָט זיך אַ ביסעל צוגעזעצט און זיך פערטראַכט:

— שלמה דאַרף באַלד אַריין פון דאַוונען, און דאַכט זיך ס'איז שוין צייט זאַנוויל'ען צו וועקען. גאַנצע נעכט שלעפט זיך דאָס אָרום! וואו? — דער שוואַרץ יאָהר ווייס!

תרצה האָט בעטראַכט זאַנווילען, וועלכער איז געשלאָפען נעבען טהיר, מיט דער קוטשמע האָר צואוואָרפען איבער'ן ווייסען שטערען.

— קיין עין הרע, אויסגעהאָדעוועט אַ יונג! דאָס קאָן דאָך מויערען ברעכען! אַנאַנדער מאַמע וואָלט דאָך פון אַזאַ זוהן געשעפּט נחת! און איך? — היינט, די שעה זאָל נישט בע'שעה'ן, און מען כאַפּט איהם... — האָט תרצה אָבגעזיפצט — אַ קליינינגקייט, פופציג פערד אַריבערפיהרען איבער דער גרעניץ! און ווער איז שולדיג אַז נישט דער שעהנער טאַטע? כ'האָב קנאַפּ געגוואַלדעוועט, געשריען: „שלמה, גענוג איין פערד־הענד־לער אין דער משפחה! גיב דעם אינגעל פאַר אַ בעל־מלאכה". נו, מעהר האָט מיר נישט געפעהלט! ער האָט דאָס מיך אָפּגעמאַסטען מיט זיין גנב'יש אויג און מיר געמאַכט אַ מי שברך, אַז די מאַמעס מילך איז מיר צו חלום געקומען!

תרצה האָט אַריינגעשנייצט אין פאַרטוך און ווייטער געטראַכט:

— כ'האָב קיינמאָל קיין נחת נישט געהאַט פון מיינע קינדער. פון צוועלף געבליבען דריי. זאַנוויל איז פון תמיד אָן געוועזען אַ מזיק. קינ־דער פלעגען זיך נישט וועלען שפּיעלען מיט איהם — ער פלעגט זיי שלאָ־גען מכות רצח, דעם רבין אויסגעשעדיגט. די שכנות האָבען באַלד גע־

זאָגט, אַז קיין גוטס וועט פון איהם נישט אַרויס. מאָהל דיר, אַ קינד ווערט געבוירען מיט אַ הייבעל און מיט אַ ווילדען קוויטש! וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? און קנאַפּ פערשוואַרצט מיר שרה דעם קאָפּ? טליקעט זיך ארום... און יעדען טאָג הענגט אויף דער שוהל אַ נייער פּאַסקוויל. אודאי וואָלט מען זי געמעגט חתונה מאַכען פריהער נאָך פאַר חנה'ן, כאָטש זי איז אינגער... הלואי זאָל איך, רבונו של עולם, האָבען נחת פון חנה'ן... קריגט, דאַכט זיך, אַ לייטישען יונג...

זאַנוויל האָט זיך איבערגעטרייסעלט, געעפענט ברייט זיינע בלויע אויגען, פערלעגט זיינע הענד אונטער'ן קאָפּ, זיך איבערגעצויגען און זיך פאַנאַנדערגעגענעצט:

— גרויסער טאָג!

ער איז גיך אויפגעשפּרונגען, זיך איינגעוואַשען, אָנגעטהאָן זיינע ליאַקירטע שטיוועל, פערקעמט זיך אַ „פּאָלקע", גענומען די הענד אַרום די זייטען, געכאַפּט אַ טענצעל און זיך צושריען:

— מאַטקאָ, פּאַדאַוואַי!

— ביזט דאָך ערגער פון אַ גוי! — האָט תרצה געזאָגט, — אַן ערל אַז ער הויבט זיך אויף, איז דאָס ערשטע „פּאַטשערזש". און דו?

— נישט גערעדט, מאַמע! — האָט זאַנוויל געענטפערט, אַרומגעכאַפּט די באָרוויסע תרצה און גענומען טאַנצען מיט איהר איבערגוואַלד.

— לאָז אָפּ, דו שייגעץ איינער! — סם וועל איך דיר געבען!

זאַנוויל האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, געמאַכט אַ שנאַפּס און זיך געזעצט איבער אַ שיסעל שטשאַוו מיט קאַרטאָפעל.

שלמה איז אַריינגעקומען מיט'ן טלית־זאַק אונטער דעם אָרעם, געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר תרצה האָט איהם איבערגעהאַקט די רייד:

— טאַטע־פּאָטער! אַ שעהנעם תכלית האָסטו געמאַכט פון דיין גן־עדן פּיהרער! אויף מיינע שונאים'ס קעפּ געזאָגט! אַ יונג הויבט זיך אויף ווי אַ בהמה, זאָגט קיין אידיש וואָרט נישט און כמאַליעט אַריין אַ שיסעל קאַרטאָפעל מיט שטשאַוו! האָסט נישט געפּאָלגט, שלמה, טאָ נאָ!

שלמה האָט פערקוועטשט די ליפּען און געוואָרען בלאַס ווי קרייד:

— ווער שוין פערשטומט, דו אַלטער קאָך־לעפעל! ווער פרעגט דיך?

זאַנוויל האָט געקייט און געשמייכעלט:

— אַ גנב דאַרף נישט דאַווענען!

שלמה האָט נישט געענטפערט. ער איז געגאַנגען אויף און אַב איבער דער שטוב. ער האָט געפיהלט, אַז תרצה איז גערעכט, נאָר צו־געבען האָט ער נישט געוואָלט. שלמה האָט זאַנווילען זעהר ליעב געהאַט און פיעל זאַכען מוחל געווען.

— ער וועט עלטער ווערען, — האָט שלמה זיך געטראַכט, — וועט ער אַנדערש ווערען. שלמה איז אין דער יוגענד אויך נישט בעסער גע־ווען. דערפאַר איז זאַנוויל אַ גבור און דערצו אַ ריזיקאַנט, צוויי זאַכען, וועלכע אַ פערד־גנב דאַרף בעזיצען און פאַר וועלכע פערד־גנבים האָבען גרויס דרך־ארץ.

שלמה האָט געוואוסט, אַז צייט זאַנוויל איז אַריין אין „געשעפט", קוקט מען אויף איהם אין גאַנצען אַנדערש.

— כ'האָב זיך היינט געזעהן מיט משה „קוניאַרזש", — האָט שלמה איבערגעריסען די שטילקייט.

— נו?

—ער וועט באַלד זיין. ווי איך פערשטעה פון זיינע רייד, וויל ער אָפּרייסען אַ פּאָר רובעל. ער טענה'ן, אַז ער קאָן קריגען ביליגער.

— ביליגער? אַ רוח אין זיין גראָבען „קאַלדען" אַריין! הערסט טאַטע, אַז ס'וועט פעהלען אַ גראָשען, ריהר איך זיך נישט פון אָרט! אַזאַ כיט־רער „פוענץ"! כ'וועל איהם נאָך אַמאָל דעם „קאַלדען" איינפּרעסען!

— נו, גענוג, גענוג! הער אויף צו שרייען, ער געהט! — האָט שלמה אַ זאָג געטהאָן און געגאַנגען צו דער טהיר.

אַ דיקער הויכער איד אין אַ ריפּסענעם כאַלאַט איז אַריינגעקומען.

— גוט מאָרגען!

— גוט יאָהר, ר' משה! — האָט שלמה געענטפערט און איהם גע־שטעלט אַ שטוהל, — זעצט זיך!

משה האָט זיך פּאַמעליך אוועקגעזעצט מיט אַ קרעכץ, אָפּגעפּראַכט, אַרויסגענומען אַ פּעקעל סיגאַרען און מכבד געווען דעם עולם.

— נו, זאַנוויל, — האָט משה אָבגעהוסט, — ביזט גרייט צו פּאָה־רען היינט ביינאַכט?
— אויב מיר וועלען גאָר דורכקומען, — האָט זאַנוויל געענטפערט, — בין איך צו יעדער צייט גרייט.
— וואָס הייסט? דאַכט זיך, כ'בין שוין דורכגעקומען מיט'ן טאַטען.
— וואָס טויגען די אַלע דבורים, ר' משה? אויב כ'וועל נישט זעהן צוויי הונדערט קערבלעך אויפ'ן טיש, ריהר איך זיך נישט פון אָרט! איהר טענה'ט, איהר קאָנט קריגען ביליגער? מיט'ן בעסטען פערגעניגען! כ'האָב צו אייך גאָר נישט!
— עה, זאַנוויל, האָסט דאָך עפּעס צופיעל פעפער אין דער נאָז! אפנים, די געשעפטען גייען דיר צו גוט, אַז דו וואַרפסט זיך אַזוי מיט הונדערט און פופציג רובעל? זעה, ס'מוז דאָך אַלץ זיין מיט אַ שכל! די גאַנצע חתונה וועט נעהמען קנאַפּער פון אַ שטונדע, און פאַר אַ שטונדע הונדערט און פופציג רובעל איז, דאַכט זיך, גאַנץ שעהן! ראָטשילד אַליין וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט! געה שוין געה, זאַנוויל, מאַך זיך נישט נאַ־ריש! זעהסט, ווען כ'וואָלט געווען זיכער, אַז די פערד זאָלען דורכגעהן, — נו, איז נאָך אַ פופציגער! אָבער, גזלן, וואָס טהו איך, די שעה זאָל נישט ב'שעה'ן, און מען נעהמט איבער אַלע פערד? הא? ווילסט זיין אַ שותף צום שאָדען? שווייגסט? דאָס איז נישט מעשה סוחר, זאַנוויל!
זאַנוויל איז געזעסען אַן אָנגעבלאָזענער און האָט גאָר נישט געענט־פערט. ער האָט געוואוסט, אַז משה וועט איהם פעררעדען. דאָס איז אַ כיטרער פוקס. כמעט אַלע פערד זיינען מיינע. משה האָט זיי אָנגעקריגען בחצי־חנם. און יעצט וויל ער נאָך אָפּרייסען פופציג רובעל? ניין!
זאַנוויל האָט זיך אויפגעשטעלט:
— ר' משה, בחנם וואָס איהר מאַכט קאַליע רייד, ס'וועט העלפען ווי אַ טויטען באַנקעס, ווייניגער ווי צוויי הונדערט רובעל נעהם איך נישט!
משה האָט געקוקט זאַנווילען אין די אויגען און געשמייכעלט:
— עה, זאַנוויל, געהסט דאָך גאָר עפּעס פון די כלים אַרויס!
— נו, שלמה, מיר וועלען שוין דורכקומען. ברענגט אַריין שנאַפּס.
תרצה האָט דערלאַנגט בראַנפען און עפּעס צו פערבייסען.

משה האָט אַרויסגענומען מיט אַ קרעכץ אַ דיקען טייסטער, אויס־געצעהלט צוויי הונדערט רובעל און זיי געגעבען שלמה'ן.

מען האָט געטרונקען לחיים, זיך געוואונשען, אַז דער השם יתברך זאָל העלפען בשלום דורכצוקומען און מען איז זיך צוגאַנגען.

## 6.

פאַרנאַכט איז זאַנוויל רוהיג אַריין צו משה „קוניאַרזש״ אין הויף, קלאַפּענדיג מיט זיין שפּיץ־רוט אין די ליאַקירטע כאָליאַוועס.

די פערד זיינען שוין אַלע געוועזען אונטער׳ן שטאָדט אין וועלדעל, נאָר זיין גניאַדער אָגער איז געשטאַנען אַ גנזאָטעלטער אין מיטען הויף און געפּאָכעט מיט זיין לאַנגען עק. דער פּיסק איז געוועזען בעדעקט מיט אַ ווייסע שוים. יעדע ווייל האָט דאָס פערד אַ וואָרף געטהאָן זיין שטאָל־צען קאָפּ מיט די לאַנגע גרזשיווע, געקלאַפּט מיט די פאָדערשטע קאָ־פּיטעס, אַז שטיקער ערד פלעגען זיך צושיטען אין אַלע זייטען.

זאַנוויל איז צו צום פערד מיט אַ מאָדנעם פּייף און דאָס גענומען גלעטען איבער׳ן גלאַנציגען האַלז. דאָס פערד האָט אָפּנים פערשטאַנען דעם פּייף, האָט איהם אָנגעקוקט מיט׳ן רעכטען אויג און האָט זיך פאַ־נאַנדערגעהירזשעט.

ביי דעם אָפענעם פענסטער איז געזעסען אַ בלאָנדע מיידעל. אין איין האַנד האָט זי געהאַלטען אַ בוך און מיט דער צווייטער האָט זי לייכט געריבען קליינע שמעקעדיגע בלעטלעך פון אַ מירטאָ־בלום, וואָס איז גע־שטאַנען אויפ׳ן פענסטער. דאָס איז געוועזען משה׳ס איינגסטע טאָכטער. דאָס מיידעל, דערזעהענדיג זאַנווילען, האָט אויפגעהערט לעזען דעם בוך און גענומען קוקען אויף איהם. זאַנוויל האָט בעמערקט איהר בליק, זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע און מעשה אַקטיאָר איהר געקוקט גלייך אין די אויג־ען אַריין. דאָס מיידעל האָט זיך פערשעהמט, געלאָזט ליגען דעם בוך און אַוועק מיט אַ הילכיג געלעכטער.

— אַ יחסנ׳טע! — האָט זאַנוויל אַ טראַכט געטהאָן, — משה׳ס טאָכטער! אַ כפּרה מעג זי געהן מיט איהר געשוואָלענעם טאַטען פאַר רחל׳ס מינדסטען נאָגעל!

באַלד איז משה אַרויסגעקומען, איהם אַריינגערופען צו זיך, מכבד געווען מיט א גוט גלעזעל וויין. זאַנוויל האָט געשפּרייזט שטייף איבער די פּליושענע דיוואַנעס, אַרויסגערוקט זיך א פּאַטער־שטוהל, פּערלעגט א פוס אויף א פוס, פּעררויכערט א סיגאַר. עס האָט איהם זעהר הנאה געטהאָן וואָס משה לעקט און חנפה'ט איהם.

זאַנוויל האָט זיך געזעגענט מיט משה'ן, אַרויף אויפ'ן פערד, זיך צופּייפט אויף זיין שטייגער, גלעטענדיג דעם פערדס האַלז און איז אַרויס דורך א הינטערשטען טויער. ער האָט יעצט אין גאַנצען פּערגעסען וועגען די פערד. ער האָט רחל'ען צוגעזאָגט דורכצורייטען דעם טראַקט נעבען די גערטנער. לאָז זי זעהן ווי איהר זאַנוויל זעהט אויס אויפ'ן פערד. ער וועט זי אַרויפנעהמען ווי יענער פּרינץ, גוט צוטוליען צו זיך און מיט איהר אַוועקפּאַטשען...

אויפ'ן שאָססע האָט זאַנוויל אונטערגעשפּאָרעט זיין פערד. דאָס פערד האָט א ציה געטהאָן דעם פאָדערשטען טהייל פון זיין קערפּער, זיך עטוואָס אויסגעצויגען און זיך פּאַנאַנדערגעטראָגען איבער'ן שאָססע לייכט ווי א פויגעל.

רחל איז געשטאַנען נעבען טראַקט און געוואַרט אויף זאַנווילען.

זי האָט דערזעהן ווי א שעהן צוגאָווע פערד טראָגט זיך אויפ'ן שאָ־סע, א הויכער רייטער זיצט גלייך ווי א ווירע — האָט זי א ציטער גע־טהאָן. „זאַנוויל פאָהרט!"...

זאַנוויל איז צוגעריטען נאָהענט צו רחל'ען. דאָס פערד האָט זיך גענומען דרעהען אַרום און אַרום. רחל האָט עם אָנגעכאַפּט פאַר'ן צוים:

— ווי שעהן דו ביזט, זאַנוויל, אויפ'ן פערד! ווען כ'וואָלט זיך נישט געשעהמט, אז א בעקאַנטער זאָל אונז טרעפען, וואָלט איך אַרויף צו דיר. שפּרינג אַראָפּ, כ'וועל דיר א קוש טהאָן, — האָט רחל געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

זאַנוויל האָט זיך פּעררויטעלט, אַראָפּגעשפּרונגען און געהאַלזט רחל'ען.

דאָס פערד איז געבליבען שטעהן, אויפגעשטעלט די אויערען, צוע־פענט ברייטער זיין קלוג אויג און געקוקט אויף דעם פּאָרעל.

— ביזט זיכער, אַז מען וועט דיך נישט כאַפּען, זאַנוויל? און אז יאָ? וואָס וועל איך טהאָן? כ'וועל דיך שוין קיינמאָל נישט זעהן? קיינמאָל?...

— מיך וועט קיינער נישט כאַפּען! שרעק זיך נישט, רח'טשע! מאָרגען וועלען מיר זיך זעהן.

— נו, טאָ נעהם מיך נאָך אַ מאָל ארום! אזוי! שטאַרקער!...

זאַנוויל איז שוין געזעסען אויף דעם פערד, געקוקט מיט זיינע ליעבע קינדישע אויגען אויף רחל'ען, געדריקט איהר האנד און געשמייכעלט.

רחל האָט געגלעט זיין פערד, געהייסען איהם פאָהרען גיך, זעהר גיך.

זאַנוויל האָט זיך עטוואָס אויסגעבויגען, אונטערגעשפּאָרעט דאָס פערד. דאָס פערד האָט זיך מיט אַ מאָל אַ ציה געטהאָן, געוואָרען לענגער און איבער דעם שאָססע האָבען זיך גענומען הויבען וואָלקענס שטויב.

רחל איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט פערזונקען אין רעיונות און נאָכגעקוקט זאַנווילען.

## 7.

אז זאנוויל איז צוגעקומען צום וועלדעל, האט ער פון דער ווייטענס דערזעהן זיין פאטער מיט צוויי יונגען. ער איז גיך אראפ, גענומען בינדען די פערד: א פערד'ס פיסק צום צווייטענס עק, און אזוי איינס הינטער'ן אנדערען; זיך נאכדעם געזעגענט מיט'ן פאטער און איז פאמעליך ארויסגעריטען דורך הינטער־וועגלעך פון וועלדעל. די צוויי יונגען זיינען איהם נאכגעריטען.

דעם גאנצען וועג האט זאנוויל געוואלט טראכטען וועגען דער גרעניץ, נאר יעדעס מאל איז איהם אין דער־מיט אריין רחל.

— און וואס וועט טאקע זיין, אז מען וועט איהם היינט ביינאכט שיסען? — איז זאנווילען דורכגעבליצט א געדאנק אין מח.

ער האט זיך צושמייכעלט, ארויסגענומען פון כאליאווע א פלאטשיג פלעשעל שנאפס און מיט עטליכע זופ פערטריבען דעם געדאנק.

אט זיינען זיי שוין געוועזען אויף דעם ברעג פון דער „זשאלדעווקא“.

— האלט! — האט זאנוויל שטיל געזאגט און א מאך געטהאן מיט דער האנד.

די פארטיע האט זיך אפגעשטעלט.

— דא וועלען מירווארטען ביז ס'וועט גוט פינסטער ווערען! איצט, חברה, נעהמט די „בלאז“ מיט בראנפען און רייבט איין די פערד די קעפ, זיי זאלען נישט הירזשען. אלץ זאל געטהאן ווערען שא־שטיל, ניט קיין איבריגען פיפס, איהר הערט?

די פערד זיינען באלד געווארען רוהיגער, ווי זיי װאלטען פערשטאנען די געפאהר, זיך גענומען רוקען איינס צום צווייטען מיט אראפגעלאזטע קעפ און זיינען געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידטע. זאנוויל האט

בעטראַכט די צונויפגעדריקטע פאַרטיע מיט די אַראָפּגעלאָזטע דרעמעל־דיגע קעפּ און עפּעס אַ רחמנות־געפיהל האָט איהם אַרומגענומען.
אַרום איז געווען שטיל.

ווען־ניט־ווען האָט אַ בלאָז געטהאָן אַ ווינטעל, מיטברענגענדיג דעם פייכטען, שאַרפען ריח פון יאַלאָוויץ און פון פאַרטיגע פלאָמבירען.

די „זשאָלדעווקאָ" איז זיך געראָנען רוהיג פּאַמעליך. ס'האָבען זיך געהויבען קליינע דונקעל־פיאָלעטאָווע וועלען, איינשלינגענדיג איינע די צווייטע.

זאַנוויל איז געלעגען אויף דעם בויך און געקוקט ווי עס וואַקסען פון וואַסער אַרויס דונקעל־בלויע בערג, צוואוואַקסען זיך אין הימעל אַריין. אַ רויטליכער פּאַס האָט זיי דורכגעשניטען און די בערג זיינען געבליבען הענגען צווישען הימעל און וואַסער.

זאַנוויל האָט דערפיהלט ווי עפּעס צוגיסט זיך איבער אַלע זיינע גליעדער און ער איז געוואָרען לעבעדיגער, ווילדער. עס האָט זיך איהם גערדאַכט, אַז די דונקעל־פיאָלעטעווע וועלען רופען איהם, און ער האָט גרויס חשק געהאַט אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך די קליידער און כאַפּען אַ שווים.

— חברה, מיר וועלען גאָר כאַפּען אַ שווים! — האָט זאַנוויל זיך געווענדעט צו די צוויי יונגען.

זיי האָבען אויפגעהויבען די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיך איבערגעקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, און געהייסען האָט עס: „אז דער האָ־בער שטעכט, קריכט מען אויף גלייכע ווענד".

זאַנוויל האָט אַ שפּיי געטהאָן גלייך אין וואַסער אַריין, אַ ברום געטהאָן „פּלאָקען־שיסערס!" און גענומען שנעל אַראָפּוואַרפען פון זיך די קליידער.

און דאָס שטילע וואַסער האָט מיט אַ מאָל אַ קרעכץ געטהאָן אונטער זאַנווילס קלאַפּטער. ער האָט דורכגעשניטען עטליכע קרייזען און איז אַרויס.

— שוטים, וואָס ווייסט איהר וואָס גוט איז! — האָט זיך זאַנוויל

געוועגדעט צו די יונגען, אָנכאַפּענדיג זיך ביי אַ דיקע צווייג פון אַן אַלטען בוים, וואָס איז געוואַקסען ביים ברעג, און זיך גענומען ציהען.

ס׳איז געוואָרען אַלץ פינסטערער און פינסטערער.

די פּאַרטיע פערד איז געשטאַנען רוהיג, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. מען האָט אָפּגעגאָסען די פערד מיט קאַלט וואַסער און זיי זיינען לע־בעדיגער געוואָרען.

די פּאַרטיע האָט זיך שטיל געריהרט פון אָרט.

שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס ריטמישע קלאַפּען פון די קאָפּיטעס. ווען־ניט־ווען האָט זיך צוהירזשעט אַ פערד.

פון דערווייטענס האָט זיך בעוויזען אַ רויט פייערל. דאָס איז געוועזען די „קייט": אַ הויכער ווייס־געפּאַרבטער קלאָץ מיט שוואַרצע פּאַסען און מיט אַ לאַנגע קייט אַראָפּ.

זאַנוויל האָט פּערקערעוועט אין אַ זייטיג וועגעל, גענומען רייטען זעהר פּאַמעליך. ער האָט געהאַלטען אין איין גלעטען זיין אָגער און פון מאָל צו מאָל איהם מכבד געוועזען מיט אַ קלעצעל צוקער.

טריט — — —

די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען אַ ווייל. עס איז ווידער שטיל געוואָרען און מען האָט זיך געריהרט פון אָרט.

זאַנוויל האָט זיך אַרומגעקוקט — נאָך אַ פופציג טריט און די פערד זיינען אין פּרייסען. מען האָט זיך ווידער פּערקערעוועט אין אַ קליין זאַמדיג וועגעל און גענומען טרייבען די פערד דורך שטעכעדיגע אַגרעס־קוסטען.

פון דערווייטענס זיינען אַנטקעגען געקומען צוויי זעלנער.

זאַנוויל האָט בשעת מעשה אַ ציטער געטהאָן, נישט לאַנג געקלעהרט און געהייסען יאָגען די פערד וואָס כח נור. די פערד האָבען זיך צו־טראָגען. די זעלנער האָבען אָנגעשטעלט די ביקסען. די יונגען זיינען אַראָפּגעשפּרונגען און צוריקגעלאָפען.

זאַנוויל איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט:

— הינטישע לעבערס! די כאָליערא וועט אייך שוין נעהמען! און איז אַנטקעגען געפאָהרען די זעלנער.

די זעלנער האָבן איהם אָפּגעשטעלט, גענומען אָפּבינדען די פערד. זאַנוויל האָט גענומען טענה'ן מיט די זעלנער, זיי געוואָלט אונטער־קויפען — ס'איז נישט געגאַנגען! אַ קאַלטער שווייס האָט בערעקט זיין גאַנץ לייב. ער האָט אַ קריץ געטהאָן מיט די צייהן און וואָס כח גוה אונטערגעשפּאָרעט זיין אָגער.

דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטהאָן, אַנידערגעשליידערט מיט די פאָדערשטע פיס איין זעלנער און זיך צוטראָגען ווי אַ פייל פון בויגען. די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעריסען און איז נאָך.

דער צווייטער זעלנער איז צומישט געוואָרען, גענומען נאָכשיסען, גע'הרג'עט עטליכע פערד, נאָר זאַנוויל איז שוין געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ און געוויעזען די זעלנער אַ לאַנגע נאָז.

---

אויף דער צווייטער זייט גרעניץ האָבען שוין צוויי דייטשען איהם אָפּ־געוואַרט. איינער האָט אוועקגעפיהרט די פּאַרטיע פערד און דער צווייטער האָט זאַנווילען איינגעלאַדען אויף אַ קופעל ביער.

ניט ווייט פון שענק האָט זאַנוויל בעמערקט קופּקעלעך מענשען אויף דעם גראָז. דאָס זיינען געזעסען „מולכ'ערם" — אָט יענע, וואָס פיהרען איבערגעניצטע קליידער דורך די גרעניץ. זיי האָבען אָפּגעוואַרט דעם בערלינער צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פונקט איינס ביינאַכט. מיט דעם צוג קומען אָן די סוחרים פון אַלטוואַרג, עפענען דאָ די וואָרע און יעדערער פון די מולכ'ערם טהוט זיך אָן עטליכע „שטיק" און פאָהרט אַריין נאָך פוילען.

עס איז געזעסען אַ קופּקעלע עלטערע אידען אין לאַנגע כאַלאַטען און זיך געשמועסט געלאַסען. זיי האָבען מקנא געוועזען „יערגע נאַר" (אַזוי האָבען זיי גערופען דעם דייטש), ווי ער לעבט זיך רוהיג. און צום מייסטען האָבען זיי מקנא געוועזען דעם שיינקאַר, וואָס האָט געהאַלטען די שיינק ביי דעם טראַקט און געלייזט בייטאָג און ביינאַכט.

דאָס זיינען געווען צום מיינסטען יורדים, שעהנע חסידים, וועלכע האָבען שוין אַלץ פּרובירט, אַפילו מלמדות, נור עס איז נישט געגאַנגען, — האָבען זיי גענומען אַריינפאָהרען נאָך פּרייסען, אָנטהאָן יעדערער צו עט־

ליבע דעק, צו עטליכע פּאָר הויזען, דורכפיהרען די גרענעץ און זיך מאַ־טערען.

ביי אַ צווייטע קופּקע זיינען געזעסען ווייבער אין שייטלען און גע־האַלטען אין איין בערעדען אָט יענע מיידלעך, וואָס זיינען געזעסען אַ ביסעל ווייטער אויסגעמישט מיט שיקסעס, שקצים און יונגען.

פון דעם פּלאַץ, וואו דאָס יונגוואַרג איז געזעסען האָט זיך געטראָגען אַ הילכיג געלעכטער. די יונגען פּלעגען אויסציהען אַ מויד אָדער אַ שיקסע אויף דעם גראָז און זיך נעהמען וועטען, אַז זי טראָגט אונטער דעם קלייד גאָר נישט, כדי זי זאָל קענען אַלץ מעהר אָנטהאָן. די מויד איז דערווייל געלעגען און געמאַכט קולות, ביז אַ אידענע האָט שוין נישט געקענט צוהערען, איז זי צו און זיי גענומען זידלען. האָט מען אָפּגעלאָזט די מויד, און עפּעס אַ יונג אַ חצוף איז אויפגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט די אידענע און איהר געוואָלט אַ קוש טהאָן. די אידענע האָט גענומען שרייען און אַלע אַרום האָבען געפּלאַצט פון געלעכטער.

עס איז דורך אַ דייטש מיט אַ דיקען סיגאַר, זיך אָפּגעשטעלט, גע־שטאַנען אַ ווײַלע, אויסגעשפּיגען: „שמוציגע יודען!“ און געגאַנגען ווייטער.

זאַנוויל איז אַריין אין שיינק, אויסגעטרונקען עטליכע קופעל ביער, פעררויכערט אַ סיגאַר, זיך געזעגענט מיט דעם דייטש און אַרויס.

די סוחרים מיט די קופּקעס סחורה זיינען שוין געהאַט אָנגעקומען, האָבען עס צולעגט אין מיטען פעלד. די מולכ'ערס האָבען פון זיך אַלעס אַראָפּגעוואָרפען, געשטאַנען אין די העמדער און גאַטקעס; די ווייבער אָהן בלוזקעס און אין די האַלקעס, און זיך געשטופּט, געריסען צו די סוחרים, און ווער עס איז געוועזען שטאַרקער, האָט געכאַפּט מעהר. די ווייבער האָבען געשלאָגען די מיידען און די מיידען האָבען אַרונטערגע־ריסען די שייטלעך ביי די ווייבער. און אָט איז צו אַ האַלב־נאַקעטער שקץ, שטיל אָפּגעבונדען דאָס בענדעל פון דער האַלקע ביי אַ מיידעל. דאָס מיידעל האָט געטהאָן אַ שטרעק אויס די האַנד, געוואָלט כאַפּען אַ לייַ־בעל — איז זי שטעהן געבליבען אין אַ פּאָר קורצע לייווענטענע מייטקעס.

די יונגען מיט די שקצים האָבען זי אַרומגערינגעלט, געמאַכט אַ ראָד, זיך פאַנאַנדערגעטאַנצט און זי נישט געלאָזט אַרויס.

אַט האָט זיך דורכשפּאַציערט דער „אידישער״ אַביעשטשיק מיט די ביקס אויף דעם אַקסעל, זיך געוויצעלט מיט די אידען, געגעבען זיי עצות.

באַלד איז אַרויס עפּעס אַ געזונטע מויד, גענומען דעם זעלנער אונ־טער׳ן אָרעם און אַוועק מיט איהם אין וועלדעל.

זאַנוויל איז געשטאַנען פון דער ווייטענס, זיך צו אַלעם צוגעקוקט. ער האָט אַ שפּיי געטהאָן, אויסגעשריען „שטינקערס״ אין דער נאַכט אריין, און פערשוואונדען אין אַ זייטיג געסעל.

אַ פּאַרטיע קאָנטראַבאַנדיסטען מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס איז זאַנווילען אַנטקעגען געקומען.

— אי, זאַנוויל! וואָס טהוסטו דאָ? — האָט אַ געלער געזאָגט.

— כ׳האָב געדאַרפט זעהן אַ דייטש! — האָט זאַנוויל רוהיג גע־ענטפערט און געוואָלט געהן ווייטער.

— דערצעהל עס דער „באָבע יורע״, זאַנוויל. מיר ווייסען דאָך, — האָט זיך אַ קליינער, ברייט־ביינינגער יונג אריינגעמישט.

— פּימפּערנאָטער! ווער פרעגט דיך? ס׳איז דיין באָבעס דאגה?

די חברה האָבען זיך איבערגעקוקט.

— נו, טאַקע! — האָט זיך דער געלער געווענדעט צום קליינעם, — אַז אומעטום מוזט דו זיך אריינמישען! ווען ער פערפאַהרט דיר, וואָלט מיך עפּעס געהאַרט? אַסור! ועסט זיך נאָך אַ מאָל דערשפּיעלען! און דו, זאַנוויל, וואָס רעגסטו זיך באַלד אַזוי אויף? לאָז דיך דאַכטען אַ הונד בילט! פּיעלייכט וואָלסטו מיטגענומען אַ פּעקעל זיידענס?

— געמאַכט! — האָט זאַנוויל געענטפערט, — וויפיעל גיסטו?

— וואָס הייסט? קריגסט אַ צעהנעריל!

— ניין, גוטער ברודער! — פופצעהן!

דער געלער איז געשטאַנען אַ ביסעל, געטראַכט:

— ס׳גנהט!

די פּאַרטיע האָט זיך אָבגעשטעלט, דער געלער איז ערגעץ אַוועק, געזוימט זיך עטליכע מינוט און געבראַכט אַ גרויסען פּאַק זיידענס. זאַנוועל

האָט אַרויפגעמאַכט די פּאַסקעס איבער זיינע אַקסלען, האָט דעם פּאַק לייכט אַריבערגעוואָרפען איבער די אָרעמס און גענומען שפּרייזען. ניט ווייט פון גרענעץ האָבען זיך די חברה צוטהיילט אין צוויי פּאַרטיעס. דער געלער האָט געפיהרט. אַלע האָבען אויסגעטהאָן די שטיוועל, פערקאַטשעט די הויזען און זיך אָבגעשטעלט. דער געלער איז אַליין אַוועק אין וועלדעל געוואָהר ווערען וואָס עס הערט זיך. ער איז באַלד געקומען צוריק מיט זעלנער, געטהאָן אַ מאַך מיט דער האַנד און די פּאַרטיע איז אָהן שטערונג דורך די גרעניץ. דורכ'ן וואַלד האָט מען גענומען געהן איינציגווייז. דעם גאַנצען וועג האָט קיינער קיין וואָרט ניט גערעדט. ביי דעם קלענסטען שאָרך זיינען אַלע אריין אין דער טיעפער תבואה מיט די געפּעק, געלעגען אַ לענגערע ווייל ביז עס איז ווידער שטיל געוואָרען און געשפּרייזט ווייטער.

זאַנוויל איז געגאַנגען אַ מיעדער. דער טאָג האָט איהם עפּעס אויס־געמאַטערט און ער האָט געפיהלט ווי אַלע גליעדער ברעכען איהם. ער האָט עטליכע מאָל געוואָלט קלעהרען וועגען רחל'ען, נאָר ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען.

אַרום דריי אַ זייגער ביינאַכט איז די חברה געקומען אין דעם לעצטען דאָרף וואָס געפינט זיך אונטער דער שטאָדט. זיי האָבען אַראָבגע־נומען די פּעק און זיך געזעצט רוהען אין אַ טהאָל אויף דער לאָנקע. מיט אַמאָל האָבען זיי דערהערט ווי אַ רייטער קומט אָן. די חברה האָבען געכאַפּט די פּעק און זיך צושאָטען אין אַלע זייטען. זאַנוויל איז אַנטלאָפען אָהן אַ היטעל. ער איז געוועזען זעהר אויפגערעגט, געשפּאַנט גיך, געפיהלט אַ שרעקליכע מיעדקייט. עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי.

— מען יאָגט! — האָט זאַנוויל אַ טראַכט געטהאָן און געבליבען שטעהן. ער האָט פאַר זיך דערזעהן דעם אַלטען בית־עולם. ער האָט זיך פלינק אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן פּאַרקאַן, אַריבערגעשפּרונגען לייכט ווי אַ קאַץ און גענומען געהן צווישען די מצבות קאַלטבלוטיג, רוהיג... ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ הויף בערגעל, אונטערגעלעגט דעם פּאַק, זיך אַנידערגעוואָרפען און איז פעסט אַנשלאָפען געוואָרען...

## 8.

צייט זאַנוויל האָט זיך בעקאַנט מיט רחל'ען האָט ער גענומען אַלס מעהר און מעהר אויסמיידען זיינע פריהעריגע חברים, זיך גענומען מיט זיי זעלטען טרעפען. עטליכע וואָכען דורכאַנאַנד פלעגט ער ניט אריינשמעקען אין שענק אריין. זיין בעסטער פערגעניגען איז געוועזען אין דער פרייער צייט, ארויסצוגעהן מיט „מאַרוועץ" אויפ'ן ברעג פון דער „רזשיקע", זיך אויסציהען אין דעם טיעפען גראָז און טראַכטען. און מאַרוואַ פלעגט זיך אויסציהען, אויפשטעלען זיינע אוירען, עפּענען עטוואָס זיינע מאַנדעל־אויגען און קוקען און בורטשען. און אַז זאַנוויל איז געווען גוט אויפגעלעגט האָט ער זיך גענומען קאַטשען איבער'ן גראָז. מאַרוואַ פלעגט זיך אויפכאַפּען, זיך צוזעצען אויף די הינטערשטע פיס, אַ שפּרונג טהאָן צו דעם בעל־הבית, איהם ארומכאַפּען מיט די לאַפּעס, לעקען, דרעהען מיט דעם עק און אַ געזונד, הארציג געלעכטער פלעגט הילכיג אָבקלינגען איבער דער לאָנקע...

און אַז זאַנוויל איז בייז געוואָרען אויף דעם הונד, האָט ער איהם געכאַפּט פאַר די אוירען און אריינגעשליידערט אין דער „רזשיקע". דער הונד פלעגט אויסשווימען עטליכע קרייזען, אַלץ קוקענדיג מיט זיינע מאַנדעל אויגען אויף דעם בעל־הבית און ארויסשפּרינגען. ער פלעגט זיך אָבטרייסלען און צו צו זאַנוויל'ען. זאַנוויל פלעגט פון דערווייטענס קוקען אויף דעם הונד'ס נאַסען קערפּער און האָט הנאה געהאַט.

נור פון צייט צו צייט האָט זאַנוויל'ען ארומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך זיינע חברים, נאָך די שענק און דעמאָלט האָט ער אין אַלעם פערגעסען. ער האָט דערפיהלט ווי עפּעס צוואַקסט זיך ביי איהם, די מוסקולען ווערען שטייפער, ציהען זיך אָן, דאָס הארץ שפּאַרט זיך פון קאַסטען

אַרויס, און אין אַזעלכע מינוטען האָט ער אַראָבגערוקט דאָס היטעל איבער די אויגען און אַוועק אין דער שענק אַריין.

---

צומאָרגענס ווען זאַנוויל איז אַהיימגעקומען פון פרייסען האָט ער דערפיהלט אַ שרעקליכע בענקשאַפט נאָך זיינע חברים, עס האָט זיך איהם געוואָלט דערצעהלען וואָס ער האָט אויפגעטהאָן אין דעם נעכטיגען טאָג און ער איז געווען זיכער אַז נור זיי וועלען איהם פערשטעהן.

באַלד נאָכמיטאָג איז זאַנוויל אַוועק אין שענק אַריין.

דורך דער גאַנצער לענג פון שענק, צו דער וואַנד צו, איז ווי אַלע מאָל געשטאַנען אַ צאָהל־באַנק. אויף דער צאָהל־באַנק האָבען זיך געפונען עטליכע באַרעלקעס בראָנפען, פעסלעך ביער. אויף אַ לאַנגער קופּערנער טאַץ מיט לעבלעך זיינען געשטאַנען גלעזלעך, קופּערנע קוויטירלעך און קופּלעס. דער פּולאָפּ איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דיקען פּיער־עקיגען קלאָץ אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעשניצט פערשיעדענע זאַכען און נעמען פון פערשיעדענע גנבים. אונטער דער צאָהל־באַנק איז געזעסען אַ הויכע דיקע אידענע — ברײנע קאָזאַק — און מיט הנאה זיך געבויערט די נאָז מיט אַ פינגער. ביי עטליכע טישלעך זיינען געזעסען יונגען און געגעסען. ביי אַ ווינקעל־טישעל זיינען געזעסען הדריי יונגען און געטרונקען. ביי איינעם פון זיי אויף דער שוים איז געזעסען אַ יונג געפּודערט מיידעל און געראויכערט אַ פּאַפּיראָס. די שענק האָט געשמעקט מיט געבראָטענס.

— זעהט נור, זעהט! — האָט זיך ברײנע צושריען — טפוי, טפוי, טפוי! אַ שעהנער מענש! ס'פּאַסט דיר שוין גאָרנישט אַריינצוקומען אין שענק אַריין!?

פון אַלע טישלעך האָט זיך געהערט: זאַנוויל! זאַנוויל!

פון אַלע זייטען האָט מען איהם אַרומגערינגעלט, איהם געגעבען שלום, זיך געוויצעלט.

זאַנוויל האָט זיך אַ צופריעדענער אַוועקגעזעצט מיט דער חברה אַרום אַ גרויסען טיש.

— פופצעהן פלעשלעך לאַגער! — האָט זאַנוויל אַ געשריי געטהאָן.

— נו, וואָס מאַכט איהר עפּעס חברה? בנאמנות, איך האָב זיך פערבענקט נאָך אייך!

— אז דו ביזט אזא פריץ געוואָרען! מען זעהט דיך נישט אויף דער ליכטיגער שיין! וואָס טהוסטו גאַנצע טעג? — האָט זיך „גראַדול“, אַ הויכער, געשטופּעלטער יונג, מיט צוויי שניט אין דער לינקער באַק, אָנגערופען.

— כ׳וויים? — האָט זאַנוויל געענטפערט — מען פטר׳ט די צייט, כ׳וויים אַליין נישט מיט וואָס.

— אָ, דאָס איז אמת, ברודער! — האָט גראַדול געזאָגט און אַ וואונק געטהאָן צו דער חברה — „נאַש בראַט“ טאָר זיך נישט אריינלאָזען אין צו וויטע דרכים מיט אַ מויד! דאָס איז אַ געשעפט פאַר יאָלדען! ס׳געפעלט דיר אַ מויד, האָב חתונה און אויב נישט — גיט מען איהר אַ קוועטש און פטור! גלויב מיר זאַנוויל, מאַנקע הערט דאָך דאָס נישט — האָט גראַדול ווייטער גערעדט און אַ גראָבען ווינק געטהאָן מיט די אויגען — מען קאָן מיט איהר לעבען אַ יאָהר אָהן אַ ווייב.

חברה האָבען זיך געשטיקט פון געלעכטער.

מאַנקע איז ברוגז געוואָרען:

— ווי לאַנג קרענקסטו, דו געשטופּעלטער הונד, ווי כ׳וועל שוין מיט דיר נישט רעדען!

— אָבער וועגען וואָס האָסטו זיך אַזוי צורעדט? — האָט זיך זאַנוויל געפרעגט ביי גראַדול׳ען.

— איך וועל דיר זאָגען — האָט מיט אַ שמייכעל אָנגעהויבען משה׳לע, אַ יונג ווי אַ ריעז. — אַנומעלט קומט דער „קעלביגער“ און דער־צעהלט אז דו האָסט איהם געשטערט. ער איז פערפאָהרען שפּעט ביי נאַכט מיט אַ פוהר און געוואָלט ביי נתן דעם אָגאָראָדניק ארויסנעהמען עטליכע קערץ מערען. ער געהט צו און בלייבט אַ פערציטערטער: דו געהסט ארום איבער׳ן פעלד, האַלסט אַ מויד אויף דער האַנד און שלעפּסט זי איין ווי אַ פּיעסטענקע אַ קינד! ער איז שיעור נישט צוזעצט געוואָרען פון געלעכ־טער, נור ער האָט מורא געהאַט און זיך אָבגעטראָגען.

זאַנוויל איז בלאַס געוואָרען און זיך צושמייכעלט.

— עפּעס א שעהנע מיידעל? — האָט איהם מאַנקע געפרעגט, צוקו־מענדיג צו איהם — שעהנער פון מיר? זאַנוויל, געדענקסט, אמאָל בין איך געווען דיינע. דו פלעגסט מיר קויפען לאַקירטע שיך! יא, יא...

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט, ארומגענומען מאַנקען און האָט זי ארויפגעזעצט צו זיך אויף דער שויס.

חברה האָבען צועפענט די פלעשלעך, געטרונקען, דערצעהלט מעשיות.

גראַדול האָט זיך פער'גנב'עט אונטער מאַנקע'ס פּלייצע און איהר אריינגעגאָסען אביסעל ביער אין קאַרק אריין.

מאַנקע האָט א צאַפּעל געטהאָן, גענומען זיך פּיעשטשען ווי א קליין קינד, געסטראַשעט אַז זי וועט דערצעהלען פאַר זיין ווייב.

— וואָס, דו האָסט שוין א ווייב? וואָס איך הער? — האָט זיך זאַנוויל א פערוואונדערטער געפרעגט.

— וואָס דען, ברודער, א הינטיש לעבען דערעסט! איינבעטען זיך א קוש ביי מאַנקען? דאָ קויף איהר שיך, דאָ — א קאָרסעט, און אַז קומט צו עפּעס וועט זי דיר צייגען א פייג! מכות! האָב איך א ווייבעלע, ברודער, א צאַצקע! פון וואַרשע קומט זי, א קליינס, א שוואַרץ, ווי א מייזעל, און נעהמט עס קושען איז... ווער איך פערכאַפּט און קאָכען, קאָכט זי, ברודער, אַן אַנטיק! און וואָס דאַרף איך נאָך?

— דאַכט זיך א גליקליכער מענש — האָט זיך מאַנקע געווענדעט צו זאַנוויל'ען — און פון דעסטוועגען מאַכט ער מיר דעם טויט!

חברה האָבען געשמייכעלט.

גראַדול האָט א ציה געטהאָן מיט איין זופּ א קופעל ביער און א קלאַפּ געטהאָן זאַנוויל'ען איבער דער פּלייצע:

— קום אריבער, זאַנוויל! „מיינע" וויל זיך מיט דיר באַקענען.

— וואו האָסטו זי גענומען?

— ס'הייסט וואו? כ'בין געווען אויף פּראַגער יריד, נו, באַקען איך זיך מיט א מיידעל, איז זי מיר געפעלען געוואָרען, האָט מען געשטעלט א חופּה און פאַרטיג!

זאַנוויל האָט באַשטעלט נאָך צעהן פלעשלעך.

א דארער יונג האט ארויסגעצויגען א הארמאניע, פערשארצט זיין קליין היטעלע, איינגעבויגען דעם קאפ און גענומען שפיעלען א וואלס.

מאנקע איז אראב פון זאנוויל'ס שויס, מיט איין האנד האט זי צוגעהאלטען איהר קורץ קליידעל און לייכט צוגעקלאפט צום טאקט. פון א ווינקעל האט זיך באלד בעוויזען א שקץ מיט א שקצה און גענומען טאנצען. דער שקץ איז געווען האלב שכור, מיט פערלאפענע אויגען און צושויבערטע האר. ער האט פעסט ארומגענומען די שקצה, זי עטוואס אויפגעהויבען און זיך מיט איהר גענומען ארומדרעהען, ארויסלאזענדיג בריפענדע קולות.

מאנקע האט אנגעכאפט זאנוויל'ען פאר די הענד, איהם אויפגע־שטעלט און זיך געלאזט מיט איהם איבער דער שענק. זאנוויל האט מיט איהר געטאנצט. נאר אין מיטען האט ער חרטה געקראגען, זיך אויסגע־דרעהט, האט עטליכע מאל דורכגעשפאנט די שענק און זיך געזעצט.

דער יונג האט גענומען שפיעלען א מאזורקע.

מאנקע האט געכאפט גראדול'ען, זיך גענומען מיט איהם דרעהען גיך, שטארקער. איהר לייכט קליידעל האט זיך אויפגעבלאזען ווי א קאראזעלא. און יעדעס מאל ווען זי האט זיך געדארפט צוזעצען און א קלאפ טהאן מיט איהר אבצאס, האט זי אזא דרעה געטהאן מיט דעם פוס, אז דאס קליידעל איז זיך צופלויגען און די פיס האבען רייצענד אפערגעקוקט פון אונטער די געפאסטע זאקען.

חברה האבען געגאפט.

דער יונג האט אויפגעהערט שפיעלען, אבגעווישט דעם שוויס, האט דערזופט זיין קופעל ביער און גענומען שפיעלען פון „שמענדריק". אלע האבען מיטגעזונגען:

„האצמער איז א בלינדער,
האט א ווייב מיט קינדער..."

מאנקע איז צו צו זאנוויל'ען, זיך געזעצט אויף זיין שויס און מיט־געזונגען. איהר פנים האט געפלאמט, די נאזפליגעל האבען זיך געהויבען

ווי ביי אַ יונגען זשרעבאַקעל. זאַנוויל האָט אויף איהר געקוקט, הנאה געהאַט און זי שטאַרק אַרומגענומען.

די חברה האָבען זיך אַלץ העכער און העכער צוזונגען. גישט ווייט איז געלעגען דער שכור'ער שקץ און זיך געריסען אויף זיין הייזעריגע שטימע... און עס האָט זיך געדאַכט אַז מענשען זיצען, האַלטען אייזערנע טעפּ און קראַצען מיט טעמפּע מעסערס.

מאַנקע האָט אָנגעשפּאַרט איהר קעפּעל אויף זאַנוויל'ס ברוסט:

— זאַנוויל, קום צו מיר היינט ביינאַכט! וועסט קומען? געדענקסט, פלעגסט זאָגען אַז דו האָסט מיך ליעב. גיה, ביזט אַ שלעכטער! דו האָסט שוין אַן אַנדער מיידעל. זאַנוויל, ווער איז שעהנער? וואָהר, מאַנקע? כאַ, כאַ!

זאַנוויל איז צומישט געוואָרען, און געפיהלט אַז ער ווערט בלאַס. ער האָט מאַנקע'ן אויפגעהויבען אויף די הענד און זי אַוועקגעזעצט אויף אַ לעדיגען שטוהל. איהם האָט זיך געדאַכט אַז רחל שטעהט אין ווינקעל אַ בלאַסע, אַ פערוויינטע און קוקט אויף איהם, קוקט ווי ער האַלט מאַנקען. ער האָט אַ צאַפּעל געטהאָן, זיך אויפגעשטעלט, געטהאָן גראַדול'ען אַ קלאַפּ איבער דער פלייצע און אַרויס מיט איהם אויף דער גאַס.

אַ לענגערע צייט איז זאַנוויל געגאַנגען און געשוויגען. ער האָט זיך דערפיהלט עפּעס ווי דערשלאָגען. עס האָט איהם זעהר געקרענקט וואָס די חברה ווייסען אַז ער האָט אַ מיידעל, און צומייסטען האָט איהם געאַרט, וואָס ער האָט געהאַלטען מאַנקע'ן די גאַנצע צייט אויף דער שויס. עס האָט זיך איהם איצט געוואָלט זיין איינער אַליין מיט מאַרווען, זיך אויס־ציהען אונטער'ן עפּעל־בוים, פערמאַכען די אויגען און רוהיג טראַכטען.

— וואָס ביזטו עפּעס אַזוי פער'חוש'ט? — האָט גראַדול איהם געפרעגט.

— כ'ווייס... עפּעס פאַסקודנע אין מויל, און דערצו טהוט מיר דער קאָפּ וועה...

— עה, זאַנוויל, ביזט דאָך ערגער פון אַ אידענע! און אַז מען טרינקט שוין אויס אַ פינף פלעשלעך, טאָ וואָס? זעהסט, מיך הויבט עס

נישט אָן צו ארען! איך גער מיר און קלעהר פון מאנקען. ווייסט, די מויד ווערט שעהנער פון טאָג צו טאָג! און זי קריגט דאָך די פּגירה פאר דיר!

— צו אַלדע שווארצע יאָהר, וואָס איז מיט דיר? האָסט דאָך ערשט חתונה געהאַט און קלעהרסט שוין וועגען מאנקען?

— ביזט אַ יאָלד, זאנוויל! אַ ווייב איז אַ ווייב! כ'האָב זי דאָך תמיד! און מאנקע איז עפּעס אַנדערש! שרעק זיך נישט, ס'וועט פאַר'ן ווייב אויך בלייבען, כ'בין ברוך השם אַ געזונדער אינגעל!

זאנוויל האָט נישט געענטפערט. ער האָט געפיהלט ווי אַלץ אין איהם געהמט זיך הויבען...

— אַט דאָ וואוין איך — האָט זיך גראדול אָנגערופען, ווייזענדיג אויף אַ קליין הייזעל.

גראדול האָט ברייט געעפענט די טהיר און אריינגעלאָזט זאנוויל'ען.

—ביילע, אַט דאָס איז מיין חבר, זאנוויל, וועגען וועלכען כ'האָב דיר דערצעהלט.

ביילע, אַ קליין שווארץ־חנ'עוודיג ווייבעל אין אַ גאַברעלע מיט טער־קישע בלומלעך, מיט אַ לאַנגען צאַפּ אראָב ווי ביי אַ יונג מיידעל, איז רויט געוואָרען, אַ שמייכעל געטהאָן און זאנוויל'ען דערלאַנגט אַ קליין ווארעם הענטעל.

— נו, זאנוויל, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין ווייבעל? — האָט גראדול געזאָגט, אָנגענומען ביילען פון הינטען און זי אויסגעדרעהט מיט דעם פּנים צו זאנוויל'ען.

זאנוויל איז געוואָרען צומישט, נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און זיך קינדיש צושמייכעלט.

— נו, ביילע, יעצט גיב עפּעס אין מויל אריין! עפּעס גוטעס, צוליעב אונזער גאַסט!

— געוויס, געוויס! ענטשולדיגט זאנוויל, כ'קום באַלד אריין! — האָט ביילע געזאָגט מיט אַ שמייכעל און איז אריינגעשפּרונגען אין צווייטען צימער.

— נו, זאנוויל, דעם אמת זאָג, זי געפעלט דיר? אַ שעלמא, האַ?

— מעגסטו זיך נישט בעגראָבען, זאָג? אז מען האָט אזא וואויל ווייּ־

בעל, זיך פערדרעהען דעם קאָפּ מיט מאַנקען. שעהם זיך, דו „בעל תכלית“ איינער!

— שריי נישט אַזוי, זי קאָן נאָך הערען — האָט זיך גראַדול אָבגע־רופען, און זיין געשטופּעלט פּנים האָט געשיינט.

אין אַ ווייל‏ע אַרום איז ביילע אַריין אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ ליבט קלייד, אַ ווייס זיידענע בלוזקע מיט שוואַרצע פּאַסקלעך. זי האָט געטראָגען אַ טעלער מיט אויבס, וויין, איינגעמאַכטס.

— וואָס זאָגסטו נישט ווי זי האָט זיך דאָס אויסגעפּוצט? פאַר'ן אייגענעם מאַן איז גאָרנישט, קומט נור אַ פרעמדער מאַנסביל, פּוצט מען זיך שוין!

ביילע האָט געקוקט אויף זאַנוויל'ען און אַ פערדרויטעלטע געשמייכעלט.

— נעהם עפּעס, זאַנוויל! זיי ווי ביי זיך אין דער היים! — האָט גראַדול געזאָגט אַ שיינענדיגער.

ביילע איז געזעסען, פערלעגט איין פוס אויף דעם צווייטען, און גערעדט, דערצעהלט מעשיות פון וואַרשע. און זי האָט גערעדט אַזוי גלאַטיג, אַזוי שעהן! זאַנוויל האָט קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט פון איהר, זיך צוגעהערט ווי זי דערצעהלט. איהר שטימע האָט איהם געקלונגען עפּעס אַזוי אָנגענעהם. ווען זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן, האָט ער באַמערקט אַז עס פעהלט איהר פון פאָרענט אַ קליין צייהנדעל און ער האָט אויסגעפונען אַז אַזוי איז זי נאָך שעהנער, בחנ'עוודיגער... און זי האָט גערעדט מיט די „רייש“, געזאָגט „יאַך“, געשלונגען האַלבע ווערטער, געשמייכעלט, און דאָס האָט זאַנוויל'ען פער'שכור'ט.

גראַדול האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער קאַנאַפּע, געהערט ווי זיין ווייבעל רעדט. ער האָט געטראַכט אַז אויב זי זאָל זיך נאָר טויגען, קען זי ווערען די „מאַטקאַ“ פון אַלע גנבים, און דעמאָלט האָט ער אָפּגעזאָרגט. ער האָט פאַר גרויס שמחה עפּעס אונטערגעזונגען און איז אַזוי אַנשלאָפען געוואָרען. באַלד האָט ער זיך געלאָזט הערען איבער דעם גאַנצען צימער. ער האָט פערריסען זיין פוס אין דער הויך ווי אַ קראָקווע און גענומען שנאָרכען.

ביילע און זאַנוויל האָבען זיך צולאַכט.

זאַנוויל האָט געוואָלט עטליכע מאָל אַוועקגעהן, נור ביילע האָט איהם אַלס געבעטען ער זאָל נאָך בלייבען. זאַנוויל איז אונטערגעזעסען אביסעל און ביים אַוועקגעהן האָט איהם ביילע לאַנג געדריקט די האַנד. זי האָט איהם געקוקט מיט איהר ליעבליכען שמייכעל אין די אויגען און פערלאַנגט פון איהם אַ בעשטימטען טאָג ווען ער וועט קומען.

אַז זאַנוויל איז אַרוים האָט ער לייכטער אָבגעעטהעמט און אַ טראַכט געטהאָן:

— אַ וואויל ווייבעל, אויף מיין וואָרט!

באַלד אָבער איז ער ווי צומישט געוואָרען און אָבגעזיפצט, ווי אַ שווערע משא וואָלט זיך מיט אַ מאָל אַרויפגעלעגט אויף זיין האַרץ.

— „סאַכאַר מאָ־ראָ־אָזשני!“ — האָט זיך צוזונגען אַ הויכער קאַצאַפּ אין אַ בלויע העמדעל, סאַמע אונטער זאַנוויל׳ס נאָז, טראָגענדיג אַ באַ־רעלקע אויפ׳ן קאָפּ.

— וועלכער שווארץ יאָהר האָט געבראַכט דעם קאַצאַפּ אהער? — האָט זאַנוויל בייז אַרויסגערעדט.

משה „קוניאַרש“ האָט זיך געשלעפּט איבער דער גאַס, געפּראַכט ווי אַ געפּאַשעטע גאַנז.

— ווי דאָס באַקט זיך! ווי דאָס שלעפּט קוים דעם קאַלדען! — האָט זאַנוויל צו זיך גערעדט — ווען איך כאַפּ דעם בחור אין אַ ווינקעל, וואָלט איך איהם אָנגענומען פאַר די אויערען, צוגעזעצט מיין קניע צו זיין פעטען פּוענץ און אביסעל איינגעפרעסט, דינער געמאַכט.

— אויף וואָס פאַר אַ וועלט ביזטו? — האָט זיך שלומה צושריען, זעהענדיג ווי זיין זוהן האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען דער גאַס און גענומען רעדען צו זיך אַליין.

זאַנוויל האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזעהן דעם פאָטער און זיך צו־שמייכעלט:

— אַ כאָליערע! די חברה האָבען מיך געכאַפּט, נו, האָט מען אביסעל אויסגעטרונקען!

— שפּאַרט מען זיך צו! מען וועט דאָך מיינען אַז דו ביזט משוגע געוואָרן!

— זאַנוויל איז אַריין אין שטוב, אָנגעזאָגט מען זאָל איהם אַרום אַכט אַ זייגער אויפוועקען, אַרויסגענומען אַ קישען מיט אַ קאָלדרע, מיט־גענומען מאָרוועו און זיך אויסגעצויגען אונטער׳ן עפּעל־בוים. ער איז גיך איינגעשלאָפען. דער הונד האָט זיך אויסגעצויגען צוקאָפּענס, אַרויסגע־שטעקט די צונג און געדרעמעלט.

### 9.

דער טאָג ווען רחל פלעגט זיך דארפען זעהן מיט זאנוויל'ען האָט ביי איהר אויסגעקוקט ווי אַ יאָהר. זי האָט זיך תמיד אויפגעכאַפּט מיט דעם געדאַנק, אַז היינט זעהט זי זיך מיט איהם. איהרע אַלע בעוועגונגען זיינען יענעם טאָג אויסגעקומען געשיקטער, יעדע זאַך האָט זיך געטהאָן אין היילעניש, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט דעם טאָג וואָס גיכער דורכשטופּען. אין פעלד איז רחל אַרומגעלאָפען ווי אַ צוטראָגענע, געהאַלטען אין איין היילען זיך, יאָגען די שקצות. זי האָט זיך עטליכע מאָל פערקליבען אין דער בודע, זיך צוגעשפּאַרט, באַלד זיך איבערגעוואָרפען, צוריק אַרויס, און מיט אַ שטונדע פריהער האָט זי יענעם טאָג אַהיימגעלאָזט די שקצות.

אַהיימקומענדיג פלעגט רחל אַראָבנעהמען די מעשענע מעדניצע און זי אָנגיסען מיט קאַלט וואַסער. אַרויסנעמען אַ שמעקעדיג שטיקעל זייף און זיך איינוואַשען. מיט אַ ווילד הנאה פלעגט זי זיך איינהערען, ווי די מידלינעס האָבען געקנאַקט, זיך געשפּאַרט דורך די צועפענטע פינגער. ווי די ווייסע מידלינעס צולויפען זיך און מחנות רעגענבויגען בלעזלעך בעווייזען זיך דאָ און דאָרט. זי האָט בעטראַכט אין שפּיגעל איהר מילך־ווייס לייב, ווי פריש דאָס איז און עס גענומען איינרייבען מיט קאַלט וואַסער און זייף. דאָס לייב איז פון דעם קאַלטען וואַסער פרישער, שטייפער געוואָרען און פון יעדען קאַלטען רייב האָט זי געפיהלט ווי דאָס לייב ציהט זיך אָן, פונקט ווי אַ סטרונע.

---

פאַרנאַכט. רחל האָט זיך אָנגעטהאָן אַ לייכט ציצען קליידעל, אַ ציצענע בלוזקע מיט אויגעלעך און מיט אַן אַריבערגעלעגטען קאָלנער, אַרומגעשנירעלט אַרום האַלז אַ רויט בייטשעל קרעלען, געשטאַנען אַ ווייל אין שפּיגעל, זיך שטיל צוזונגען און אַרויס.

זי איז גיך אװעק אין פעלד אַריין.

געהענדיג האָט רחל געריסען ווײס בלויליכען „כּאַבער“ און געפלאָכ־טען אַ קראַנץ. זי איז זיך עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען ביז צום װעלדעל, געטראַכט װאָס צו רעדען מיט זאַנוויל׳ען, ווי ער איז דורך די גרענעץ. זאַנוועל האָט שוין געדאַרפט זיין. רחל האָט אָנגעהויבען װערען אונגע־דולדיג. זי האָט געוואוסט דעם וועג דורך וועלכען ער קומט אָן, איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען מיט דעם קראַנץ כּאַבער אויפ׳ן קאָפּ, די אויגען ברייט צועפענט און געקוקט, געזוכט אין אַלע זייטען. עס האָט זיך בעוויזען אַ שאָטען און באַלד איז אַרויסגעשוואומען אַ הויכע פיגור.

— זאַנוויל! זאַנוויל! — האָט זיך רחל געפרעהט און גענומען שפּאַ־נען אַנטקעגען.

די פיגור איז נאָך געגאַנגען עטליכע טריט, זיך אַריינגעדרעהט אין אַ זייטיג געסעל און איז פערשוואונדען.

עס איז דורך אַ שטונדע, רחל איז געוואָרען נערוועזער און אַלס אין איהר האָט גענומען קאָכען. זי איז אַריין אין דער בודע און זיך צוואויינט.

— ער װעט שוין קיינמאָל נישט קומען, קיינמאָל — האָט רחל מיט זיך גערעדט. — און אויב ער וועט קומען וועל איך איהם הייסען געהן. יאָ! װאָס ווייס אַ פערד־גנב פון ליעבע? איך ליעג יעצט דאָ, דאָס האַרץ ווערט מיר צוריסען אויף שטיקער, וואַרט אויף איהם, און ער קריכט געוויס יעצט אין אַ שטאָל אַריין און נעהמט אַרויס אַ פּאָר פערד. בררר.... גוט אויף מיר! גוט אַזוי!

— און טאָמער האָט מען איהם נעכטען געשאָסען? — איז איהר דורך אַ געדאַנק — ער איז דאָך אַװעק מיט אַ פּאַרטיע פערד איבער דער גרענעץ, און ביי דער גרענעץ שטעהען דאָך אַזוי פיעל זעלנער מיט אָנגע־לאָדענע ביקסען! יאָ, מען האָט איהם געוויס דערשאָסען, אַנדערש וואָלט ער געקומען!

רחל האָט זיך אַנידערגעוואָרפען מיט דעם פּנים צום גראָז און האָט זיך צוכליפּעט.

פאַר איהר האָבען זיך געהויבען געדיכטע וואָלקענס שטויב. פון די וואָלקענס איז זאַנוויל אַרויסגעשוואומען אויף אַ שוואַרץ פערד, די פּאַר־

טיע נאָך. עס זיינען אָנגעקומען זעלנער. עס האָט זיך געהערט אַ שיסעריי. זאנוויל איז אראָב פון פערד, געבליבען ליגען אין אַ טייך בלוט. די פערד זיינען דורכגעשפרונגען, איהם צוטראָטען און אין דער לופט האָט גע־קלונגען:

— רחל, רחל! מיין רח׳־טשע! — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## 10.

זאַנוויל האָט אין שלאָף געוואוסט אַז ער פערשפּעטיגט, געוואָלט זיך עטליכע מאָל אויפכאַפּען, נור ער האָט נישט געקאָנט. צום סוף איז ער אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי, ווי אַן אָבגעבריהטער, און זיך ארומגע־קוקט. עס איז שוין געווען גוט פינסטער, נור דער דונקעל־בלויער הימעל מיט די מחנות שטערען האָבען איבערגעוואַלד דורכגעריסען דאָס פינס־טערניש און בעלויכטען אַלס ארום.

זאַנוויל האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם זייגער:

— אַ כאָליערא, אָנדערהאַלבען שטונדען פערשפּעטיגט! דאַכט זיך, אָנגעזאָגט דעם „אַלטען" ער זאָל אויפוועקען... און ווער ווייס צו כ'וועל זי יעצט טרעפען? זי וועט זיך געווים טראַכטען: געה האָב צו טהאָן מיט אַ גנב!

זאַנוויל האָט גענומען קריצען מיט די צייהן, אַראָבגעוואָרפען פון זיך דאָס רעקעל און האָט האַסטיג גענומען שפּרייזען צו דעם ברונען וואָס איז געשטאַנען אין עק הויף. ער האָט אָנגעשעפּט מיט דעם „זשוראַוו" אַן עמער וואַסער, זיך אָנגעטרונקען, איינגעוואַשען און גענומען שפּאַנען מיט אַלע כחות אין פעלד אַריין.

דעם גאַנצען וועג איז זאַנוויל כמעט געלאָפען, גאָר נישט געטראַכט, ער האָט נור געשפּירט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט איהם. ווען ער איז צוגעקו־מען צו דעם אָרט וואו זיי האָבען זיך געדאַרפט טרעפען און האָט קיינעם נישט געזעהן, האָט זאַנוויל מיט אַמאָל דערשפּירט ווי עפּעס רייסט זיך ביי איהם אָב און ער האָט זיך אָבגעשטעלט. ער האָט בעטראַכט דאָס פעלד אַרום און אַרום. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אָט דאָרט נעבען בערגעל זיצט אימעצער. אַ פערציטערטער איז ער צוגעגאַנגען — אַ פּיען איז געלעגען. מיט פאַרקוועטשטע פויסטען האָט זיך זאַנוויל אוועקגעזעצט אויף

דעם פּיען און גענומען טראַכטען. ער האָט אָבער מעהר ווי עטליכע קללות אויף דעם „אַלטען" נישט געקאָנט צוטראַכטען. ער האָט אויפגעהויבען אַ דיקע צווייג און זי גענומען ברעכען אין שפּענער. און פּלוצלינג האָט ער בעמערקט מאַרוועין.

— פון וואַנען נעמט זי זיך דאָ? דאַכט זיך דעם גאַנצען וועג האָב איך זי נישט געזעהן. און ווער דאַרף זי דאָ?

— זאַנוויל האָט אָנגעכאַפּט מאַרוועין פאַר די אויערען, זי גענומען טרייסלען, שטויסען מיט'ן פוס.

מאַרוואַ האָט זיך צוגעזעצט, איינגעקאָרטשעט, געקוקט אַ פערוואונ־דערטער אויף דעם בעל־הבית, און זיינע מאַנדעל אויגען האָבען גע'טענה'ט: פאַר וואָס? זאַנוויל האָט פערשטאַנען דעם הונד'ס שאלה און מיט רחמנות איהם גענומען האַלזען, זיך מיט איהם אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז אויף דעם גראָז. אַזוי איז ער געלעגען עטליכע מינוט. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אָהן רחל'ען און דאָס האַרץ האָט איהם ווידער פערקלעמט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבען און זיך געשלעפּט איבער דעם פעלד. פערבייגעהענדיג די בודע האָט זאַנוויל אַריינגעקוקט און האָט אַ צאַפּעל געטהאָן: עמיצער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דעם גראָז.

— רחל!

רחל האָט זיך אַ האַסטיגען דרעה געטהאָן, דערזעהן זאַנוויל'ען און האָט זיך צוהוגן געלעגט ווי פריהער.

זאַנוויל איז עטוואָס צומישט געוואָרען, זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניען, און זי גענומען וועקען.

— רחל, ביזט ברוגז? זיי נישט ברוגז, אַז אויף מיין וואָרט, כ'בין נישט שולדיג, כ'האָב אָנגעזאָגט מען זאָל מיך אויפוועקען מיט אַ שעה פריהער, נו, האָט מען מיך אין גאַנצען נישט אויפגעוועקט! גלויבסט נישט? כ'בעט דיך, רחל! ניטע!

רחל האָט זיך אויסגעדרעהט, געקוקט אויף איהם האַלב ברוגז:

— און פאַר וואָס האָב איך נישט פאַרשפּעטיגט, געקומען נאָך מיט אַ שטיק צייט פריהער?

זאַנוויל האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, אַראָבגעלאָזט די אויגען, ווי אַ אינגעל וואָס מען כאַפּט ביי אַ ליגען.

— אָבער איך ווייס פאַר וואָס — האָט רחל דרייסטער געזאָגט, — דאָס איז דערפאַר ווייל דו קלעהרסט גאָר נישט וועגען מיר! האָסט תמיד אין זינען דיינע פערד און ווער ווייס וואָס? זעהסט, פון דער פריה אָן ביז יעצט קלעהר איך אַלס פון דיר, כ'וואַרט אַלץ אַז די נאַכט זאָל קומען — — און יעצט אַז דו ביזט נישט געקומען, וואָס איך האָב אַלס נישט איבער־געטראַכט, גאָט מיינער! מיר האָט זיך געדאַכט אַז מען האָט דיך גע'־הרג'עט. כ'ווייס וואָס? — — —

זאַנוויל האָט געפיהלט ווי עס ווערט איהם לייכטער אויף דעם האַרץ. עס האָט זיך איהם געוואָלט אַלץ איהר זאָגען, דערצעהלען וועגען מאַנקען, וועגען ביילען... באַלד האָט ער זיך אָבער געטראָפען מיט רחל'ס שוואַרצע אויגען, איז צוטומעלט געוואָרען און די צונג האָט זיך איהם צוגעשמידט צו דעם גומען.

רחל האָט בעמערקט אַז זאַנוויל איז אין אַ פערלעגענהייט, האָט זי זיך צוגערוקט צו איהם, און ווי אַ מאַמע האָט זי איהם געגראָזשעט מיט אַ פינגער:

— הייסט עס, זאָגסטו מיר צו, אַז....

— אויף מיין וואָרט — האָט זי זאַנוויל איבערגעשלאָגען — כ'בין נישט שולדיג! אַז זיי האָבען מיך נישט אויפגעוועקט — — — גלויב מיר, רחל, כ'וועל שוין פערזאָגען אַ צעהנטען זיך נישט צו לעגען שלאָפען!

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך רחל צולאַכט, זיך אַרויפגעזעצט זאַנוויל'ען אויף דער שויס און איהם אָנגענומען פאַר דער גאָמבע: — כ'האָב געמיינט, דו וועסט שוין נישט קומען, כ'וועל שוין קיינמאָל נישט זיצען מיט דיר, אָט אַזוי! נו, דערצעהל מיר עפּעס! ווי אַזוי האָסטו דורכגעפיהרט די פערד? דו ווייסט גאָר נישט, ווי שעהן דו ביזט געוועזען זיצענדיג אויפ'ן שוואַרצען אַגער. ס'האָט דיר נור געפעהלט אַ ווייסער פלאַשיץ! האָסט מיך עפּעס ליעב, זאַנוויל? זאָג! — — —

זאַנוויל איז געלעגען ווי פער'שכור'ט פון פרייד. ער האָט איהר דער־צעהלט ווי אַזוי ער איז דורך די גרענעץ. זי איז געלעגען אויף זיין שויס

ווי אַ קליין קעצעלע, זיך איינגעטוליעט אין זיין ברייטער ברוסט און זיך צוגעהערט. זי האָט אַראָבגענומען דעם קראַנץ בלומען פון איהר קאָפּ, איהם אָנגעטהאָן זאַנוויל'ען און זיך נאָך שטאַרקער געטוליעט.

פאַר איהרע אויגען האָט זיך געוועבט אַ גרויסער געדיכטער וואַלד. זי איז געזעסען אונטער אַן אַלטען דעמב, די האָר צושאָטען און געפלאָכ־טען אַ קראַנץ. עס האָט זיך בעוויזען אַ פערבלאָנדזשעטער וואַלד־פּרינץ אויף אַ שווארץ פערד. ער האָט זיך דריי מאָל פאַר איהר געבויגען און געבעטען דעם קראַנץ. זי האָט דעם פּרינץ אָנגעטהאָן דעם קראַנץ אויף זיינע בלאָנדע לאָקען. דער פּרינץ האָט זי איינגעוויקעלט אין זיין ווייסען פּלאַשץ און דאָס פערד האָט זיך געטראָגען וואַלד איין, וואַלד אויס — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך רחל אויפגעהויבען, זיך אויסגעגלייכט און אַ פער'שכור'טע ארויס פון דער בודע. עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קוויטש. רחל איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענע, מיט ווייט צועפּענטע הענד. אַנטקעגען איהר איז געשטאַנען מאָרווע, עטוואָס אויסגעצויגען, מיט אויפגעשטעלטע אוירען און געבורטשעט.

— „אַ טי פשא קרעוו!" — האָט זאַנוויל אַ געשריי געטהאָן און גענומען רייסען דעם הונד פאַר די אוירען. — האָסט זיך איבערגע־שראָקען? דאָס איז דאָך מיין הונד!

רחל האָט בעטראַכט דעם שווארצען קודלאַטען הונד און ער איז איהר געפעלען געוואָרען.

זיי זיינען געגאַנגען האַנד אין האַנד איבער'ן גראָז און געשוויגען.

— רחל, דו ווייסט, מיין שוועסטער האָט אין קורצען חתונה?

— אַזוי? און טאַקע מיט דעם בעל־עגלה? ווי הייסט ער?

— יאָ. מיט בערקען!

— זאַנוויל, וואָלסט געוואָלט כ'זאָל זיין אויף דער חתונה? — האָט רחל געזאָגט, זיך אָבגעשטעלט און איהם געקוקט גלייך אין די אויגען.

— צו איך וואָלט געוואָלט... אָבער, כ'ווייס?... וואָס וועלען מענשען זאָגען?

— אַז מיך אַרט נישט, וואָס אַרט עס דיך, נאַרעלע! טאָ הער,

זאַנוויל, פאַר דער חתונה, לאָז דיין שוועסטער קומען און בעטען מיך מיט דער אַלטער דיענסט. די אַלטע וועט שוין פועל'ן ביים טאַטען כ'זאָל גערן. הערסט, וועל איך מיר מאַכען אַ באַלאָווע קלייד! איינס אין פּוילען! דו וועסט זעהן ווי דיין רחל וועט אויסזעהן אין אַ ווייס זיידען קלייד ביז צום טריט. און אין קאָפּ וועל איך מיר אַריינזעצען אַ ווייסע רויז, וועל איך זיין שעהן! נור געדענק — האָט רחל ערנסטער געזאָגט און צוגעשטעלט אַ פינגער צו דער נאָז — אויף דער חתונה מאַך זיך, אַז דו קענסט מיך נישט! פאַר וואָס שווייגסטו? גנה, איך האָב דיך פיינד!

זאַנוויל האָט זי געכאַפּט אין זיינע אָרעמס און בעדעקט איהר פּנים מיט קושען.

## .11

די כלה איז געזעסן ווי אן אויסגעגאסענע אויף אן אויסגעבעטען פאטעל אין איהר בלוי־זיידען חופה־קלייד, בעפוצט פון פארענט מיט שוטאש בלומלעך. אויפ׳ן קאפ האט זי געטראגען א גירלאנדע פון מירטען בלעטער. פון אונטער דער גערלאנדע האט זיך געשפרייט א ווייסער, ברייטער טול און איז לייכט אראבגעפאלען איבער איהרע פלייצעס, ביז איבער דער טאליע.

איבער׳ן זאל האט זיך צוגאסען א וואלס.

מיידלעך האבען זיך גענומען פארען, זיך לייכט געטראגען אין זייערע קאלירטע, רוישענדע קליידער, געוואונקען מיט אלע גליעדער, הארציג געלאכט.

און חברה יונגען האבען ארויסגעקוקט אויף די מיידלעך פון בלי־זמרים־שטיבעל און האבען הנאה געהאט.

מענדעל „פאדריאטשיק׳ס" טעכטעריל, אין וועמעס הויז די כלה איז איינגעשטאנען, האט פערבעטען איהרע חבר׳טארינס פון דער פענסיע, פערקליבען זיך מיט זיי אויפ׳ן באלקאן און הנאה געהאט ווי „פראם־טאקעס" פיהרען זיך אויף א חתונה.

דער זאל איז געווארען אלץ ענגער און ענגער. עס זיינען צוגעקומען אינגערע און עלטערע פרויען.

תרצה מיט צוויי מחותנת׳טעס זיינען ארומגעגאנגען איבער׳ן זאל מיט קלאשען צוקער־ווערק און מכבד געווען דעם עולם.

אויף דער שוועל האט זיך בעוויזעןביילע, גראדול׳ס ווייב. זי האט געטראגען א גרין זיידען קלייד פון דער זייט צו קנעפלען און געשאמרירט מיט צוויי שורות „פארגעס מיך נישט". דאס קלייד איז כמעט געוועזען אהן ארבעל, איבערגעצויגען מיט א שווארץ זיידענעם טול. איהרע רונדע

אַקסעל מיט דעם האַלז זיינען געווען איבערגעהילט מיט אַ געשטריקטען הימעל־קאָלירטען שאַל, וועלכער האָט זיך געדרוקט און געבויגען ווי אַ שלאַנג. אויף די הענד האָט זי געטראָגען לאַנגע ווייס־זיידענע האַנטשען. די שווארצע האָר געקעמט סעצעסיע און פוןביידע זייטען קאָפּ זיינען די דיקע צעפּ פערלעגט געווען אין קאָקסען. ביילע איז אריין מיט אַ גערוי־דער. זי איז ראַשיג דורך דעם זאַל, ארויסרופענדיג מיט איהרע געטאָקטע פיסלעך אַ פערבאָרגענעם רייץ. זי האָט זיך פונאַנדערגעקושט מיט דער כלה און ווי נישט בעמערקענדיג קיינעמס בליקען אויף זיך, האָט זי זיך גענומען שפּיעלען מיט דעם דינעם גאָלדענעם קייטעל, אויף וועלכען אַ פּלאַ־קאַנטשיקעל פערפיומען איז געהאַנגען.

— אודאי אַ וואַרשעווערין! — האָבען זיך די ווייבער איבערגע־וואָרפען וועגען איהר.

ביילע האָט בעמערקט זאַנוויל׳ען, האָט זי אַ שמייכעל געטהאָן און איהם צוגערופען מיט אַ פינגער. זאַנוויל האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן: יאָ אריינגעהן? נישט אריינגעהן? נור ער האָט לאַנג נישט גע־דאַרפט טראַכטען: דאָס קליינע שוואַרץ־חנ׳עוודיגע ווייבעל האָט זיך געטראָגען צו איהם מיט אַ גערויש.

— מזל טוב, זאַנוויל! — האָט ביילע געזאָגט און איהם דערלאַנגט איהר קליין הענטעל מיט דער ווייסער הענטשקע.

זאַנוויל איז רויט געוואָרען, געהאַלטען איהר האַנד און געדאַנקט.

— פאַר וואָס זעהט מען אייך נישט, זאַנוויל? ווי כ׳זעה, זיינט איהר אַ שטאַרקער וואָרטסמאַן! איהר האָט דאָך, דאַכט זיך מיר, צוגעזאָגט אריינקומען? זעהט מען אייך נאָך!

זאַנוויל האָט עפּעס גענומען שטאַמלען, זיך נישט געקאָנט ארויסדרע־הען און זיך נאָך שטאַרקער פערוויטעלט. ביילע האָט אויף איהם געקוקט און אַפּנים הנאה געהאַט, ווי אַזאַ געזונטער בחור רויטעלט זיך ווי אַ יונג מיידעל.

— דאָס מאָל בין איך אייך מוחל, נור פון היינט אָן זאָלט איהר מיר זיין אַ גוט אינגעל, איהר הערט? — האָט ביילע געזאָגט, זיך שעלמיש

איינגעבויגען און איהם אַ שטופּ געטהאָן מיט איהר קניע. זאַנוויל האָט דערפיהלט אַ כוואַליע בלוט אין פּנים.

— און יעצט, זאַנוויל, וואַרפט אַריין אין קאָן און מיר וועלען טאַנצען!

— אָבער, די ווייבער... וועלען דאָך... — האָט זאַנוויל אָנגעהויבען שטאַמלען.

— ווייס איך וואָס?! כ'וועל זאָגען, אַז איך בין אייערס אַ מוהמע. גוט? — האָט זיך ביילע צולאַכט און אַ בליץ געטהאָן מיט איהרע קוילען־אויגען.

זאַנוויל האָט איינגעוואָרפען די כלי־זמר אויף אַ טאַנץ, אַרומגענומען ביילען און זיך אַריינגעטראָגען צווישען די פּאָאַרלעך. עלטערע ווייבער האָבען אַ ביסעל קרום געקוקט, נאָר עס איז דאָך אַ חתונה! אַלע האָבען געקוקט ווי ביילע שוועבט, טראָגט זיך לייכט ווי אַ יונגער פויגעל, ריהרט קוים אָן די פּאָדלאָגע. זאַנוויל האָט זי לייכט געהאַלטען, עטוואָס זיך איינגעבויגען און איז פער'שכור'ט געוואָרען פון איהר שמעקעדיגען בוזים. ער האָט אָן אַליץ פערגעסען. ער האָט נאָר געפיהלט ווי ער טראָגט זיך עפּעס אין אַ כשוף־טאַנץ, און די פערפומען האָבען אַליץ מעהר און מעהר איהם געקלאַפּט אין פּנים, בערוישט, און דאָס זיידענע קלייד האָט גערעדט, זיך געבויגען און געשיפּעט ווי אַ מחנה שלאַנגען. ביילע האָט אַ געשריי גע־טהאָן צו די כלי־זמרים: פּאַדעספּאַן!

קיינער האָט נישט געטאַנצט. ביילע איז געשטאַנען אין איין עק, זאַנוויל אין צווייטען. ביילע האָט אויפגעהויבען מיט דער רעכטער האַנד איהר שלעפּ און די ליאַקירקעס מיט די שוואַרצע דורכזיכטיגע זאָקען האָ־בען זיך געהויבען פון אָרט. זי האָט גענומען שטיל מיט־זינגען, זיך פער־מאָסטען צום טאַנץ, און דער הימעל־בלויער שאַל האָט זיך גערוקט איבער דעם האַלז, געבלענדט די אויגען. זי האָט אַ הויב געטהאָן אַ פוס, לייכט אַפּערגעוואָרפען די קורצע ווייסע האַלקע, גראַנדיעז אַ בויג געטהאָן דעם עלאַסטישען קערפּער, פערשייט אויפגעצויגען די אַקסלען און זיך גע־טראָגען אַנטקעגען זאַנווילען, זיך געטראָגען אַנטקעגען איהם מיט בליצען אין די שוואַרצע אויגען... אָט האָבען זיי זיך אַרומגענומען. זאַנוויל

האָט געפּיהלט, ווי זי דריקט זיך אַלץ מעהר צו איהם און זי פרעגט איהם: פאַרוואָס זייט איהר נישט געקומען?...

ווען זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט, האָט זאַנוויל גענומען אָפּווישען זיין נאַסען שטערען און זיך גלייך געוואָלט אַריינשאַרען צו די כלי־זמרים, נאָר באַלד האָט ער בעמערקט ווי רחל קוקט איהם אָן.

רחל האָט געזעהן ווי זאַנוויל האָט געטאַנצט מיט דער שעהנער ווייבעל און דאָס הארץ האָט איהר פערקלעמט. זי האָט זיי די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט און איהר האָט זיך געדאַכט, אז זאַנוויל איז פערליעבט אין דעם ווייבעל. רחל האָט בעמערקט, אז דורך דעם גאַנצען טאַנץ האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגען פון איהר, געהאַלטען זיינע ליפּען אזוי נאָהענט צו איהרע שווארצע האָר, ווי ער וואָלט זי געוואָלט קושען. און זי איז דאָך אזא שעהנע! און ווי שעהן זי טאַנצט! רחל איז געוואָרען מיט א מאָל אומעדיג. עס האָט איהר באַנג געטהאָן צו וואָס זי איז געקומען און האָט גענומען זוכען א געלעגענהייט צו פערלאָזען דעם זאַל.

רחל האָט זיך געטראָפען מיט זאַנוויל'ס בליק און עס איז איהר אויף א ווייַלע לייכטער געוואָרען. באַלד אָבער האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגען און איז נאָך טרויעריגער געוואָרען.

זאַנוויל איז אריין אין צווייטען צימער, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, אפּערגעוואָרפען זיינע פיס און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איהם האָט זיך געוואָלט צוגעהן צו רחל'ען, זאָגען איהר, אז ער איז נישט שולדיג, אז ער וואָלט אויף דעם טאַנץ־זאַל אין גאַנצען נישט געקומען; ער איז געקומען זעהן ווי זי וועט אויסקוקען אין איהר ווייס באַלאָווע קלייד...

— וואָס איז מיט אייך, זאַנוויל? נעהמט, פערזוכט!

זאַנוויל האָט א צאַפּעל געטהאָן. נעבען איהם איז געשטאַנען ביילע מיט א קליאַש צוקערווערק אין דער האנד. זי האָט געלאַכט און איהם געשטופּט מיט איהר ליאַקירענעם שיכעל.

ער האָט גענומען א שאָקאָלאַדקע.

ביילע האָט זיך געזעצט נעבען איהם, אַרויפגעלעגט איהר האנד אויף זיין שוים און גענומען איהם עפּעס דערצעהלען.

וויז־אַ־וויז איז געשטאַנען רחל א בלאַסע, אין איהר ווייס זיידען

קלייד ביז צום טריט, די צוויי לאַנגע צעפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט געקוקט אויף דעם פּאָרעל.

זאנוויל איז בלאַס געוואָרען ווי קרייד.

— וואָס איז מיט אייך? ס׳איז אייך נישט גוט געוואָרען? — האָט ביילע איהם געפרעגט און האָט זיך אויסגעדרעהט. זי האָט בעמערקט רחל׳ען.

רחל האָט זיך בעגעגענט מיט ביילעס בליק און געשפּירט ווי עס ווערט איהר קאַלט.

— דאָס לאַכט ער נאָך פון מיר, צייגט יענער דאָס מיידעל, וואָס ליעבט איהם! — האָט רחל אַ טראַכט געטהאָן און געפיהלט בשעת מעשה ווי דאָס האַרץ פּלאַצט איהר און אין די אויגען זיינען געשטאַנען טרעהרען. זי איז אַרויס אויפ׳ן באַלקאָן, זיך אויסגעווישט די אויגען און געבעטען גאָט עס זאָל שוין זיין נאָך דער חופּה.

זאנווילען האָט עס געהויבען פון אָרט. עס האָט זיך איהם געוואָלט בעליידיגען ביילע׳ן; „וואָס האָט זי זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר?!“

— ווער איז יענע מיידעל? — האָט ביילע געפרעגט אויף רחל׳ען.

— מיין שוועסטער׳ס אַ בעקאַנטע, — האָט זאנוויל געענטפערט און איז רויט געוואָרען.

— וואָס קוקט זי אונז אַזוי נאָך? זי איז אייפערזיכטיג?

זאנוויל האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען און גענומען בייסען די נעגעל.

ביילע איז אַריין אין טאַנץ־זאַל.

זאנוויל איז געזעסען און געפיהלט ווי עס זשומעט איהם אין די אויערען. ער האָט זיך עטליכע מאָל אויפגעשטעלט, צוגעקנעפּעלט דעם ראָק, געוואָלט אַרייגגעהן צו רחל׳ען, נאָר די פיס האָבען זיך פון אָרט נישט געריהרט.

רחל האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, קיינער זאָל זי נישט בעמערקען, און האָט געוואַרט מיט אונגעדולד, מען זאָל וואָס גיכער געהן צו דער חופּה. זי האָט געשפּירט, אַז אויב עס וועט איהר נאָך לאַנג אויס־קומען צו פערבלייבען דאָ, וועט זי זיך צואַוויינען.

מיט א מאָל האָט זי דערזעהן ווי זעכצעהן מיידלעך טאַנצען א „ליאַנסער“. אכט זיינען געשטאַנען אין איין זייט אלס „הערדען“ און אכט אין דער אנדערער זייט אַלס „דאַמען“. די מיידלעך האָבען גע־טאַנצט איינע אַנטקעגען די אַנדערע, געהויבען די הענד, דורכגעשוואומען, געמאַכט א ראָד, געדרעהט און געבויגען גראציעז זייערע קערפּערס, זיך פאַנאַנדערגעטהיילט און ווייטער געטאַנצט.

רחל איז געזעסען און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקען אויף איהר, צייגען מיט די פינגער. זי האָט געוואָלט אויסמיידען זייערע בליקען און, ווי אויף צו להכעיס, האָט זי זיך יעדע ווייַלע בעגעגענט מיט ביילע׳ס פערשייטע אויגען און געשפּירט בשעת מעשה ווי עס גיט איהר א שטאַרקען בריה.

— וואָס איז דער מעהר, רחל? וואָס זיינט איהר אזוי אומעדיג? — האָט זי שרה געפרעגט, אין גאַנצען א פערפּלאָמטע פון טאַנצען.

רחל האָט געפיהלט, אַז אָט, אָט פּלאַצט זי ארויס מיט א געוויין. זי האָט געטהאָן א טרייסעל מיט׳ן קאָפּ, א ביס געטהאָן זיך אין דער אונ־טערשטער ליפּ און געענטפערט מיט א לייכטען געמאַכטען שמייכעל:

— עפּעס טהוט מיר דער קאָפּ וועה, נאָר ס׳מאַכט נישט! אויב איהר ווילט, שרה, ווארף איך איין אויף א טאַנץ.

רחל איז פלינק אויפגעשפּרונגען, איינגעוואָרפען און גענומען פליהען מיט שרה׳ן איבער דעם זאָל. זי האָט געפיהלט ווי דאָס אויסגעפּוצטע ווייבעל שטעהט און לאָזט קיין אויג נישט אראָפּ פון איהר. אין מיטען טאַנצען האָט רחל זיך אָן אַלעם פערגעסען און געפרעגט שרה׳ן אויף ביילע׳ן:

— דאָס איז זאַנוויל׳ס א בעקאַנטע, א וואַרשעווערין!

מיט א מאָל איז שטיל געוואָרען. באַלד האָבען די כלי־זמרים גע־נומען שפּיעלען א פרעהליכס און פון אַלע זייטען האָט געטראָגען:

— צו דער חופּה! צו דער חופּה! אין א מזל׳דיגער שעה, אין א מזל׳דיגער שעה!...

אַז זאַנוויל האָט זיך אויפגעשטעלט איז שוין קיינער אין זאָל נישט געוועזען. ער איז גיך אראָפּ אויף דער גאַס, זיך גענומען דורכשטופּען א

וועג דורך דעם עולם, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַס פון מארק אָן ביז צו דעם שוהל־הויף.

מאַנקע איז איהם אנטקעגען געקומען מיט עפּעס אַ געלען יונג.

— מזל טוב דיר, זאַנוויל! אַ שעהנער מענש ביזטו, — האָט מאַנקע צו איהם געזאָגט, — שעהמסט זיך גאָר מיט דיינע אַלטע בעקאַנטע! אַ שוועסטער האָט חתונה, שטעהט דיר גישט אָן מיך צו בעטען?!

נארישע מאַנקע, אַז איך וועל חתונה האָבען און דיך נישט בעטען, וועסטו האָבען אַ פּרעטענזיע! כ'דאַנק גאָט, אַז מען האָט מיך געבעטען! — האָט זאַנוויל געענטפערט מיט אַ שמייבעל.

## 12.

די סאָפע פון ברעטער, וואָס זאַנוויל האָט אויפגעשטעלט, איז גע־וועזען בעלויכטען מיט די בליץ־לאָמפּען פון דעם בעל־עגלה'שען מנין. צוויי טישען האָבען זיך געצויגען איבער דער גאַנצען סאָפע: פאַר מענער און פאַר פרויען.

אַ חברה יונגען זיינען געשטאַנען און מיט דרך־ארץ אַריינגעקוקט ווי שלמה „קראַדניק" פּראַוועט אַ חתונה.

זאַנוויל איז געזעסען צווישען דעם עולם און געגאָסען אין זיך ווי אין אַ פאַס אַריין. ער האָט געפיהלט ווי אַלעס ביי איהם הויבט זיך, שפּאַרט זיך צום קאָפּ; נאָך אַ ווײַלע און דער מח וועט אַרויסזעצען ווי אַ פּראָפּען פון אַ פערמאַכטע פלאַש.

— זאַנוויל, קומט מיר העלפען אַריינגעהמען נאָך אַ קאַש בראָנפען; ס'איז שוין מעהר נישטאָ! — איז צו צו איהם ביילע אַ פערפלאָמטע.

— אַ שעלמאָ! — האָט ביי זאַנווילען אַ בליץ געטהאָן אין מח, און ער איז מיט איהר אַרויס.

אָבער אָנשטאָט צו געהן אין שטוב אַריין, זיינען זיי אַוועק אונטער'ן עפּעל־בוים.

— זאַנוויל, וואו איז דער בראָנפען? — האָט ביילע געפרעגט און איהם געקוקט פערשייט אין די אויגען.

— שווייגט! — האָט זאַנוויל געענטפערט און זי פעסט אַרומ־גענומען.

— זאַנוויל, ניטע! גענוג... מיין מאַן געהט!

זאַנוויל האָט זי גלייך אָפּגעלאָזט, זיך אַרומגעקוקט און אַ בריל געטהאָן:

— מאַרש, צום מאַן!

ביילע איז אוועק אַ בעליידיגט און זאַנוויל האָט זיך אויסגעצויגען אונטער'ן בוים.

ער האָט געפּיהלט פּאַסקודנע אין מויל. דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט, געשלאָגען צום מוח, וועלכער האָט זיך אַלץ העכער און העכער געהויבען. ער האָט געפּיהלט אַ שרעקליכען עקעל צו ביילען. עטליכע מאָל איז אַרויפגעשוואומען רחל, נאָר איהר געשטאַלט האָט זיך לאַנג ניט געוואָלט האַלטען... ער וואָלט זיך אפשר גאָר געלעגט שלאָפען. נאָר ווי אויף צו להכעיס איז איהם רחל וויעדער געקומען פאַר די אויגען...

עס האָט איהם גענומען שטעכען אין די שלייפען. איז ער צו צום ברונען, אָנגעשעפּט אַ קובעל וואַסער און גענומען נעצען דעם קאָפּ.

פון דער סאָפע האָבען זיך נאָך אַלץ געטראָגען פרעהליכע נגונים און אַ ווילד געלעכטער.

זאַנוויל'ען איז אַלץ געוואָרען דערווידער. ער האָט גענומען שפּאַ־נען ווי אויף שטאָלצען איבער די שטילע גאַסען. וואו־ניט־וואו אין אַ ווינקעל איז געשלאָפען אַ נאַכט־וועכטער מיט דעם גראָבען שטעקען אין דער האַנד.

זאַנוויל איז נישט ווילענדיג צוגעקומען צו רחל'ס הויז. דאָס הויז איז געשטאַנען אין דער־מיט פון אַ קליין סעדיל, אַרומגערינגעלט פון אַ הויכען פּלויט פון ברעטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם פּאַרקאַן און זיך פערטראַכט. שטיל. ער האָט אויפגעשפּיצט זיינע אויערען און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אימיצער וויינט. דאָס וויינען פערגעהט באַלד אין אַ כליפּען...

זאַנוויל האָט פיעל נישט געטראַכט, האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אי־בער'ן פּאַרקאַן און איז צו צום הייזעל.

דאָס פענסטער איז געווען אָפען און בעלויכטען פון לבנה־שיין.

אויף דעם בעטעל איז געלעגען רחל אין אַ ווייסע נאַכט־העמד.

זאַנוויל האָט נישט לאַנג געטראַכט, האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן מיט די הענד פאַר'ן ראַהם פון פענסטער, איז אַריין אין צימער און מיט אַ מאָל געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער.

רחל האָט זיך אַ לייכטען טרייסעל געטהאָן, עטוואָס צועפענט די

אויגען און זיי צוריק פערמאַכט. באַלד אָבער האָט זי זיך ווי דערמאָהנט אָן עפּעס, ברייט צועפּענט די אויגען און האָט אַ שטאַרקען קוויטש געטהאָן.

זאַנוויל איז בלאַס געוואָרען און זי גענומען איינשטילען, בערוהיגען.

— ארוים! ס'פּאַסט פאַר אַ גנב! ווי נעהמט מען זיך די חוצפּה ביינאַכט אריינצו'גנב'ענען זיך צו אַ מיידעל? געהט ארוים פון דאַנען! באַלד!

זאַנוויל האָט דערפיהלט ווי אַ דונער וואָלט איהם דערשלאָגען. ער האָט גאָר נישט געענטפערט, איז גיך ארוים דורכ'ן פענסטער, זיך פערטשעפּעט, אויסגעהאַקט אַ שויב און אַ דערשראָקענער געבליבען שטעהן נעבען פּאַרקאַן. באַלד האָט ער אַ שפּיי געטהאָן, אראָפּגערוקט דאָס היטעל איבער די אויגען און זיך אויסגעדרעהט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז רחל שטעהט נעבען פענסטער. ער האָט ארויסגעלאָזט אַ קללה און איז אריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקאַן. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז מען רופט איהם. ער איז נאָך אַ מאָל ארויף אויפ'ן פּאַרקאַן, האָט אָבער קיינעם נישט געזעהן און האָט זיך שטיל אוועקגעלאָזט איבער'ן שטאָדט.

זאַנוויל'ען האָט זיך געדאַכט, אַז דער מוח פּלאַצט, צופאַלט אויף שטיקער, און אין די אויערען האָט כסדר געקלונגען: — דאָס פּאַסט פאַר אַ גנב! פאַר אַ גנב!

ברררר... זיי זיינען אַלע אַזוי! אַז משה קוניארזש טרעפט מיך צווישען מענשען, קען ער מיך נישט, און אַז ער דאַרף מיך, לעקט ער מיך. אַ כּאָליערא! כ'וועל איהם די בעבעכעס ארויסנעהמען! יעצט בין איך ביי רחל'ען אַ גנב, און אַז זי האָט מיך געדאַרפט, בין איך געווען ע פּרינץ! ניין, מעהר געה איך צו איהר נישט! נישט פאַר אונז חסידישע טעכטער! ניין! גראַדול איז גערעכט געווען: מען טאָר נישט געהן אין צו וויטע דרכים מיט אַ מויד...

זאַנוויל האָט פּלוצלונג דערפיהלט אויף זיין היציג פּנים קאַלטע קאַפּליעס רעגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

איבער דעם הימעל איז געלעגען אַ שווערע, פינסטערע כמאַרע. די כמאַרע איז געוואָרען געדיכטער און האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אראָפּגעלאָזט איבער'ן שטעדטעל.

פון ערגעץ וואו איז אַרויס אַ היימלאָזער הונט מיט דעם עק צווישן די פיס און האָט זיך גענומען רייבן נעבן זאַנווילען. זאַנוויל האָט פון פערדרום און כעס דערלאַנגט דעם היימלאָזן הונט אַ שטאַרקן קאַפּיע מיט׳ן פוס. דער הונט האָט זיך פאַנאַנדערסקאַוואוטשעט און איז אַוועק אַ הינקעדיגער. דאָס בילעריי פון דעם הונט האָט עפּעס אַזוי מאָדנע אָפּגעקלונגען אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט און אָנגעיאָגט אויף זאַנווילען אַ שרעקליכען אומעט.

אַ ווייס־פייערדיגער שלאַנג האָט מיט אַ מאָל דורכגעשניטען די געדיכטע כמאַרע און ס׳איז נאָך פינסטערער געוואָרען. באַלד האָט זיך געהערט אַ שרעקליכער קראַך און עס האָט אָנגעהויבען גיסען ווי מיט צעבערס.

זאַנוויל איז געשטאַנען גלייך. דער קאָפּ עטוואָס פעררייסען, דאָס מויל אָפען און דער רעגען האָט געפּאַטשט און געשמיסען איבער זיין פּנים. די שווערקייט איז איהם ביסלעכווייז אַוועק און ער האָט געפיהלט ווי עס ווערט איהם לייכטער, פונקט ווי אימיצער וואָלט געשטאַנען און איהם געלעגט קאַלטע קאָמפּרעסען צו זיין ברענענדען מוח. דער רעגען האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטען. באַלד איז ליכטיגער געוואָרען. די כמאַרע, אַ צושפּאַלטענע, האָט זיך ביסלעכווייז אַוועקגערוקט און אַ קלאָרע, אויסגעוואַשענע לבנה איז אַפּערגעשוואומען.

זאַנוויל האָט דערפיהלט אַ דורכטרייסלענדע קעלט. ער איז געווען אין גאַנצען נאַס, דורכגעווייקט. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין רעקעל, אַראָפּגערוקט דאָס היטעל און זיך גענומען שפּאַנען דורך די שטילע געסלעך. אונטער דער שטאָדט ביי אַ קליין הייזעל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: דאָרט האָט מאַנקע געוואוינט. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך געיִשובֿ׳ט וואָס צו טהאָן, האָט אַ שפּיי געטהאָן און גיך פערשוואונדען אין פינסטערען הייזעל.

## .13

כמעט דעם גאַנצען טאָג נאָך דער חתונה איז זאַנוויל דורכגעשלאָפען ביי מאַנקען אין בעטעל. זי האָט איהם עטליכע מאָל געוועקט, געמאַכט עפּעס צו עסען. זאַנוויל האָט זיך איבערגעוואָרפען ווי אַ בער סוף ווינ־טער, עטוואָס אויפגעהויבען זיין קודלאַטען קאָפּ, אַ בורטשע געטהאָן, אויסגעזופט אַ שעפּ וואַסער, זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און גע־טראַכט. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי צו בעליידיגען רחל'ען, זי זאָל עס אויף תמיד געדענקען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין אויס־געפונען אַ מיטעל און ער האָט געפּלאַנט ווי אַזוי איהם דורכצופיהרען. זיינע אַלע געדאַנקען האָבען זיך קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט און אַלץ ביי איהם האָט זיך צושפּיעלט, געוואַקסען, זיך צואוואַקסען זעהר שנעל, דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט אין זיין מוח. און עס זיינען אַלץ נייע און נייע פּלענער געבוירען געוואָרען, איינער בעסער פון דעם צווייטען. יעדער נייער פּלאַן, האָט זיך איהם געדאַכט, וועט רחל'ען מעהר קרענקונג פרשאַפען און זי וועט זיין געצוואונגען איהם איבערצובעטען. זי וועט קומען אַזאַ בלאַסע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען, וועט זיך אוועקשטעלען נעבען טהיר און שווייגען, און ער וועט זיך מאַכען, אַז ער קען זי נישט; ער וועט זיך אַרומשפּאַצירען איבער'ן צימער, רעדען מיט זיינע חברים, זי גאָר נישט בעמערקען! און אָט וועט רחל אויפהויבען איהרע פער־וויינטע, שוואַרצע אויגען און אין גאַנצען אַ צושראָקענע וועט זי נעהמען געהן צו איהם.

זאַנוויל האָט דערפיהלט ווי דאָס האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּען און האָט מיט אַ מאָל אויסגעגלייכט זיינע פערקוועטשטע אויגען, אויפגעשנירעלט דעם פערקנייטשטען שטערען, עטוואָס געעפענט איין אויג און עפּעס אַ מאָדנע פליעג איז אַרויס פון דעם צועפענטען אויג. די

פליעג איז געפלויפען, זיך ארויפגערעדעלט; אַ צווייטע האָט זיך נאָכ־געיאָגט, איינגעשלונגען די ערשטע און באַלד איז אַ דריטע ארוים — — זאַנוויל'ען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עפּעס פערלאָרען. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם מוח, געטהאָן אַ שטאַרקען שוואונג, געוואָלט עס כאַ־פּען. מיט אַ מאָל האָט עפּעס אַ פּלאַץ געטהאָן און ער האָט זיך אַ שטאַר־קען טרייסעל געטהאָן אין בעטעל. ער האָט צועפענט ברייטער די אויגען, זיך דערמאָהנט, אַז ער ליעגט ביי מאַנקע'ן, אַז רחל האָט איהם ארויס־געיאָגט, ווי מען טרייבט ארויס אַ הונד, — האָט ער פון פערדרוס איינ־געקוועטשט די פויסטען און אַ שטאַרקען רעווע געטהאָן.

— שלאָף נאָך אַ ביסעל! קיין עין הרע אַ שלאָף! ווילסט עפּעס, זאַנוויל? — האָט מאַנקע איהם געפרעגט.

— אַ טרונק!

— ווי גיסט דאָס אַ מענש אַזוי פיעל וואַסער אין זיך אריין?! האָסט דאָך נאָך היינט גאָר נישט אין מויל געהאַט!

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט, האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבע שעפּ וואַסער מיט איין ציה, זיך אויסגעצויגען מיט דעם פּנים צום סופיט און זיך צוגענעצט. איהם האָט זיך געוואָלט כאָטש שוין פערלאָזען די שטאָדט, אָנזאָטלען אַ פערד און אוועקפאַטשען אין דער ווייטער וועלט אריין... ער האָט געפיהלט, אַז אויב ער וועט בלייבען אין שטאָדט, וועט ער אָפּטהאָן די געפעהרליכסטע זאכען, און יעדעס מאָל איז איהם ארויס־געשוואומען עפּעס אַ שוידערהאַפטע בילד, פאַר וועלכען ער איז געוואָרען אָן אויפגעציטערטער.

וואוהין פאָהרט מען? — ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט טראַכטען. עס איז געווען צוויי טאָג פאַר'ן לוּוויטשער יריד. ער האָט בעשטימט זיך אויפצוהויפען, אריבער צו גראַדול'ען און נאָך היינט ביינאַכט אוועק נאָך לוּוויטש. דאָרט וועט ער זיך געוויס אָן אַלעם פערגעסען.

זאַנוויל האָט גענומען שרייבען אין געדאַנק אַ בריעף צו רחל'ען. דער בריעף האָט זיך ביי איהם אין מוח זעהר פליסיג געשריעבען. אַלץ איז אַזוי גלאַטיג ארויס און די בוכשטאַבען האָבען זיך עפּעס אַזוי צו־וואַקסען, אַזעלכע גרויסע, שוואַרצע, כאָטש נעהם און טאַפּ זיי אָן. און

אַט האָט זיך בעוויזען רחל מיט די דינע פערקוועטשטע ליפּען און אין גאַנצען אַזאַ צוטראָגענע, האָט געהאַלטען זיין בריעף און פון די אויגען האָבען געקאַפּעט טרערען.

זאַנוויל האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָהנט, אַז ער קען נישט שרייבען און האָט פון גרוים פערדרוס אַ שפּיי געטהאָן גלייך אין סופּיט אריין.

— מאַנקע, מיר דאַכט זיך, אַז דו קאָנסט שרייבען?

— כ'האָב אַ מאָל געקאָנט. וואָס עפּעס אין מיטען דעריגען?

— שרייב מיר אַ בריעף.

— צו וועם?

— דאָס וועסטו שפּעטער זעהן! זעץ דיך און שרייב!

מאַנקע האָט אויפגעזוכט אַ בויגעלע פּאַפּיער, אַן אַלטען פערשטויבּטען טינטער און זיך אַוועקגעזעצט. זאַנוויל האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ באַרוויסער זיך אַוועקגעזעצט נעבען טישעל.

— נו, צו וועם געהט דער בריעף? — האָט מאַנקע זיך געפרעגט און איינגעטונקט די פעדער. — כ'מיין וואָס פאַר אַ טיטול?

זאַנוויל האָט באַלד נישט געענטפערט, געקלערט אַ ביסעל:

— אָהן אַ טיטול!

— וואָס הייסט אָהן אַ טיטול? וואָס פאַרע משוגע'נער שרייבט אַ בריעף אָהן אַ טיטול? אַ טיטול מוז זיין!

זאַנוויל איז געוואָרען בייז.

— „כלאָפּ סוואָיע, אי פּאָפּ סוואָיע!" מען זאָגט דיר אָהן אַ טיטול, איז אָהן אַ טיטול!

— אַלץ גוט, זאַנוויל. לאָז זיין אָהן אַ טיטול. בין איך ווייטער בדלות! אָבער צו וואָס זיינען די געשרייען? נו, בקיצור? —

ביי זאַנווילען אין מוח איז עפּעס געוואָרען אַ מיש־מאַש, עס האָט זיך ביי איהם אַלץ פערדרעהט מיט די פּיס אַרויף. דער פּליסיגער בריעף, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג געהאַט אָנגעשריעבען אין געדאַנק, איז מיט אַ מאָל אַרוים פון מוח. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָהנען, געריבען מיט זיין גרויסע האַנד איבער דעם שטערען. נור — געה טהו עפּעס, אַז דער מוח איז פּוסט!

— נו? — האָט זיך מאַנקע צושמייכעלט.

— איין רגע, מאַנקע! גלויב מיר, דער בריעף ליעגט מיר אויף דער שפּיץ צונג. נאָר, פערשטעהסט, כ'האָב ליעב אַז אַ בריעף זאָל זיין גע־שריעבען גלאַטיג, ער זאָל זיך לעזען ווי אשרי. אָט איז ער! שרייב! „כ'האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז צווישען אונז וועט דאָס פּאַסירען, וואָס עס האָט נעכטען פּאַסירט".

דאָ האָט זיך זאַנוויל אָפּגעשטעלט, געקוקט ווי מאַנקע האָט איינ־געקוועטשט די פעדער מיט איהרע דינע פינגער. זי האָט געשריעבען פּאַמעליך, יעדע ווייַלע איז זי אַראָפּ פון דער ליניע און די בוכשטאַבען זיינען אַלע געווען עפּעס אַזוי מאָדנע צודרעהט. זאַנוויל'ען האָט זיך גע־דאַכט, אַז מאַנקע שרייבט גאָר נישט, נאָר זי מאָהלט פייגעל. ער האָט בעמערקט ווי מאַנקע'ס פּנים איז געוואָרען ערנסטער, האָט זיך עטוואָס פערדרויטעלט און יעדעס מאָל ווען זי האָט געמאַכט מיט'ן פעדער אַ בוכ־שטאַב, פלעגט זי אין דער זעלבער צייט מאַכען דעם בוכשטאַב מיט דער צונג, דאָ אויף איין באַק, דאָ אויף דער צווייטער.

זאַנווילען איז דאָס שרייבען מיט דער צונג זעהר געפעלען געוואָ־רען און ער האָט זיך צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

— אַז דו שרייבסט שעהנער מיט דער צונג ווי מיט דער פעדער!

— ס'געפעלט דיר נישט? איז נישט געפידעלט! — האָט זיך מאַנ־קע צולאַכט. — נו, פאָהר ווייטער!

זאַנוויל האָט גענומען קלעהרען און האָט בשום אופן מעהר נישט געקענט צוטראַכטען. יעדעס מאָל ווען עס איז איהם עפּעס געקומען אין געדאַנק אַריין, האָט ער עס ניט געקענט אויסדריקען אין ווערטער און עפּעס אַנדערש האָט עס פּעריאַגט. זאַנוויל איז בייז געוואָרען, גע־כאַפּט דאָס בויגעלע פּאַפּיער און צוריסען.

— אַ כאָליערא! כ'שרייב נישט מעהר! אַז מען קען אַליין נישט שרייבען, איז עס גוט אויף טויזענד שאָק כפּרות!

— וואָס איז מיט דיר היינט, זאַנוויל? ווי כ'זעה מאַכסטו בעציי־טענס תמוז! און צו וועמען ווילסטו דאָס שרייבען?

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט, דורכגעשפּאַנט עטליכע מאָל אַ באַרוויסער די שטוב און זיך גענומען אויף גיך אָנטהאָן.

— וואוהין געהסטו? — האָט איהם מאַנקע געפרעגט.

— צו גראַדול׳ען.

— וועסט זיך לאַנג זוימען?

— כ׳ווייס נישט! — האָט זאַנוויל געענטפערט און איז אַרויס פון שטוב.

## .14

אַז זאַנוויל איז אַריין צו גראַדול'ען, האָט ער דאָרט קיינעם נישט געטראָפען. פון דער קיך האָט זיך אָבער באַלד דערהערט ביילקעס קול:
— ווער איז דאָרט?

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט, איז גלייך צו צו די פאָרהאַנגען, זיי לייכט פאַנאַנדערגענומען און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

ביילקע, אַ באָרוויסע, אָהן אַ בליוזקע, דאָס קורצע געשטרייפטע אונטער־קליידער אַריינגעמאַכט צווישען די פיס, איז געשטאַנען נעבען אַ קליינע בלעכענע באַליע און געוואַשען. איהר קליינער קערפּער האָט זיך געבויגען אין פערשיעדענע ליניען, דער לאַנגער צאָפּ האָט זיך לייכט בוואויגען. זאַנוויל האָט זיך זאַט נישט געקענט אָברייסען פון די קליינע, ברוינע פיסלעך און ביי יעדען בויג פון ביילקעס קערפּער האָט ער גע־פיהלט אַ חשק זי אַרומצונעהמען. ער האָט אַ הוסט געטהאָן.

ביילקע האָט אויפגעהערט וואַשען און האָט זיך אומגעקוקט. זי האָט דערזעהן זאַנווילען, פערדעקט דאָס האַרץ מיט איהרע קליינע הענט־לעך און זיך פערשעמט.

זאַנוויל האָט זיך צולאַכט און איז צוריק אַריין אין צימער אַ צו־פריעדענער. ביילקע איז באַלד אַריין אין אַ ווייסע גאַבערעלע מיט שוואַר־צע אויגעלעך, דער צאָפּ אַריבערגעוואָרפען פון פאָרענט און אויף די באָר־וויסע פיס אַ פּאָר אויסגעהאַפטענע שטעק־שיכלעך.

— בנאמנות, כ'האָב געמיינט ס'איז גראַדול, — האָט ביילקע גע־זאָגט מיט אַ שמייכעל. — ווען זאָל דאָס איינפאַלען, אַז איהר וועט היינט צו אונז קומען? וואָס שטעהט איהר, זאַנוויל? זעצט אייך. איהר וועט דאָך מיר געוויס ענטשולדיגען — האָט זיך ביילקע צושמייכעלט,

עטוואָס אויפגעהויבען אַ פיסעל, אַנגעווייזענדיג זאַנווילען אויף איהר קאָסטיום.

זאַנוויל האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון ביילקען און גע־פיהלט ווי ער ווערט אַן אָנגעצונדענער.

— אַ שעהנער מענש זיינט איהר! — האָט ביילקע ווייטער גע־רעדט און אָנגענומען זאַנווילען פאַר דער האַנד. — פאַר וואָס האָט איהר מיך נעכטען אוועקגעטריעבען, האַ? שעהמט אייך, זאַנוויל! דערנאָך אַז איך בין נאָך אַ מאָל אַרויס, זיינט איהר שוין נישט געוועזען. וואו זיינט איהר דאָס פערפאַלען געוואָרען?

זאַנוויל איז געשטאַנען, געקוקט ביילע'ן אין די אויגען, געפיהלט ווי די האַנד וואַרעמט, בריהט, צינדט אין איהם אָן אַ פייער, און ער האָט זי מיט אַ מאָל אַרומגענומען און אויפגעהויבען. ער האָט געפיהלט ווי עפּעס האָט זיך געבויגען, געצאַפּעלט אין זיינע הענד, ווי די לייכטע פאַ־לעס פון דער גאַבּרעלע זיינען זיך צופלויגען, איהם איינגעוויקעלט און ער האָט בעמערקט אַ ווייס שלייפעל פון איהר לייבעל. ער האָט זי נאָך שטאַרקער אַרומגעקלאַמערט, צוגעפּרעסט זיינע ליפּען צו איהרע. באַלד האָט ער זי אָפּגעלאָזט, זיך פערשעמט. ער איז צו צום פענסטער און גענומען כאַפּען אַ זשומעדיגע פליעג אויף דער הייסער שויב.

— וואו איז ערגעץ אייער גראַדול? — האָט זאַנוויל געפרעגט אַרויסקוקענדיג.

— ער איז אַריבער צום שמיעד, — האָט ביילע געענטפערט. — איהר ווייסט? גראַדול קלייבט זיך דאָך צו פאָהרען נאָך לוּיוויטש אויפ'ן יריד. אָט געהט ער!

גראַדול איז אַריינגעקומען מיט אַן אייזערנע הענטשקע אין דער האַנד:

— שלעכט, גוטער ברודער! — האָט גראַדול געזאָגט, פערקאַשערט דאָס היטעל און זיך גענומען קראַצען. — דו האָסט עפּעס אַ צו גוט לעבען מיט מיין ביילע'ן!

זאַנוויל איז רויט געוואָרען, זיך נאַריש צושמייכעלט.

ביילע האָט זיך אוועקגעזעצט, אַריינגעמאַכט די גאַבּרעלע צווישען

די פיס, פערלעגט איין פוס אויף דעם צווייטען און געזאגט האלב פערשייט:

— פאר וואס דען נישט? אויף מיר געזאגט, ווי א שעהנער בחור זאנוויל איז!

— דו ווייסט צו וואס איך בין געקומען? — האט זיך זאנוויל אנגערופען, — כ'וויל זיך אריבערכאפען קיין לוויוויטש.

— טא לאמיר פאהרען צוזאמען! — האט גראדול געזאגט, — כ'קלייב זיך דאך אויך. ס'איז דאך מיר שוין נמאס געווארען צו זיצען אין דער היים! כ'געדענק שוין ניט די צייט ס'זאל זיין עפעס א שטאך אר־בייט, און צו זיצען און עסען פון גרייטען איז גאר קיין תכלית נישט! א שמאלץ־גרוב שעפט זיך אויך אויס!

— ווער פאהרט נאך? — האט זיך זאנוויל געפרעגט.

— כ'וויים — — — כ'האב געזאלט פאהרען מיט משה'לע ביק, נאר יעצט וועלען מיר פאהרען זאלבע־דריט. בנאמנות, כ'בין צופריעדען וואס דו פאהרסט מיט. כ'וואלט געהאט פאר א יאהרען אזא שותף ווי דו וואלט איך געמאכט אן עשירות.

— בקיצור, ווען רעכענסטו צו פאהרען? — האט איהם זאנוויל איבערגעשלאגען.

— נאך היינט! — האט גראדול געענטפערט.

— גוט! נעה איך טאקע אהיים זיך צוגרייטען צו דער יאזדע,

## .15

פון גאַנץ פוילען זיינען אָנגעקומען נאָך לוויוויטש פּאַרטיעס סוחרים, מחנות פּויערים, סטאַדעס בהמות, פערד, חזרים.

די שמאָלע גאַסען זיינען געווען ניט דורכצוגעהן. די וועגען מיט די בריטשקעס האָבען זיך געצויגען ביז הינטער דער שטאָדט אַרויס און פון דער ווייטענס האָט עס אויסגעזעהן, ווי דאָס שטעדטעל וואָלט געווען בעלאַגערט פון אַ האַלב ווילדען שונא, וואָס איז מיט אַמאָל אָנגעפאַלען מיט זיין גאַנצען האָב און גאָב, פערשטעלט אַלע וועגען און זיך געריסען מיט אויפטרייסלענדע קולות אין שטאָדט אַריין.

זאַנוויל מיט זיינע חברים זיינען באַלד אין דער פריה אַרויס אויפ'ן יריד, זיך אַרומגעדרעהט, בעקוקט יעדע זאַך און אַ שטיק נאָכמיטאָג זיינען זיי אַרויס אויפ'ן פערד מאַרק.

דער גאַנצער פערד־מאַרק האָט אויסגעזעהן ווי אַ לאַגער, וואָס ריכט זיך אין וועג אַריין. אַרום מאַרק זיינען געשטאַנען וועגען, בריטשקעס. די פערד אויסגעשפּאַנט, אַריינגעשטעלט צווישען די דישלעס, די סוחרים זאָלען זיי קאָנען אָנקוקען. אין מיטען מאַרק זיינען געשטאַנען פּריצישע סטאַדעס פערד. פון איין סטאַדע צו דער צווייטער האָט זיך געצויגען אַ לאַנגער וועג, וואו מען האָט די פערד פּרובירט אין לויפען.

מען פיהרט אַרויס אַ פערד פאַר'ן סוחר. דער סוחר בעטראַכט, קוקט דאָס אַריין אין מויל, קוועטשט דאָס ביים האַלז — ס'פערד צוניסט זיך, אַ שקץ לאָזט זיך מיט דעם לויפען איבער'ן וועג.

זאַנוויל איז דורך דעם מאַרק, געוואָרפען רעכטס און לינקס מיט בליקען, געפּיהלט זיך היימיש צווישען די פערד.

אַ יונג איז איהם אַנטקעקען געקומען מיט אַ קאַש בלעכענע העהנער. דער יונג האָט געהאַלטען אַ האָהן אין מויל און האָט געקרעהט.

זאַנוויל האָט זיך געקויפט אַ האָהן, גענומען קרעהען. באַלד איז עס איהם אָבער נמאס געוואָרען, עס אוועקגעוואָרפען.

אַ ברייט־ביינינגער יונג, מיט אַ קאַסע אויג און מיט אַ צושפּאָלטענעם דאַשעק, האָט זיך שפּאַציערט איבער'ן מאַרק, געהאַלטען די הענד אין די הויזען־קעשענעס און ווי געזוכט אימיצען.

— צו אַלדע שוואַרצע יאָהר, ווּעמען כ'זעה! וואָס טהוסטו דאָ, זאַנוויל?

— האַ, האַ, האַ! — האָט זאַנוויל אויסגעשאָסען און זיך אַרומגע־כאַפּט מיט קישקען — און איך האָב גערעכענט אַז דו זיצסט אין שער־הרחמים?

קישקע האָט נישט געענטפערט, געוואָרפען אַ בליק פון אויבען אַראָב אויף זאַנוויל'ס חברים, אויסגעשפּיגען, אָנגענומען זאַנוויל'ען פאַר די אָרעמס, איהם אָבגעפיהרט אין אַ ווינקעל:

— ווילסט אָבלעקען אַ ביינדעל?

— אַ שאלה!

— טאָ הער — האָט קישקע שטיל געזאָגט — נישט ווייט שטעהט אַ פויער מיט פינף סוסים ווי די לייבען. אויב ס'עסק זאָל געהן ביים גלייכען, וועלען מיר ארום צעהן ביי נאַכט האָבען די ממתקים.

זאַנוויל איז בעשטאַנען, צוגערופען גראַדול'ען מיט משה'ן און זיי האָבען גענומען אויסאַרבייטען אַ פּלאַן.

ביי אַ בריטשקע איז געשטאַנען אַ יונגער פויער, געהאַלטען אַ ווייצען ברויטעל אונטער'ן אָרעם, געבראָכען שטיקער און מעלה־גרה געווען.

הינטער איהם זיינען געשטאַנען פינף שעהנע פערד. זאַנוויל איז האַרט פערבייגעגאַנגען דעם פויער און איהם אַ טרעט געטהאָן מיט'ן גאַנצען כח אויפ'ן פוס. דער פויער האָט געכאַפּט זאַנוויל'ען מיט ביידע הענד און איהם אַ שליידער געטהאָן פון זיך. זאַנוויל האָט זיך אָנגעשפּי־נען אין די הענד, פערקוועטשט די פויסטען און זיך געוואָרפען אויפ'ן פויער.

ביים ערשטען קלאַפּ איז דער פויער געלעגען. ער האָט זיך געוואָלט

אויפהויבען, נור זאַנוויל האָט איהם אַ פּלאַם געטהאָן מיט דער פויסט צווישען די אויגען, אַז ער האָט זיך איבערגעדרעהט.

באַלד זיינען אָנגעקומען פּויערים מיט אידען פון אַלע זייטען. פון די וועגען האָט זיך געטראָגען: — שלאָגט דעם זשיד, די הינטישע נאַמנה, שלאָגט!

גראַדול מיט קישקע'ן האָבען דערווייל אָבגעבונדען די פערד און זיינען שטילערהייד אוועק מיט דריי. די איבעריגע האָט משה'לע געהיט ביז נאָכ'ן געשלעג. און ווען די פּויערים האָבען שוין געהאַלטען אין שלום מאַכען, האָט משה'לע אַ יאָג געטהאָן די פערד אין אַ צווייטער זייט. די פּויערים האָבען זיך גענומען יאָגען נאָך די אַנטלאָפענע פערד. זאַנוויל מיט משה'ן האָבען דערווייל אָבגעצויגען.

16.

שפעט ביי דער נאכט איז זאנוויל געזעסען אין א שענק מיט א חברה פערד־הענדלער און געטרונקען.

— חברה, לאמיר גאר אריבערפאהרען אין דער „וויקטאריע" אריין — האט גראדול א געשריי געטהאן און זיך צופייפט.

— אין דער „וויקטאריע" אריין! — האבען עטליכע אונטערגע־כאפט האלב שכור און ארויס אויף דער גאס.

— נור זעהט, חברה, פערהוליעט זיך נישט! — האט קישקע געזאגט, — מארגען נאכמיטאג איז דא א נייע שטיקעל ארבייט.

זיי האבען געכאפט א קאטש, זיך אריינגעווארפען און געהייסען פאהרען צו דער „וויקטאריע". דער דראזשקאר האט מיט חשד געקוקט אויף די געסט, זיך געקווינקעלט, אויסגעשפיגען און גענומען טרייבען די פערד איבער הינטערגעסלעך.

די חברה זיינען אריין אין קאנטאר פון דער וויקטאריע מיט א געפילדער. הינטער א בופעט איז געשטאנען א יונגע בלאנדינקע פון א יאהר ניינצעהן, שעהן פערקעמט מיט א דעקאלטירט, ווייס הארץ און געשמועסט מיט א דיקען מאן אין א פאר ברייטע הויזען אין פאסען מיט א ווייסע פיקענע וועסט, אויף וועלכער עס האט געהאנגען א גאלדענע קייט.

די בלאנדינקע האט בעמערקט זאנוויל'ס בליק, ווי ער שלינגט זי מיט די אויגען, האט זי א שמייכעל געטהאן און איהם אנגעקוקט — זיך געשפיעלט, ווער עס וועט אויסהאלטען דעם צווייטענס בליק. מיט אמאל האבען זיך איהרע ווייסע באקען גענומען צינדען, זי האט א ציטער געטהאן, ארא בגעלאזט איהרע אויגען מיט די לענגליכע ברעמען, צוגע־

נומען די פּאַפּירלעך וואָס זאַנוויל האָט געלאָזט ליגען אויפ'ן טיש און אַ געשריי געטהאָן:

— אינגאַנץ, פיהר אריין די געסט אין זאַל!

פון אַן אַלקער איז אַרויס אַ שקץ אין אַ פראַק, האָט זיך פערנייגט פאַר די געסט און זיי אַרויפגעפיהרט. דער זאַל איז געווען אויסגעקלעפּט מיט גרינע טאַפּעטען. אויף די ווענט האָבען געהאַנגען פּרויען אין פּיקאַנטע פּאָזען. אין אַ ווינקעל איז געזעסען אַן עלטערער מאַן מיט אַ פּליך און געשפּיעלט פּיאַנאָ. אַרום דעם זאַל האָבען זיך געצויגען בענק אויסגעבעט מיט גרינעם פּליוש, דאָ און דאָרט ביי מאַרמאָרנע טישלעך זיינען געזעסען בחורים מיט מיידלעך און געטרונקען.. איבער'ן זאַל האָבען אַרומגעשפּאַצירט שורות־ווייז יונגע מיידלעך מיט שיקסעס אין קורצע זיידענע קליידער. די קליידער זיינען געוועזען דורכזיכטיג און האָבען רייצענד אָבגעשפּיעגעלט די געטאָקטע מיידעלשע קערפּערס ביז איבער די לידקעס. צוויי מיידלעך האָבען געטאַנצט, ליידענשאַפטליך אָפּערגעוואָרפען טהיילען פון זייערע קערפּערס, געוואונקען מיט די טיפע אויגען, און זייערע לייבער האָבען אָפּערגעשריען פון אונטער פערשיעדענע קאָלירטע טיולען.

די מיידלעך האָבען אונטערגעהאַלטען די געסט מיט קופּלעטען, זיך געסטאַרעט זיי זאָלען וואָס מעהר געבען צו לייזען און דערנאָך זיינען זיי פערשוואונדען אין זייטיגע צימערלעך.

זאַנוויל מיט די חברים זיינען אריין, זיך אַרומגעקוקט, דערזעהן דאָ און דאָרט בעקאַנטע, זיך אָוועקגעזעצט נעבען אַ ווינקעל טישעל און באַשטעלט עטליכע פלעשער שאַמפּאַן. פון אַלע זייטען האָבען זיך געטראָגען מיידלעך, טאַנצענדיג און זינגענדיג, צו זאַנוויל'ס טישעל. זאַנוויל האָט זיי אַלע בעטראַכט און קיין איינע איז איהם ניט געפעלען. עס איז איהם ניט אַרויס פון קאָפּ די בלאָנדינקע וואָס איז געשטאַנען אונטער'ן צאַהל־באַנק. ער האָט באַמערקט אַז זי איז עטליכע מאָל דורך דעם זאַל, וואַרפענדיג אויף איהם „אויגעלעך" און איז צוריק אַרויס. זיינע חברים האָבען זיך באַלד אויסגעקליבען מיידלעך און יעדער פון זיי איז פערשוואונדען. זאַנוויל איז געבליבען איינער אַליין ביים טישעל. נעבען

איהם זיינען געשטאנען עטליכע מיידלעך מיט דער בלאנדינקע אין דער מיט און זיך געשושקעט.

— וואס זאגט איהר ניט צו דעם יאלד! — האט געזאגט א מויד מיט א פעררויסען נעזעל ווי ביי א מאפסיק — זיך אוועקגעזעצט ווי א הוהן אויף די אייער! ווער עס קומט צו שיקט ער אוועק! און געלד, ווייזט אויס, האט ער ווי קרח! ער צאהלט פאר זיינע חברים.

— אודאי א כניאק — האט זיך אבגערופען אן עלטערע מיידעל און זיך צולאכט.

— געטראפען ס׳ארט — האט זיך די בלאנדינקע אריינגעמישט — ער זעהט שוין גאר נישט אוים ווי א יאלד! די צרה איז, וואס איהר טויגט אויף כפרות. אט ווייז איך אייך, כ׳געה צו, און דער בחור לויפט מיר נאך ווי א לעמעלע.

— וועט מען טאקע זעהן — האבען זיך עטליכע מיידלעך אבגערופען מיט אמאל.

זאנוויל האט זיך צוגעהערט צו דעם גאנצען שמועס, האט חרטה געהאט צו וואס ער איז אהער געקומען, גענומען קלעהרען עפעס אזעלכעס פון וואס די בלאנדע זאל זיך בעליידיגען.

— פאניע „עקס", וואס זיצט איהר עפעס אליין און דערצו אזוי טרויעריג? — האט געזאגט די בלאנדע און זיך געזעצט נעבען איהם.

זאנוויל האט איהר געוואלט זאגען אז עס איז נישט איהר באבע׳ס דאגה, זיך בעגעגענט מיט איהרע חן־גריבלעך און זיך פערלוירען:

— כ׳וויים — — — — —

— נארישקייטען — האט די בלאנדע געזאגט און ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זאנוויל׳ס קניע — מען קלייבט זיך אוים א שעהן מיידעל און מען פערברענגט. אט אייערע חברים אמוזירען זיך אויפ׳ן בעסטען אופן. אויב די „וויקטאריע" וועט אייך נישט העלפען, וועט אייך שוין קיין דאקטאר נישט העלפען! — האט די בלאנדינקע זיך צולאכט.

— ביילקע׳ס גענג! — האט זיך דורכגעוואארפען זאנוויל׳ען אין מוח. ער האט פערגעסען אין אלעם און בשעת מעשה חשק געהאט זי ארומצונעהמען.

— און אז כ׳וועל זיך אויסקלייבען איך? — האָט זאַנוויל געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

די בלאָנדע האָט זיך אויך צושמייכעלט און איז באַלד ערנסטער געוואָרען.

— וואָס דאַרפט איהר אַ פערהייראַטהע פרוי, קנאַפּ מיידלעך זיינען דאָ פאַראַן? איהר ווילט מיין „אַלטער" זאָל זיך מיט מיר גט׳ען? — און זי האָט זיך צולאַכט.

זאַנוויל האָט זיך געפיהלט ווי אַן אָבגעפּאַטשטער און האָט גאָר נישט געענטפערט. מיט אַמאָל האָט ער דערפיהלט ווי זי נעהמט איהם אָן פאַר דער האַנד.

— הערט, פּאַניע „עקס", פערברענגט דאָ דערווייל, און אויב עס וועט נור מעגליך זיין — — האָט זי זיך רייצענד צולאַכט, אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און ארויס פון זאַל.

זאַנוויל האָט געטרונקען אַ פלעשעל נאָך אַ פלעשעל. עטליבע מאָל איז גראַדול אַ האַלב־שכור׳ער אריין אין זאַל ארומגעכאַפּט זאַנוויל׳ען, איהם געגומען קושען און שלעפּען צו זיך אין נומער אריין. זאַנוויל איז געזעסען און געטרונקען. ער האָט געפיהלט ווי די גליעדער ווערען איהם אַלץ שווערער און שווערער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסען. אַ שטיק אין דער נאַכט איז צו איהם צו דער קעלנער, ארויפגעפיהרט אויפ׳ן דריטען שטאָק, געעפענט אַ טהיר און איהם אריינגעלאָזט. דאָס איז געווען אַ קליין פיער־עקיג שטיבעל מיט ראָזע טאַפּעטען. אַ קליין לעמפּעלע מיט אַ ראָזין אבאַזשור איז געשטאַנען אויף אַ ווינקעל־טישעל און געוואָרפען אויף אַלץ אַ ליידענשאַפטליכען שיין. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ גרויס הילצערן הימיל־בעט מיט ראָז־זיידענע פאָרהאַנגען, מיט דריי טרעפּלעך ארויפצו־געהן. דאָס שטיבעל האָט געשמעקט מיט פּערפיום און פּרויען־ריח.

זאַנוויל איז געבליבען שטעהן ווי פער׳כשופט, ברייט צועפענט די אויגען און גאָרנישט געזעהן. ער האָט בעמערקט ווי אַ ווייסע האַנד בע־ווייזט זיך אין דער לופט און רופט איהם. אויף אַ פּליושענע אָטאָמאַנע אין דער פאָרם פון אַ לייב איז געלעגען די בלאָנדע אין אַ ראָז־זיידענעם שלאָפראָק, אין אַ פּאָר זילבער געהאָפטענע שטעק־שיכלעך. זאַנוויל האָט

געפּיהלט בשעת מעשה ווי אַלעם ביי איהם שטאַרבט אָב און איהם האָט זיך געדאַכט אַז ער חלום'ט.

זי האָט אויסגעשטרעקט איהר געטאַקטע האַנד און די פינגער האָבען אַ בליץ געטהאָן מיט אַ ים גרין־רויטליכע פייערען. דאָס האָט זי איהם געצייגט אויף אַ קליין אויסגעבעטעט פוסען־בענקעל וואָס איז געשטאַנען ביי דער אָטאָמאַנע. זאַנוויל האָט זיך לייכט אַראָבגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און נאָך לייכטער אָבגעעטהעמט.

— ביזט צופריעדען? — האָט די בלאָנדינקע געפרעגט מיט אַ שמייכעל און לייכט צועפענט איהרע דינע ליפּען, אַ בלישטשע טהוענדיג מיט איהרע ווייסע צייהן.

זאַנוויל איז ווי פער'שכור'ט געוואָרען פון איהר, ער האָט לייכט אָנגענומען איהר האַנד און זי גענומען קושען.

— גלויב מיר — האָט די בלאָנדינקע שטיל גערעדט — אַז כ'האָב דיך נור דערזעהן, ביזטו מיר געפעלען געוואָרען. איך בין דאָך עטליכע מאָל ארויף אין זאַל דיך אָנצוקוקען. ווער ביזטו?

די לעצטע פראַגע האָט זאַנוויל'ען עטוואָס צורודערט, נור ער האָט לאַנג נישט געקלעהרט און געענטפערט:

— דער פיהרער פון די ראַדזענאָוער גזלנים.

די בלאָנדע האָט עטוואָס ברייטער צועפענט איהרע בלויע אויגען און ווי אַ דערשראָקענע סאַרנע האָט זי איהם געפרעגט:

— ביזטו אויך אַ גזלן?

— איך בין זייער קיסר.

— און איהר וואוינט טאַקע אין די וועלדער?

— געווים! אין אַ גרויסע הייהל אונטער דער ערד!

— און עס איז אייך נישט קאַלט?

— נו, און אַז עס איז קאַלט, ברעכט מען אָן בוימער, מען צולעגט פייערען און מען וואַרעמט זיך — — —

— אַזוי — — —

די בלאָנדע האָט זיך פערטראַכט, שפּיעלענדיג זיך מיט איהר זיידענעם צאָפּ און אין גאַנצען האָט זי אויסגעזעהן עפּעס אַזוי קינדיש — — —

— און דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל זיין דיין מיידעל? —האָט די בלאָנדינקע איהם געפרעגט מיט אַ געלעכטער.

— געוויס... — האָט זיך זאַנוויל צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

זאַנוויל האָט בשעת מעשה געקוקט אויף איהר געטאָקטע האַנד וואָס איז געלעגען אויף דעם ראָז־זיידענעם שלאָפראָק. די דורכזיכטיגע ווייס־קייט פון דער האַנד מיט די צוואָרפענע געז פון בלוילינבע זיידען פעדים האָבען זאַנוויל'ען פער'שכור'ט.

---

פאַרטאָג האָט זיך זאַנוויל אויפגעכאַפּט אַ מיעדער, זיך אויסגעטשור־בעט און זיך אַרומגעקוקט.

אויף אַ וויעג־שטוהל איז געזעסען די בלאָנדינקע אין אַ גרין־זיידענער גאַברעלע, איינגעזונקענדיג איין באַק אין די ווייסע וואָל פון אַ קליין הינטעל.

— ס'איז נאָך פריה! וואָס איילט איהר זיך! — האָט די בלאָנדינקע געזאָגט מיט אַ שמייכעל, זיך אויפגעשטעלט און גענומען געהן צו זאַנוויל'ן מיט'ן הינטעל אויף דער האַנד.

זאַנוויל'ס פערלאָפענע אויגען האָבען אויף איהר געקוקט מיט אַ מאָדנעם ערנסט.

— וואָס, איהר זייט ברוגז? — האָט די בלאָנדינקע זיך צושמייכעלט און אַ שעלמישען וואָרף געטהאָן דאָס הינטעל אויף זאַנוויל'ען.

דאָס הינטעל האָט אַ קוויטש געטהאָן און אַראָבגעשפּרונגען.

— וואָס פעלט אייך איין? — האָט זאַנוויל געענטפערט, אָנגע־כאַפּט די בלאָנדינקע פאַר דער האַנד און בשעת מעשה דערפיהלט ווי אַלץ אין איהם שפּאַרט אין מח אריין.

דאָס הינטעל האָט זיך גענומען וואַרפען מיט אַ בילעריי אויף זאַנוויל'ען. די בלאָנדינקע האָט געכאַפּט דאָס הינטעל פאַר די אויערען און מיט איהם אַרויס פון צימער.

זאַנוויל איז געבליבען אַליין, דערפיהלט ווי אַלץ ביי איהם ווערט אָבגעקיהלט, נעהמט פערגליווערט ווערען, פרירט. ער האָט געפיהלט פון זיינע הענד איהר ליים און גענומען זיי רייבען איינע אין די אַנדערע, האָט

גרוים חשק געהאַט צו צוברעכען איהר בעט, צורייסען די ראָז־זיידענע פאָרהאַנגען. באַלד איז די בלאַנדינקע לייכט אַריין, פערשליסענדיג נאָך זיך די טהיר.

זאַנוויל האָט בעמערקט איהרע קליינע, ווייסע פיסלעך, און ווידער אין אַלעם פערגעסען.

---

זאַנוויל איז אַרויס פון דער „וויקטאָריע" צוזאָגענדיג, אַז ער וועט ביינאַכט ווידער קומען. ער האָט גיך דורכגעשפּאַנט עטליכע געסלעך און אַ מיעדער איז ער אַריין אין זיין נומער.

זיינע חברים זיינען נאָך געשלאָפען אין די קליידער. זאַנוויל האָט אַריבערגעוואָרפען דאָס ליילעך איבער׳ן קאָפּ, זיך איינגעוויקעלט, עטליכע מאָל אָבגעזיפצט און איינגעשלאָפען.

אַרום האַלבען טאָג האָבען איהם די חברים געוועקט.

— קריך אַרויס — האָט גראַדול געשריען און איהם געצויגען פאַר אַ פוס — קישקע וואַרט שוין אויף אונז!

זאַנוויל האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען, דערפיהלט אַ שרעקליך פייער אין גאַנצען קערפּער, אַרים אַרויס געטהאָן דעם פוס און זיך צוברומט:

— כ׳געה נישט!

— וואָס הייסט, געהסט נישט? — האָט גראַדול אַ פערוואונדערטער געפרעגט.

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט.

— נו? — האָט איהם גראַדול ווידער געמונטערט.

— ברעך הענט און פיס! — האָט זאַנוויל מיט כעס אויסגעשריען און זיך אויסגעדרעהט.

— רייס זיך נישט! — האָט גראַדול בייז געענטפערט און געגאַנגען צו דער טהיר. — און אויב עס ברענט, לעקט מען אַ קאַץ!

זאַנוויל איז געלעגען אַ צובראָכענער, די פיס זיינען געוועזען שווער און עס האָט זיך איהם געדאַכט אַז אַלע גליעדער זיינען צושרויפט, וואַקלען זיך און קנאַקען. ער האָט זיך עטליכע מאָל געוואַלט איבערציהען, נור

די גליעדער האָבען נישט געדיענט. ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אין קישען און געבליבען ליגען ווי אַ שטיק ליים. פאַר איהם איז דורך ווי אין חלום דער גאַנצער נעכטיגער אבענד. ער האָט נאָך יעצט געפיהלט אויף זיינע ליפּען איהרע הייסע קושען, האָט עטליכע מאָל צוגעשטעקט די פינגער צו זיינע ליפּען — איהם האָט זיך אויסגעדאַכט ווי ער טאַפּט אָן דעם קוש, און האָט מיט אַמאָל דערפיהלט ווי זיינע מוסקולען ציהען זיך צוריק אָן, ווערען נאָך שטאַרקער ווי פריהער.

עטליכע מאָל איז איהם דורך אין מח רחל. אָבער ער פלעגט נור מאַכען אַ גרימאַסע מיט'ן פּנים, גלייך ער וואָלט איינגעשלונגען אַ ביטערען פּיל און ווידער געטראַכט וועגען דער בלאָנדע.

— ער וועט קומען מיט דער בלאָנדע אַהיים, געהן מיט איהר געאַרעמט ווי אַ שׂרה. אַלע וועלען זיך אָבשטעלען, קוקען וואָס פאַר אַ שעהן מיידעל זאַנוויל האָט זיך געבראַכט און ווי זי געהט דאָס אויסגע־פּוצט? שעהנער ווי אַ כראַביאַנקע! און אָט וועט איהם אַנטקעגען קומען רחל, וועט צומישט ווערען, נישט גלויבען איהרע אייגענע אויגען — — — — און ער? ווי קיינמאָל גאַרנישט! געהט זיך שטייף און רעדט מיט זיין דאַמע!

פאַרנאַכט האָט זיך זאַנוויל ווידער איבערגעטרייסעלט, זיך אַרומ־געקוקט און רוהיג געלעגען. ער האָט געפיהלט אַ העליש פייער אין די ביינער. די פיס האָבען איהם שטאַרק געצויגען, גלייך פּיאַווקעס וואָלטען דאָס בלוט אויסגעזאָפּט. אַלס האָט איהם געעקעלט, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער זאָל יעצט די בלאָנדע טרעפען וואָלט ער זי דער־שטיקט, אַז זי האָט איהם איבערגעפיהרט, האָט אויסגעזאָפּט זיין בלוט און מאַרך. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפיהלט שוואַך ווי אַ קינד און אַ שרעק האָט איהם אַרומגענומען.

— און ווער ווייס צי זי איז נישט אַ קראַנקע? — האָט זאַנוויל אַ טראַכט געטהאָן, איינגראָבענדיג טיעף דעם קאָפּ אין קישען — זי האָט מיך איבערגעפיהרט!

ער וועט אַהיימקומען אַ קראַנקער, ער ווייס אַז די קרענק איז די מיאוס'סטע, אַז ס'איז כמעט אונמעגליך זיך אויסצוהיילען פון איהר. און

טאַקע „טל־ומטר“ איז דאָך געוועזן אַ העלד, פון זיינע גבורות איז מען דאָך נשתומם געוואָרען, און אַז ער איז קראַנק געוואָרען און גענומען צופּאַלען שטיקערווייז, האָבען די חברים איהם פערלאָזט. און ער אַליין געדענקט איהם: אַ הויכער מיט צוויי ווילדע אויגען, מיט אַ רויטער אָבגע־פּוילטער נאָז, מיט אָזעלכע רויטע פלעקען איבער'ן גאַנצען פּנים, און גע־גאַנגען איז ער ווי אויף שטאַלצען.

זאַנוויל האָט דערפיהלט אַ קאַלטען שוידער איבער זיין גאַנץ לייב, ער האָט פערקוועטשט די פויסטען און זיך פערטראַכט: ער איז אין דער־היים. אַלע ווייסען אַז ער איז קראַנק, מיידען איהם אויס. און ער איז געצוואונגען צו שלאָפען אין הקדש. פון טאָג צו טאָג ווערט ער שוואַכער, ער קאָן שוין נישט אַרוים אויף דער גאַס. און אַלץ איבער רחל'ן, איבער דער פערדריפּעטע חסיד'ישע טאָכטער!

מיט אַמאָל האָט זאַנוויל דערהערט עטליכע קולות אונטער זיין פענס־טער. ער איז אַראָב פון בעט און זיך גענומען אָנטהאָן. משה'לע האָט גערעדט הויך מיט'ן בעל־הבית פון האָטעל. באַלד האָט זיך די טהיר אויפ־געפּראַלט און צוויי פערדס־הענדלער מיט משה'לע ביק האָבען אַריינגע־טראָגען עפּעס אַ פערבלוטיגטען קערפּער און איהם געלעגט אויפ'ן בעט. זאַנוויל האָט אין די קליידער דערקענט גראַדול'ען, וועלכער איז געלעגען און געקרעכצט. עס איז כמעט אונמעגליך געוועזען איהם צו דערקענען, אַזוי צו'ממית'ט איז ער געוועזען. די אויגען האָט מען נישט אַרויסגעזעהן, זיי זיינען געווען פערלאָפען מיט צוויי שוואַרץ־בלויליכע לאַנטערנעס. פון מויל און פון קאָפּ איז גערונען בלוט.

— וואָס איז דאָס? — האָט זאַנוויל אַ געשריי געטהאָן.

משה'לע האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן פאַרענץ פון בעט און אָפּער־געוואָרפען זיינע פּיס:

— די גאַנצע צייט געבראָפּעט און איצט שרייט ער!

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט.

— איהר וועט זיך שוין שפּעטער קריעגען — האָט זיך אַ פערד־הענדלער אַריינגעמישט — יעצט לויפט נאָך אַ דאָקטאָר! דער יונג קאָן דאָך אָבגעהן מיט בלוט! און מאַכט גיכער אַ ויברח! פּאָליציי זוכט איהם!

— ביק, נישט קיין פּיפּס! הערסט! — האָט זיך זאַנוויל געווענדעט צו משה׳לען — גײה שוין נאָך אַ דאָקטאָר.

משה׳לע איז אויפגעשפּרונגען און איז אַרויס.

— ווי ר׳נאָך איז דאָס געשעהן? — האָט זיך זאַנוויל געפרעגט ביי די אידען.

— פּשוט! ער האָט געוואָלט נעהמען אַ פּאָר פערד, האָט מען איהם געכאַפּט, און ווען נישט מיר, וואָלט ער דער׳הרג׳עט געוואָרען.

זאַנוויל האָט גענומען אַ שיסעל וואַסער און גענומען אָפּוואַשען דעם פערבלוטיגטען גראַדולען. ער האָט געפיהלט, אַז דורך איהם איז דאָס אַלץ. ער איז זיך עטליכע מאָל דורך די שטוב און בעשלאָסען נאָך היינט מיט׳ן קראַנקען אַהיים צו פאָהרען.

.17

— גלויב מיר, רחל, — האָט נסן געזאָגט צו זיין טאָכטער, — מען פערגינט מיר פשוט ברוך'ן נישט! און לאָמיר זיך טאַקע נישט נאַרען: ברוך איז פאָרט דער בעסטער בחור אין שטעדטעל, האָט היתר־הוראה, האַלט ביים צושטעלען זיך צום עקזאַמען, און טאַקע באַלד, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה לאָז איך זיך קאָסטען עטליכע הונדערט רובעל און ברוך וועט קריגען אַ „שטאָדט" און ווערען רב. וואָס קען זיין עפּעס בעסערס?

דאָ איז נתן אנטשוויגען געוואָרען, געטהאָן אַ שמעק טאַבאַק און געקוקט אויף דער טאָכטער.

רחל האָט גאָר נישט געענטפערט. זי איז נאָר בלאַסער געוואָרען, אַראָבגעלאָזט די אויגען.

— נו, טאָכטערשי! — האָט דער אַלטער אַ הוסט געטהאָן.

רחל האָט אויפגעהויבען איהרע פערלאָפענע מיט טרעהרען אויגען.

— טהוט וואָס איהר ווילט! — האָט זי אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין און אריין אין אַנדער חדר.

— אַ יונג קינד, שעהמט זיך מן הסתם — — לאָז זי זיך אַביסעל אויסוויינען, ס'מאַכט נישט — האָט נתן אַ טראַכט געטהאָן און זיך צוגעשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע.

רחל איז אריין אין איהר שלאָף־צימער. זי האָט גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבער'ן קליינעם צימער און האָט געפיהלט, אַז דאָ טהוט זיך עפּעס, אַז מענשען געהען אַרום, טראַכטען, פּלאַנעווען, ווי אַזוי זי גליקליך צו מאַכען... רחל האָט האַסטיגער געשפּאַנט איבער'ן קליינעם צימעריל און מיט אַ שנעלקייט האָט זיך ביי איהר אין מוח געוועבט אַלע נייע און נייע פּלענער ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון שרוף. מיט אַ מאָל

האָט זיך ביי איהר אין מוח ווי עפּעס אָבגעריסען. דעמאָלט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעשנירעלט איהר ווייסען שטערען, עטוואָס אראָפּ־געלאָזט איהרע אויגען־לעפּלעך און געקוקט, געזוכט — נור ווי אויף צו להכעיס האָט זי זיך נישט געקענט דערמאָהנען, האָט אַ טופּע געטהאָן פאַר כעס מיט'ן פוס און גענומען שפּאַנען ווייטער. ווען זי האָט דער־פיהלט אַ שטאַרקע מיעדקייט אין איהרע פיס, האָט זי זיך אויסגעצויגען אויף דער סאַראַטענער קאַנאַפּע און בעשלאָסען נאָך היינט ביינאַכט צו זאָגען דעם פאָטער, אַז זי וויל ניט דעם שדוך, אַז זי וועט זיין אומגליקליך איהר גאַנץ לעבען מיט ברוך'ן, אַז — — — אַז זי ווייס אַליין נישט פאַר וואָס... און פאַר איהר איז עפּעס ברוך אויסגעוואַקסען מיט אַ מאָל פיעל מיאוס'ער ווי ער איז געווען. די נאָז — האָט זיך איהר געדאַכט — איז דאַרער און לענגער, צוואַוואַקסט זיך אין מויל אַריין און דאָס יונגע, בלאַסע פּנים האָט אין זיך עפּעס אַזאַ אַלטקייט, און דער קנייטש, וואָס טהיילט אָפּ די נאָז פון שטערען, האַלט זיך אין איין בעוועגען, גלייך אימיצער וואָלט ביי איהם דאָרט געזעסען און געפּיקעט, און אין גאַנצען זעהט ער אויס ווי אַ מילץ פון אַ הערינג.

רחל האָט געפיהלט, ווי עס ווערט איהר קאַלט. זי האָט שטאַרק איינגעקוועטשט איהרעביידע שלייפען מיט די פויסטען און בעשטימט עס זאָל איהר געה אין לעבען, וועט זי מיט ברוך'ן נישט חתונה האָבען. און אין איהר אייגענעם טראַכטען האָט זי געפיהלט, אַז דאָס וועט קיינ־מען נישט זיין, אַז זי וועט דעם פאָטער קיינמאָל נישט זאָגען, אַז זי ליעבט זאַנוויל'ען דעם פערד־גנב, אַז איהר גאַנצער טראַכטען איז נישט מעהר ווי אַ זיסער צייט־פערטרייב, אַז זי גענאַרט זיך זעלבסט, און זי האָט זיך מיט אַ מאָל דערפיהלט אַזוי שוואַך און הילפלאָז ווי אַ קינד...

די שנאה צו ברוך'ן איז ביי איהר מיט אַ מאָל פערשוואונדען. דער טאַטע האָט איהר געזאָגט, אַז ברוך וועט באַלד נאָך דער חתונה ווערען רב. זי וועט זיין רביצין. אַלע ווייבער וועלען איהר קוקען אין מויל אַריין. יעדע וועט זיך שעצען גליקליך מיט איהר צו פערברענגען, הערען איהר מיינונג און וואו נאָר אַ שמחה אין שטאָדט, וועט מען זי פער־בעטען, זעצען אויבען אָן, מכבד זיין מיט'ן בעסטען. רחל האָט זיך אָנ־

געשטרענגט ווייטער צו ציהען דעם געדאַנק, נאָר פּלוצלונג איז פאַר איהר ארויסגעוואַקסען די רביצין פון שטאָדט אין איהר זיידענע קופּקע מיט די לאַנגע דימענטענע אוירינגען, און אז באַלד נאָכ'ן באַדעקענס וועט מען זי אוועקזעצען אויף א גרויסען שטוהל, צולאָזען איהרע פלעכטען און די רביצין וועט זיי אָפּשערען. רחל האָט א כאַפּ געטהאָן איהרע צוויי לאַנגע צעפּ, זיי בעטראַכט, גענומען זיי קושען, גלייך ווי זי וואָלט זיך צושיידט מיט זיי אויף אייביג און פאַר איהר איז מיט א מאָל ארויס־געשוואומען די אַלטע קריינדיל, די חלות און טשאָלענט בעקערין. ווי רחל איז איינמאָל פרייטאָג נאָך מיטאָג צו איהר אריין. אונטער א שפּאַ־נישע וואַנד איז געשטאַנען די אַלטע קריינדיל, געמידליעט א יונג ווייבעל דעם קאָפּ מיט א האָריגען פּענזעל, גענומען א בריטווע און געגאָלט. און דאָס יונגע ווייבעל האָט אויסגעזעהן ווי אַן אויסגעצוואָגען קעצעל.

רחל האָט ווידער א מאָל דערפיהלט א שנאה צו זיי אַלע, אפילו צו איהר פאָטער. איהר האָט זיך געדאַכט, אז אַלע האָבען זיך צונויפ־גערעדט זי אומגליקליך צו מאַכען, אז קיינער פערשטעהט זי נישט, וויל זי גאָר נישט פערשטעהן... זי האָט פערגעסען, אז זי איז ברוגז מיט זאַנוויל'ען און זי איז געווען זיכער אז ער וועט זי ראַטעווען, פון אונטער דער חופּה אַפּערנעהמען און האָט בעשטימט איהם גלייך צו זעהן.

ווי א פער'סמ'טע איז רחל ארויס פון שטוב, און שנעל געשפּאַנט צו שלמה'ס הויז. אין פענסטער איז געווען ליכטיג. זי האָט נישט געטראַכט און אריין:

— א, סקאָציל קומט! א גאַסט! — האָט תרצה געזאָגט און אָפּ־געווישט מיט'ן פאַרטוך א בענקעל.

רחל איז רויט געוואָרען, זיך צוטומעלט, האָט א פינטעל געטהאָן מיט די אויגען ווי איינער וואָס וויל זיך אָן עפּעס דערמאָהנען:

— א דאַנק, תרצה! זייט אייך נישט מטריח, כ'האָב אייך נאָר געוואָלט זאָגען, איהר זאָלט צונעהמען די מעהרען.

— וואָס פאַרע מעהרען?!

— איהר ווייסט גאָר נישט? א חידוש! — האָט רחל געענטפערט אין גאַנצען א צופּלאָמטע, — אייער זאַנוויל האָט יענע וואָך בעשטעלט

אַ קערץ מעהרען פאַר די פערד און ער קומט זיי נישט נעהמען, — ס'האַלט דאָך אין איין רעגענען, זיי קענען פערפוילט ווערען...

— און ער האָט אייך בעצאָהלט? — האָט זיך תרצה געפרעגט.

— געוויס! וואָס דען?!

— גלויבט מיר, רחל, דער יונג מאַכט מיך בדיל הדל! אָט זעהט איהר, געקויפט מעהרען און גאָר נישט! דער יונג איז דאָך שוין באַלד אַ וואָך אויף לויוויטשער יריד, און גער זיי אַ נביא, אַז ער האָט געקויפט מעהרען! אַ שעהנעם דאַנק, רחל'שע, וואָס איהר זייט געקומען. בלי נדר, מאָרגען שיק איך מיין „אַלטען" נאָך זיי. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יאָ! — האָט תרצה געהאַלטען אין איין מאָלען, — איהר, רחל, האָט דאָך אונז אין גאַנצען פערשעהמט, נישט געבליבען צו דער סעודה, מיין זאַנוויל האָט אייך אַרומגעזוכט.

רחל האָט אָנגעקוקט תרצה'ן, און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלטע תרצה אָהן צייהן וויים אַלעס און שמייכעלט, אַז זי וויים, אַז זאַנוויל האָט קיינמאָל קיין מעהרען נישט געקויפט און אַז דאָס האָט זי זיך פערבערענקט נאָך איהר זאַנוויל'ען און איז דאָס געקומען מיט אַן אויסרייד.

.18

אין אבענד איז זאַנוויל געקומען פון יריד און געוואָהר געוואָרען, אַז רחל געהט אַ כלה ווערען פאַר ברוך גיטעל׳ס. ער איז געוואָרען מאָדנע אונרוהיג. ער האָט מעהר ניט געקענט איינזיצען אויף אָן אָרט, איז ארוים אין גאַס און זיך געלאָזט געהן צו גראַדול׳ען.

אַ ווינד האָט זיך פון ערגעץ אָבגעריסען און גענומען שטאַרק בלאָזען, אויפהויבענדיג גאַנצע קופּעס שטויב. דער ווינד האָט זיך געדרעהט, געיאָגט איבער דער גאַס מיט אַ פייף.

זאַנוויל האָט גענומען גיכער שפּאַנען.

ער האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט.

נתן מיט רחל׳ען זיינען איהם אנטקעגען געקומען.

דער ווינד האָט זיך שטאַרקער צופייפט, ערגעץ וואו אויף אַ דאַך אַ הויב געטהאָן אַ שטיק אָבגעריסענע בלעך, אַ ריס אַראָפּ געטהאָן פון נתן׳ס קאָפּ זיין טוכען היטעל און מיט אַ שנעלקייט עס גענומען טראָגען איבער׳ן גאַס.

דער אַלטער מיט דער טאָכטער זיינען געבליבען שטעהן ווי אונבעהאָלפען, זיך איבערגעקוקט און באַלד זיך געלאָזט נאָכ׳ן היטעל.

זאַנוויל האָט געטהאָן אַ שפּרונג, געכאַפּט דאָס היטעל און מיט דרך־ארץ עס צוגעטראָגען נתנ׳ען.

— אַ שעהנעם דאַנק וואָס איהר האָט זיך מטריח געוועזען, זאַנוויל! דאָס הייסט אַ ווינד! — האָט דער אַלטער געזאָגט און אָנגעטהאָן דאָס היטעל.

זאַנוויל האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָנגעקוקט די איבערגעשראָקענע רחל, נאָר מעהר ווי אַ נארישער שמייכעל איז ביי איהם אויפ׳ן פּנים ניט ארוים.

ווען נתן מיט רחל'ען זיינען שוין געוועזען אַ שטיק פון איהם, האָט זיי זאַנוויל נאָכגעיאָגט אַ צוטראָגענער:

— געהט גיכער אהיים, ר' נתן!... עס וועט באַלד אַ גאַס טהאָן אַ רעגען! — האָט זאַנוויל אויסגעשאָסען און איז רויט געוואָרען.

— הלואי! — האָט נתן געענטפערט, — די קאַרטאָפעל דאַרפען רעגען ווי אַן אויג אין קאָפּ.

זאַנוויל האָט בעמערקט ווי רחל האָט געשמייכעלט און ער איז עפּעס צופריעדענער געוואָרען.

ער איז זיי נאָכגעגאַנגען.

אַ בליץ האָט אָנגעצונדען די גאַנצע גאַס.

ערגעץ וויט האָבען גענומען פּלאַצען גרויסע פעלזען, געפּלאַצט און געקייקעלט זיך אַלץ נעהנטער, זיך צוקראַכט ערגעץ אין דער הויך, זיך פאַנאַנדערגעשאָטען ווי מחנות פויקען.

עס האָט באַלד אַ גאָס געטהאָן אַ רעגען, געפּליוכעט ווי מיט צעבערס.

זאַנוויל איז אריין אין הויז געגענאיבער נתנ'ען.

ביי נתנ'ען איז געוועזען ליכטיג.

זאַנוויל האָט אַ נערוועזען ציטער געטהאָן:

אין דער טיהר פון נתנ'ס הויז איז געשטאַנען רחל.

ער איז לייכט צו צו איהר.

רחל, דערזעהענדיג זאַנוויל'ען, האָט זיך דערשראָקען און זיך אריינגערוקט אין הויז אריין. באַלד איז זי צוריק ארוים:

זיי זיינען געשטאַנען עטליכע מינוט, זיך אָנגעקוקט מיט ערנסטע פּנים'ער.

זאַנוויל האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען און געזאָגט:

— רחל, איך דאַרף דיך זעהן! כ'האָב עפּעס מיט דיר צו רעדען. זיי מאָרגען אכט אַ זייגער אין פעלד! וועסט זיין?

— כ'וועל זיין! — האָט רחל געענטפערט, נישט געזאָגט קיין גוטע נאַכט און פערשוואונדען אין פינסטערען קאָרידאָר.

זאַנוויל איז געבליבער שטעהן עטוואָס אַ צומישטער. לאַנג האָבען אין זיינע אויערען געקלונגען רחל'ס טריט און דער סקריפּ פון דער טיהר.

ער האָט דערפיהלט, אַז דער גרונד אונטער זיינע פיס בעוועגט זיך, נעהמט אפערשווימען פון אונטער איהם און ער בלייבט ערגעץ אין דער לופט.

מיט אַ מיעדקייט אין קערפּער האָט זיך זאַנוויל אַוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּעל, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין זיינע גרויסע הענד, שטאַרק פערקוועטשט די אויגען און פון די צייהן האָט זיך געהערט אַ מאָדנע קריצעריי, גלייך אַ שאַרפע זעג וואָלט געשניטען אַן אַלטען דעמב. זאַנוויל האָט געשפּירט, אַז עס הויבט איהם פון אָרט, אַז אַזוי גלאַט אוועקגעהן אָהן אַלעם קען ער נישט, אַז ווען ער וואָלט יעצט געכאַפּט רחל׳ען, וואָלט ער זי דערשטיקט, נישט געלאָזט זיך אַזוי טרעטען און בלאָזען אין דער קאַשע אריין. וואָס מיינט זי? — אַ גנב האָט קיין האַרץ נישט? און וואָס האָט זי דאָס פערקאָכט אַ קאַשע מיט די מעהרען?! ווען האָב איך ביי איהר געקויפט מעהרען? זי ליעגט שוין מסתמא יעצט אין בעט און לאַכט אין די פויסטען אריין ווי ר׳נאָך זי איז פּטור געוואָרען פון מיר. אַ כאָליערא! זי וועט זיך נישט לאַנג פרעהען. כ׳וועל איהר באַלד צייגען, אַז כ׳שטעה נאָך, אַז מיך צו פּטר׳ן איז נישט אַזוי לייכט! כ׳נעהם באַלד אַ שטיין און טהו אַ טראַסק אין פענסטער אריין, עס זאָל פון איהם קיין זכר נישט בלייבען!

זאַנוויל האָט גענומען זוכען אַ שטיין, איז דורכגעלאָפען אַ האַלבע גאַס, געזוכט, און אַלע שטיינער, וואָס האָבען זיך דאָרט געוואַלגערט, זיינען איהם עפּעס נישט געפעלען געוואָרען. ער איז באַלד צוריקגעקומען צום פענסטער און געהאַלטען אין איין טענה׳ן צו זיך: וואו קריגט מען עפּעס אַזאַ קיילעכדיגען, שפּיציגען שטיין? ער איז צו צום פענסטער און אריינגעקוקט מיטביידע אויגען, נאָר ער האָט גאָר נישט געזעהן.

פון דערווייטענס איז געשטאַנען דער נאַכט־וועכטער מיט זיין גראָבען שטעקען און געקוקט מיט פערדאַכט אויף זאַנוויל׳ען. דער וועכטער האָט גענומען פּאַמעליך צוגעהן. זאַנוויל איז אַזוי געווען צוטראָגען, אַז ער האָט נישט געהערט ווי דער וועכטער איז צו צו איהם. נאָר ווען דער וועכטער האָט איהם שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנד און אַ געשריי געטהאָן: „קום מיט מיר, נאַכט־פויגעל!" האָט זיך זאַנוויל ווי אויסגעניכטערט און זיך אויסגעדרעהט.

דער נאכט־וועכטער האָט א הויכען פייף געטהאָן און געהאַלטען זאַנוויל'ען פעסט מיטביידע הענד. זאַנוויל האָט מיט אַן איבערנאַטירליכע קראַפט פון אַן אוננאַרמאַלען מענש זיך א שלײדער געטהאָן אויפ'ן וועכטער, זיך עטליכע רגע'ס געאַמפּערט, איהם א וואָרף געטהאָן אויף דער ערד, א זעץ מיט'ן פוס אין הארץ אריין און איז אריבער דורכ'ן פּאַרקאַן פון נתן'ס סאַד.

פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט פּייפערייען און באַלד האָבען זיך אין דער שטילער נאכט אריינגעטראָגען די שווערע טריט פון די וועכטערס. זאַנוויל האָט געוואוסט, אַז יעצט צו אַנטלויפען איז א סכנה, מען וועט איהם געוויס כאַפּען. ער האָט געגומען זוכען אַן אָרט וואו זיך צו בעהאַלטען.

אין עק גאָרטען איז געווען א גרוב פון קאַרטאָפעל, פערמאַכט מיט א גרויסען שטיין. זאַנוויל האָט אָבגערוקט דעם שטיין, איז אריין, צוריק פערמאַכט, האָט זיך אַרונטערגעלעגט אונטער א דריבעז פון וואַסער און געלעגען אין געהאַקטע צרות.

עס האָבען זיך באַלד דערהערט קולות אין גאָרטען. מען האָט איהם געזוכט. ער האָט געהערט נתן'ס קול און עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז מען האָט איהם שוין, מען פיהרט איהם אַרויס, יעדער איינער שלאָגט איהם און רחל שטעהט און קוקט. ער האָט בעשלאָסען צו זיין גרייט אויף אַלעם, אפילו זיך צו פערטהיידיגען מיט'ן רעוואָלווער, האָט בשעת מעשה ארויסגענומען פון דער קעשענע אַן אייזערנע הענטשקע און זי זיך אָנגעטהאָן אויף דער האַנד.

עס איז שטיל געוואָרען. זאַנוויל איז נאָך געלעגען א לענגערע צייט. דערנאָך איז ער אַרויס און אוועק א דורכגעווייקטער דורך הינטערגעסלעך צו גראַדול'ען.

ביי גראַדול'ען איז געווען ליכטיג.

אין א גרויס הילצערן בעט איז גראַדול געלעגען. זיין פּנים האָט אויסגעזעהן ווי בעשאָטען מיט אַש. ער איז געלעגען און געכאָרכעלט מיט זיין ברוסט ווי א גאַנז.

ביים טיש איז געזעסען ביילע א פערוויינטע.

— וואָס הערט זיך? דער דאָקטאָר איז געוועזן? — האָט זיך זאַנוויל שטיל געפרעגט.

— געוועזן! — האָט ביילע מיט א זיפץ געענטפערט.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס מיר דאָקטאָר! — האָט דער קראַנקער אָבגעהוסט און אויסגעשפּיגען א שטיק בלוט ווי א קופערנער צעהנער. — הערסט, זאַנוויל, איין גאָט זאָל מיר העלפען, ס'איז נישט גוט, ברודער, ס'האַלט שמאָל... די כחות געהען אויס... בלי נדר, מאָרגען פריה טראָג אוועק דעם גבאי פון דער תלמוד תורה א פינפעריל מען זאָל זאָגען תהילים.

זאַנוויל איז געשטאַנען, זיך געקראַצט דעם קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן דער גאַנצער בעל־חייב, וואָס גראַדול איז קראַנק. באַלד האָט זיך ביילע צוכליפּעט. ער האָט נישט געקענט מעהר צוהערען, איז אריין אין שלאָף־צימער און זיך אויסגעצויגען אויף גראַדול'ס בעט.

עס האָט זיך איהם אלץ געפּלאָנטערט, אז מען יאָגט איהם, אז באַלד קומט מען אַרויף, מען נעהמט איהם פון בעט אַרויס און מען פיהרט איהם א געשמידטען אוועק.

מיט א מאָל האָט זיך א געוואַלדיג־הויכער מענש מיט איין אויג אין שטערען גענומען פּאַקען צו איהם דורכ'ן פענסטער. ער האָט זיך געפּאַקט און געפּאַקט, אָנגעפילט די גאַנצע שטוב, יעדעם ווינקעל, יעדע שפּאַרע, און דאָס אויג האָט געשאָסען מיט פאָספאָר־שטראַהלען.

דער מענש האָט זיך געהאַלטען פאַר זיין גרויסען, געפּאָלדערוועטען בויך, געפּלאַצט פון געלעכטער, געוואונקען מיט'ן אויג:

— אבע! רחל האָט דיך אוועקגעוואָרפען! אוועקגעוואָרפען!

פון פערדרוס האָט זאַנוויל אונטערגעשפּאַרעט זיין פערשווימטען פערד, אַרויסגעכאַפּט די לאַנגע, קרומע שווערד און א ביטערע מלחמה האָט אויסגעבראָכען צווישען איהם און דעם איין־אויגיגען מענש.

מיט יעדען פאָך פון דער שאַבלע האָט זאַנוויל געשפּאָלטען דעם מענש אין צווייען, און פון דעם מענש זיינען באַלד צוויי מענשען געוואָרען, און אין א וויילע אַרום א פולע שטוב מיט איין־אויגיגע מענשען,

און אַלע האָבען זיך געהאַלטען פאַר די גערפּאַלדעוועטע בייבער, געלאַכט און די אויגען האָבען געשאָסען ווי פאַספּאַר־שטראַהלען...

זאַנוויל איז געוואָרען שטאַרק בייז, איז אַראָפּ פון פערד, געכאַפּט איין מענש פאַר'ן גערדיק, איהם אויסגעשטאָכען דאָס אויג און באַלד האָט אַ קראַך געטהאָן אַ דונער — אַלעס איז צושוואומען.

זאַנוויל האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן אָפּגעגאָסענער פון שוויים, גע־עפענט די אויגען: פינסטער, און אין דרויסען און האָט געגאָסען מיט צעבערס.

ביילע איז געזעסען אויף איהר בעט און זיך אויסגעטהאָן. זי האָט איינגעטוליעט דעם קאָפּ אין קישען און שטיל געוויינט.

זאַנוויל'ען האָט עס געהויבען פון בעט. ער האָט נישט געקענט הערען ווי ביילע וויינט.

— ביילע?

— זאַנוויל, איהר שלאָפט נישט?

— ניין! — האָט זאַנוויל געענטפערט. — ביילע, וואָס וועט אייך העלפען אייער וויינען. גלויבט מיר, גראַדול וועט נאָך געזונד ווערען. איהר וועט זעהן. — —

— אָ, זאַנוויל, — האָט ביילע וויינענדיג געזאָגט און זיך אויפ־געזעצט. — קיינער ווייס נישט, ווי שלעכט מיר איז. — אַ האַלב יאָהר נאָך אַ חתונה — — און דער דאָקטאָר זאָגט, ס'איז קיין האָפנונג ניטאָ...

ביילע האָט זיך צוואויינט אויפ'ן קול.

זאַנוויל'ען האָט באַנג געטהאָן צו וואָס ער איז געקומען נעכטיגען, האָט נישט געקענט הערען ווי ביילע וויינט, האָט פערשטאָפּט די אויערען מיט די פינגער און איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען.

ביילע איז געוואָרען שטילער, גענומען דערצעהלען ווי ר'נאָך זי האָט זיך בעקענט מיט גראַדול'ען, ווי ער האָט זיך אין איהר פערליעבט, ווי ער פלעגט זי אַרומטראָגען אויף די הענד, פלעגט איהר דאָס אָרט אָבהויכען, און וואָס האָט איהר טאַקע געפעהלט? — — —

זאַנוויל האָט געשפּירט ווי די מיעדקייט איז אוועק. ער האָט זיך געפיהלט קרעפטיג פון ביילע'ס מעשיות און זיך געדרעהט אין דרייען אונ־

טער דער קאָלדרע. ער האָט מעהר נישט געהערט וואָסביילע דערצעהלט איהם. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אז ער איז גראַדול, טראָגט ארום די קליינעביילקע מיט די ברענענדע „שליפּיעס“, מיט די לאַנגע האָר אויף זיינע הענד...

פון דעם „הייזעל“, וואָס עס האָט זיך געפונען וויז־א־וויז גראַדול'ס פענסטער, האָט זיך געהערט א קרעכצען, ווי א פערשטיקט געוויין. זאַנוויל האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערען און איהם האָט זיך געדאַכט, אז א פרוי וויינט. דאָס געוויין איז שטאַרקער געוואָרען און זיך דערנעהנטערט אַלץ מעהר. אפּנים, אימיצער האָט געשלאָגען א פרעהליכע שוועסטער.

און דער רעגען האָט געפּליוכעט גאַנצע צעבערס אין פענסטער אריין.

דאָס געוויין האָט זאַנוויל'ען אויפגערעגט און ער האָט דערפיהלט א שרעקליכע ליידענשאַפט. ער האָט פּלוצלונג דערזעהן ווי ביילקע שטעלט זיך אין א ווייס לאַנג העמד, שפּרינגט אראָפּ פון בעט און געהט צו צום פענסטער. דאָס ווייסע העמד מיט די צולאָזטע האָר האָבען זאַנוויל'ען נישט געלאָזט רוהען. ער איז געלעגען ווי אויף שפּילקעס מיט ברייט צעעפענטע אויגען... ביילע האָט געקוקט דורכ'ן פענסטער, קיינעם נישט געזעהן און, א קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס, האָט זי גענומען צוריקגעהן...

זאַנוויל האָט איהר לייבט א צופּ געטהאָן פאַר'ן העמד.

ביילע האָט איהם גענומען גלעטען מיט איהר ווייך סאַמעט הענטעל איבער'ן געזיכט... זאַנוויל האָט אין דער לופט דערפיהלט ביילקע'ס אָבגעהאַקטען אָטהעם און האָט זי ארומגעכאַפּט ווי א צורייצטער לייב.

.19

פאַרטאָג. זאַנוויל האָט זיך דורכגעטרייסעלט. נעבען איהם איז געלעגעןביילע, די פּיסק איינגעוויקעלט אין איהר ווייס העמד, די שוואַרצע האָר צושאָטען איבער׳ן ווייסען קישען און אין מויל האָט זי געהאַלטען דעם קליינעם פינגער פון דער רעכטער האַנד.

פון צווייטען צימער האָט זיך געהערט אַ כאָרכלען און אַ קרעכצען. זאַנוויל׳ען איז קאַלט געוואָרען. ער איז ליכט אַראָפּ פון בעט, זיך אויף גיך אָנגעטהאָן און גענומען געהן צום קראַנקען. ער איז אָבער באַלד געבליבען שטעהן. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער קראַנקער האָט אַלעס געזעהן... דורך דער וואַנד... דאָס רופט ער איהם, וויל זיך מיט איהם אויסשמועסען צו אַזוי האַנדעלט מען געגען אַ קראַנקען חבר. אַ קאַלטער שוויס האָט דורכגעשלאָגען זיין שטערען. באַלד אָבער האָט ער זיך צושמייכעלט:

— וואָס, ווער געזעהן! — — — יענער ליעגט דאָרט אין זיינע צרות! — און איז אריין מיט אומזיכערע טריט.

גראַדול איז געשלאָפען. די נאָז איז געווען לענגער און שפּיציגער, די אויגען טיעף אריין, גלייך ווי מען וואָלט זיי אריינגעקלאַפּט און צוגעמאַכט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערהערט אַ כאָרכעל פון האַלז. דעמאָלט פלעגען זיך די אויגען־לעפּלעך עטוואָס עפענען און אַ פּאָר היה־נערשע אויגען האָבען אומבעשטימט געגלאָצט...

זאַנוויל׳ען האָט עס אויפגעשוידערט. ער האָט אַ שפּיי געטהאָן און זיך ליכט ארויסגע׳גנב׳עט.

---

זאַנוויל האָט געשפּאַנט איבער די ליידיגע גאַסען. ביי אַ קליין הייזעל איז געזעסען ר׳ יעקב, זאַנוויל׳ס געוועזענער

רבי, אין א פּאָר הויזען מיט א לאַנגען טלית־קטן. ער האָט געהאַלטען צווישען די פיס א גאַנז, איהר געעפענט דעם שנאָבעל און אריינגעשאָטען צו לעפעלעך הירזש. די גאַנז האָט געגלאָצט מיט איהרע פאַרצעלאַיענע אויגען, זיך געקרעקט און אראָפּגעשלונגען.

זאַנוויל האָט זיך צושמייכעלט:

— גוט מאָרגען, רבי!

דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט:

— א גוט מאָרגען, גוט מאָרגען! וואָס מאַכסטו עפּעס, זאַנוויל?

— א דאַנק! און איהר, רבי? פּאַשעט נאָך אַלץ די גענזלעך?

— ווי דען, קינד, אויף דער עלטער, קיין מלמדות נישטאָ מעהר — די ליטוואַקעס, ימח שמם, זיינען זיך אָנגעלאָפען, ארויסגעריסען דעם ביסען פון מויל, און די ציהען אויך דער פּאַליצע לעגען ווילט זיך נישט... נו, פּאַשעט מען גענז!... מען מוטשעט זיך.

זאַנוויל האָט אפילו נישט געוואוסט, וואָס דער אַלטער פּלאַפּעלט, נאָר ער האָט פערשטאַנען, אז עס איז ביי איהם נישט יום־טוב׳דיג.

— רבי, נאַט אייך אויף טאַבאַק! — האָט ער איהם דערלאַנגט א פּאַפּירענעם רובעל און געגומען שפּאַנען צו דער תלמוד־תורה.

דער גבאי, א דיקער איד מיט א ברייטע שווארצע באָרד, אין א סאַמעטענע וועסט, האָט אויסגעהערט זאַנוויל׳ען און זיך צושמייכעלט:

— ניין, כ׳קאָן נישט שיקען די קינדער זאָגען תהילים!

— פאַר וואָס? — האָט זאַנוויל א פערוואונדערטער געפרעגט.

— ווייל... כ׳ווייס — אז דער חלף ליעגט אויפ׳ן האַלז, ווערט מען פרום... כ׳קאָן נישט!...

— וואָס קאָנט איהר נישט? — האָט זאַנוויל ארויסגעפּלאַצט בייז. — איך פערלאַנג נישט בחנם. אָט האָט איהר פינף רובעל, און אויב ס׳איז ווייניג — זאָגט!

דער גבאי האָט איהם אָנגעקוקט, געוואָרפען א בליק אויפ׳ן פינ־פעריל און אָבגעהוסט:

— גלויב מיר, זאַנוויל, אז איך בין דאָ גאָר נישט אויסען! גראַדול איז דאָך פון דור־דורות א גנב. און יעצט שיקען די קינדער זאָגען

תהילים?! נו, זאָג דו אַליין, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס?

זאַנוויל איז געוואָרען בלייך ווי קאַלך. ער האָט געהאַט חשק אַראָפּ־צולאָזען דעם גבאי אַ פּראַסק און אַרויס.

— אודאי איז ער אַ גנב, נישט קיין סופר! און איך בין אויך אַ גנב! איהר הערט? אָבער אידען זיינען מיר! כ׳זאָג אייך נאָך אַ מאָל, איהר זאָלט שיקען די קינדער זאָגען תהילים! איהר וועט שיקען? זאָגט!

דער גבאי האָט זיך דערשראָקען, געקוקט אויף זאַנוויל׳ען, אויפ׳ן געלד, אַריינגעשנייצט מיט אַ טרוקענע תקיעה אין אַ רויט טיכעל אַריין:

— נו, וואָס וועל איך מיט אייך מאַכען? כ׳וועל שיקען.

זאַנוויל האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע נאָך אַ פינפערעל, אַניעדערגעוואָרפען עס אויפ׳ן טיש און געזאָגט:

— זעהט, אַז מען האַנדעלט מיט מיר ווי אַ מענש, בין איך אויך קיין חזיר נישט!

---

מיטאָג־צייט איז זאַנוויל אַרויס אין גאַס, אויספייפענדיג אַ ניגון. ער איז אַריין אין מאַרק. פון אַ זייטיג געסעל האָט זיך געשלעפּט אין מאַרק אַריין דער אַלטער פראַנעק מיט זיין גרויסען באַראַבאַן. ער האָט אוועקגעשטעלט אין מיטען מאַרק די פּויק, זיך אָבגעריהרט אַ ביסעל און גענומען פּויקען וואָס כח נור.

פון אַלע זייטען האָבען זיך גענומען שיטען מענשען. דער מאַרק איז באַלד שוואַרץ געוואָרען. דער אַלטער האָט בעטראַכט אַלעמען און מיט אַ שטימע פון אַן אַלטען קאָמאַנדיר האָט ער אויסגערופען:

„ס׳איז פערלאָרען געגאַנגען אַ חזיר מיט אַ שוואַרצען פלעק. ווער עס וועט עס געפינען, איז געבעטען עס צו ברענגען אין ראַטה־הויז אַריין.

„נתן אָגראָדניק האָט מען די נאַכט געוואָלט בע׳גנב׳ענען. זייט פאָרזיכטיג!“

דער אַלטער האָט געענדיגט זיין דרשה, געטהאָן דריי קלעפּ אין באַראַבאַן און גענומען געהן אונטער דער בעגלייטונג פון אַ קינדערשע קאַץ־מוזיק.

זאַנוויל איז געשטאַנען און געשמייכעלט. איהם איז עפּעס דאָס גאַנצע עסק געפעלען. ער האָט אַ פייף געטהאָן און לייכט גענומען שפּאַנען איבער'ן שטאָדט.

---

אבענד. זאַנוויל איז געווען אין פעלד און געוואַרט אויף רחל'ען. ער האָט פון פערדרוס געדרויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכ'ן צווייטען, ברייט צועפּענט די אויגען אין דער נאַכט אריין און געזוכט, געוואַרט אויף רחל'ען.

ער האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט, אַז ער איז אויסגעשפּיעלט, אַז זאַנוויל איז מעהר נישט זאַנוויל, אַז עפּעס אַ מיידעל מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגען האָט איהם ב'כשופ'ט. און צום מיינסטען האָט איהם געקרענקט פאַר וואָס זי לאַכט נאָך פון איהם. זי האָט דאָך איהם געקענט זאָגען, אַז זי וויל נישט קומען, אַז זי וויל איהם מעהר נישט זעהן, אַז זי וויל נישט האָבען צו טהאָן מיט אַ גנב. נו, וואָלט ער געוואוסט קלאָרע דבורים, זיך איינמאָל ארויסגעשלאָגען פון קאָפּ און באַסטאַ! אָבער זיך נאַררייצען מיט איהם? צוזאָגען און נישט קומען, אַ כאָליערא! ער וועט זיך נישט לאָזען בלאָזען אין דער קאַשע אריין! ניין! ער געהט באַלד צו איהר און מאַכט דאָרט אַ חתונה, אַז עס וועט איהר פינסטער ווערען אין די אויגען!

זאַנוויל האָט גענומען שפּרייזען אין שטאָדט אריין. ער איז געבליבען שטעהן ביי נתן'ס הויז. די פענסטער זיינען געווען בעלויכטען, די ראָלעטען אראָפּגעלאָזט. זאַנוויל איז פּאַמעליך צו און האָט אריינגעקוקט. ביים טיש איז געזעסען רחל אָן אויסגעפּוצטע און געשמועסט מיט ברוך'ען. זאַנוויל איז געבליבען שטעהן ווי אַ צוגעשמיטער און געקלעהרט, אַז אויב ער וועט זיי יעצט ניט שטערען, איז ער אַ הינטישער לעבער! זאָלען זיי וויסען, אַז זאַנוויל איז נאָך נישט געשטאָרבען. און איהם, דעם בלאָסען לאַבסערדאַק, וועט ער נאָך ביינאַכט אַ זשעברע צוברעכען, גלאַט אזוי!...

זאַנוויל האָט מיט אַ מאָל ארויסגעלאָזט אַ שענדליך וואָרט, געכאַפּט

אַ שטיין און פון הינטער אַ הויז אַפער האָט ער איהם אַ שליידער גע־טהאָן גלייך אין פענסטער אריין.

עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קוויטש און אַ קלימפּעריי פון גלאָז. זאַנוויל איז אַרונטער אונטער אַ הילצערנע טרעפּ. ער האָט געזעהן, ווי אַלע זיינען ארויס, געקוקט אין אַלע זייטען, לאַנג גערעדט און ס'איז צוריק שטיל געוואָרען.

זאַנוויל האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט, אַז ווייטער אַזוי לעבען קען ער נישט, אַז ער איז נישט מעהר ווי אַ טרום! אַנאַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט בשום אופן נישט דערלאָזט, מען זאָל איהם צונעהמען אַ מיידעל! און ער ליעגט דאָ אונטער אַ טרעפּ אַ גאַנצע נאַכט אין גע־האַקטע צרות! דאָ האָט זאַנוויל גענומען שפּאַרען די טרעפּ מיט זיינע פּלייצעס וואָס כח נור, געפיהלט אַז עס קנאַקט, נאָך אַ קרעכץ און די הילצערנע טרעפּ האָט זיך איבערגעדרעהט.

זאַנוויל האָט זיך אָפּגעשאָקעלט און געפיהלט ווי אַ שווערע משא וואָלט אַראָפּ פון איהם. צו גראָדול'ען ארויפגעהן האָט זיך איהם נישט געגלוסט.

— ס'וועט זיך געוויס איבער'חזר'ען די נעכטיגע געשיכטע! — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן און אויסגעשפּיגען.

ער האָט זיך אַ דערשלאָגענער גענומען שלעפּען אהיים. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ שמייכעל געטהאָן. ער האָט ערגעץ אויפגעזוכט אַ שמאַטע, זי איינגענעצט, אויסגעשמירט מיט סאַזשע און זיך אוועק־געשטעלט ביי נתן'ס הויז.

שפּעט אין דער נאַכט איז ברוך ארויס.

זאַנוויל האָט איהם אָנגעכאַפּט, איינגעוויקעלט דאָס פּנים אין דער שמאַטע און איהם פעסט געהאַלטען.

ברוך האָט זיך גענומען ראַנגלען, מאַכען קולות.

רחל איז ארויס.

זאַנוויל, דערזעהענדיג רחל'ען, האָט אָבגעלאָזט ברוך'ען און גע־מאַכט פּליטה.

.20

אין שענק ביי אַ גרויסען טיש זיינען געזעסען עטליכע יונגען מיט זאַנוויל'ען אין דער־מיט און געטרונקען.

צייט גראַדול איז געשטאָרבען און ביילע האָט זאַנוויל'ען פערטרויט אַ סוד, אַז זי טראָגט, איז ער ווי צומישט געוואָרען, זיך געפיהלט שולדיג און זי גענומען מיט אַ מאָל אויסמיידען. איינזיצען מעהר אין שטוב האָט ער שוין נישט געקאָנט. עס האָט איהם געטריעבען פון יעדען ווינקעל. ער פלעגט נאָר אַראָפּרוקען דאָס היטעל איבער די אויגען, שפּרייזען אין שענק אַריין און שכור'ען.

יעצט איז זאַנוויל געזעסען ווי אַ הילצערנער, דעם קאָפּ איינגעראַמט אין זיינע גרויסע הענד און אַריינגעקוקט אין דעם נישט־דערטרונקענעם קופעל ביער. זיינע בלויע אויגען האָבען זיך ווי איבערגעצויגען מיט אַ מוטנע, וואַסערדיג הייטעל און האָבען אויסגעדריקט עפּעס טעמפּעס, אידיאָטישעס... עפּעס האָט ער פאַר זיך געזעהן קלויסטער־גלאָקען, גרויסע, קליינע. די גלאָקען האָבען געהאַלטען אין איין קלינגען. דער מוח האָט זיך געהויבען און געטאַנצט ווי אויף שפּרינג־פעדערס.

משה'לע ביק איז אַרוים פון אונטער אַ טיש אָהן אַ היטעל מיט אַ צושויבערטען קאָפּ האָר. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען שענק, זיך צוגענעצט, פערהוסט און גענומען שפּייען אויף אַ שטח פון צוויי איילען.

ער איז צו צו מאַנקע'ן, וועלכע איז געשלאָפען אויף אַ באַנק, איינגעוויקעלט אין אַ וואַרעם ווינטער־טוך, מיט דער האַנד צו־קאָפּענס, און זי פעסט אַרומגענומען.

מאַנקע האָט צועפענט אַ פּאָר פערשלאָפענע אויגען און זיך געבעטען:

— משה'לע, טשעפּע נישט! לאָז מיך שלאָפען!

משה׳לע האָט מאַנקע׳ן גוט איינגעוויקעלט אין דעם טוך, איהר אַ לייכטען קניפּ געטהאָן, איז צו צו זאַנוויל׳ס טישעל און גענומען רעדען מיט זיינע חברים.

זאַנוויל האָט דערהערט דאָס וואָרט „נתן אָגראָדניק", און ער האָט זיך ווי אויסגעטשוכעט. נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט ער אויפגעשפּיצט די אויערען און זיך איינגעהערט וואָס זיי רעדען.

— און ווען האָט זי דאָס חתונה? — האָט זיך אַ געלער יונג מיט אַ געשפּאָלטענער ליפּ געפרעגט.

— איבער אכט־טאָג, שבת חנוכה, — האָט משה׳לע געענטפערט.

— טאָ לאָמיר צוגעהן רעדען מיט מארטשינ׳ען, — האָט דער געלער ווייטער געזאָגט.

— נישטאָ וואָס צו רעדען, — האָט משה׳לע וואוילעריש געענטפערט. — פאַר אַ יאָהרען האָב איך מיט זאַנוויל׳ען כמעט קיין איין כלה נישט דורכגעלאָזט! דעם טאָג, ווען מען וועט פיהרען די כלה אין מקוה אריין, וועלען מיר אריין צו מארטשינ׳ען, איהם געבען אַ פלעשעל פערציגער און זיין ווייב וועט אונז ארויפלאָזען וואו דער קעסעל שטעהט. נור דאָרט, חברה, מוז מען זיך היטען! איין איבעריגען דרעה און דו ליעגסט מיט די קאָפּיטעס אין אַ קעסעל אוקראָפּ.

— ס׳וועט זיך באַטש לוינען? — האָט דער געלער געפרעגט און זיך בעלעקט.

— וואָרט, וואָרט, וועסט זיך ערשט אָנהויבען צו בעלעקען, — האָט משה׳לע געענטפערט מיט אַ געלכטער, אַ ווינק געטהאָן מיט׳ן אויג און געוויעזען מיט׳ן פינגער אויף זאַנוויל׳ען — דאָס איז אַ מאָל געוועזען ז י י נ ע, פלעגט זיך מיט איהר ארומשלעפּען גאַנצע נעכט.

זאַנוויל האָט פערשטאַנען, אַז משה׳לע רעדט פון איהם און איז בלאַס געוואָרען. ער האָט געכאַפּט דעם קופעל ביער און אַ גאָס געטהאָן משה׳לען אין פּנים אריין.

— ס׳איז אפשר אַ ליגען? — איז משה׳לע צו צו זאַנוויל׳ען מיט פערקוועטשטע פויסטען.

מאַנקע, וועלכע איז שוין מעהר נישט געשלאָפען, האָט זיך אוועק־

געשטעלט צווישען משה'לען און זאנוויל'ען און געוואָלט מאכען שלום. זי האָט אָנגעכאַפּט משה'לען פאר דער האנד און איהם אוועקגעשלעפּט:

— יענער מאכט אַ שפּאַס און דו צינדסט זיך אָן!

משה'לע האָט זיך געריסען מיט קולות פון מאנקע'ן און אַלץ גע־שטאַנען אויפ'ן זעלבען פּלאַץ.

— לאָז מיך אָפּ! וואָס מיר שפּאַס! וואָס מיינט ער, וואָס? ווער שרעקט זיך פאר'ן? כ'האָב חוטא בעגל געוועזען פאר'ן פריץ! געזאָגט, אז ער האָט זיך ארומגעשלעפּט מיט נתן'ס טאָכטער! ס'איז אפשר א ליגען?

זאנוויל איז האסטיג אויפגעשפּרונגען, אוועקגעשליידערט מאנקע'ן, זיך ארויפגעוואָרפען אויף משה'לען און באַלד זיינען זיי ביידע געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע, זיך געקאַטשעט ווי צוויי גרויסע קודלאַטע הינד, ארויסלאָזענדיג מאָדנע קולות, אריין איינער דעם צווייטען אין די אויגען, אין די האָר. א צורייצטער איז זאנוויל אויפגעשפּרונגען, א שפּיי געטהאָן משה'לען אין פּנים אריין, וועלכעס איז געוועזען פערלאָפען און בעגאָ־סען מיט בלוט און איז ארוים אויף דער גאַס.

עס איז געוועזען פינסטער און פראָסטיג.

זאנוויל האָט געשפּאַנט איבער'ן שאָסע, וואו די שענק איז גע־שטאַנען, געקוועטשט די פויסטען און גערעדט צו זיך אליין:

— ס'מוז נעהמען א סוף! ס'מוז! ווייטער אזוי לעבען קאָן איך נישט!

זאנוויל האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון האַלבען־פּעלצעל, אריינגעמאכט די הענד אין די בוזים־קעשענעס און געוואָלט עפּעס טראַכ־טען. וואָס ער האָט ניט געטראַכט, זיינען באַלד אָנגעשפּרונגען טויזענד אנדערע זאכען, מעשיות און קליינינקייטען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג פערגעסען, און האָבען איהם צומישט.

— און וואָס וויל גראַדול פון מיר? — האָט זאנוויל גענומען טראַכטען.

און אָט איז ער אין א געדיכטען וואַלד — — —
ער זיצט אויף א גרויסען פּיען.

ארום ברענען גרויסע פייערן, ס׳בראָטען זיך גאַנצע זייטלעך קאַלב־פלייש, ס׳שטעהען באַרעלקעס מיט בראַנפען, טונדלעך ביער.

זיין „חברה" ליגען אויפ׳ן גראָז, טרינקען, עסען און לאַכען. ארום זיי פּאַשען זיך דאָנסקע פערד מיט לאַנגע עקען, אַלע געזאָטעלט.

ביילע מיט רחל׳ען זיצען נעבען איהם.

פּלוצלונג דערהערט זיך פון דערווייטענס אַ טראָמביע.

שנעל וואַרפען זיך אַלע אויף די פערד, כאַפּען די ביקסען, שטעלען זיי אַן גרייט צום שיסען.

ס׳בעווייזען זיך מחנות מענשען אויף הויכע, ווייסע פערד, מיט שוואַרצע פלעקען אויף די בייכער.

פון פאָרענט רייט אויף אַ שוואַרץ פערד אַ מענש בלויז פון ביינער אָהן פלייש. ער רייט אָהן אַ צוים, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אין האַנד האָט ער אַ לאַנגע שפּיעז.

זאַנוויל ציטערט.

דער ביינערדיגער מענש שפּרינגט אַראָפּ פון פערד, צולאַכט זיך ווילד און טהוט אַ מאַך צו זאַנוויל׳ען מיט זיינע קנאָכען:

— העי, דו וואוילער יונג, קום אהער! מיר וועלען זיך אָפּרעכענען!

זאַנוויל טהוט אַ טרייסעל מיט׳ן קאָפּ, שפּרינגט אַרונטער און נעהמט זיך באָרען מיט׳ן טויטען.

ער שפּירט ווי דער סקעלעט מאַכט איהם לעבער אין דער ברוסט מיט זיין דאַרע גאָמבע.

זאַנוויל׳ס קלעפּ טרעפען בלויז אין דער לופט. וואָס זאַנוויל פערמעסט זיך, טרעפט ער ניט — די ביינער צושפּרייטען זיך ביים סקעלעט און זיין פויסט טרעפט אַ הוילען פּלאַץ.

און אַ ווילד געלעכטער טראָגט זיך אין וואַלד. — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זאַנוויל האָט אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערען און געשפּאַנט ווייטער. ער איז געגאַנגען און געציטערט, אַז גראַדול זאָל איהם ערשט נישט אַנטקעגען קומען. ער האָט געוואוסט, אַז גראַדול איז גאַנצע נעכט נישט אין קבר, שלעפּט זיך ארום איבער דער שטאָדט, שרעקט איבער

מענשען. און די מאַמע אַליין איז שיער נישט געשטאָרבען פון שרעק: זי איז פאַרטאָג געגאַנגען אַריינגעהמען אַ קובעל וואַסער, זי קוקט זיך אַרום, זי שטעהט ביז איבער׳ן גאַרטעל אין שנעע; ס׳איז גאָר קיין ברונען נישטאָ. און מיט אַ מאָל שפּרינגט אַרויס ווי פון דר׳ערד אַ ציעג אין תכריכים און לאַכט.

זאַנוויל האָט געפיהלט קאַלטע דרעשטשעס איבער׳ן גאַנצען לייב. ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאַהנט אָן ביילע׳ן. ער האָט געוואוסט, אַז ביילע ריכט זיך יעדען טאָג אין קינדבעט אַריין, ליעגט גאַנצע נעכט אַליין און וויינט, און ס׳האָט איהם פערקלעמט ביים האַרצען.

— אַ כאָליערא! — האָט זאַנוויל מיט זיך גע׳טענה׳ט, — כ׳בין נישט מעהר ווי אַ „פּסו־בראַט", אַ הינטיש לעבער! זיך פערדרעהט אַ קאָפּ מיט נתן׳ס טעכטעריל! זי וועט נאָך ביי מיר אין פּלאַכטעס אוועק פון אונטער דער חופּה. ווי איך בין אַ איד! גלייך ווי כ׳קום נור אַהיים, נעהם איך וואוינען מיט ביילע׳ן! אַלע אויף צו להכעיס!

זאַנוויל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עס האָבען זיך געצויגען אין דער וועלט אַריין ווייס־זילבערנע פעל־דער. דאָס ווייסקייט האָט געבלענדט די אויגען, זיך געשפּיגעלט אין טיעפען, פיאָלעט־שטוהלענעם הימעל.

זאַנוויל׳ען האָט זיך געדאַכט, אַז די ווייסע שנעע־פעלדער הויבען זיך, וואַקסען העכער און העכער, גלייכען זיך אויס מיט׳ן וואַלד, וואָס אַנטקעגען איהם, האָט ער נאָך לייכטער אָפּגעאָטהעמט, זיך דערפיהלט היימיש צווישען די לאַנגע, טיעפע פעלדער. ער איז פרעהליכער גע־וואָרען און אויסגעשריען — עה, ברעכען דאַרט אַלע נקבות דעם קאָפּ! ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער לאָנקע, וואו דער שנעע איז געוועזען טיעפער און זיך אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז. אַזוי איז ער געלעגען עטליכע מינוט און געקוקט גלייך אין קאַלטען פיאָלעטאָווען הימעל.

נאָכדעם איז ער אויפגעשפּרונגען, בעטראַכט דעם שנעע־מענש, וואָס זיין קערפּער האָט אויסגעפּרעסט, און זיך צולאַכט.

אָן עכאָ ווי פון מעטאַל האָט הילכיג אָפּגעקלונגען. ער האָט צור־שפּרייט די הענד, זיך אויסגעצויגען אין דער לופט, אַ קרעכץ געטהאָן,

און די הענד האבן גענומען הילכיג קלאפען אין זיינע פלייצעס ווי אין א באראבאן.

זאנוויל האט זיך ארומגעקוקט, זיך דערמאהנט, אז ער האט צוגע־זאגט דעם פאטער זיך אריבערצוכאפען נאך „שירלאווקע" און בשעת מעשה געוואהר צו ווערען וואס עס הערט זיך ביים עקאנאם אין שטאל. ער האט אראפגערוקט דאס היטעל איבער די אויערען, ארייננגעשטעקט די הענד אין די בוזעם־קעשענעס און ווייטער געשפאנט.

— פאר א ליטישען גנב — האט זאנוויל געטראכט — איז ארויס־פיהרען פערד גאר קיין געשעפט נישט! וואס הייסט? יעדער יונג מיט א ביסעל מארך אין קאפ קאן עס טהאן. ביי נאכט, ווען קיינער איז ניטא אין שטאל, געהט מען צו, מען עפענט א ברעט און מען פיהרט ארויס א פערד. נו, סאר'ע תורה איז עס?! א־א, ארייננגעהן אין א שטוב, וואו מענשען שלאפען, אויפהאקען א קאסע, ארויסנעהמען א „זשמעניע" מיט געלד, פערשטעה איך נאך! אבער פערד? דאס איז אן עסק פאר'ן „אלטען".

זאנוויל האט בעמערקט ביים צלם א פרוי. ער איז צוגעקומען נעהנטער און דערקענט די משוגענע באשע.

זי האט געטראגען א קאפטען אנגעשטופט מיט פעדערען, א שטרויע־נעם קאפעליוש מימ בלומען אויפ'ן קאפ און שטיל געזונגען.

— באשע, וואס טהוסטו דא? — האט זי זאנוויל געפרעגט.

באשע האט געעפענט דאס מויל, ס'האבן זיך בעוויעזען צוויי שורות פעריל, און זי האט זיך אידיאטיש צולאכט.

— כ'זוך מיין חתן, — האט זי געענטפערט מיט א פערשטיקט געלעכטער. — ער האט מיר געשריעבען, אז ער וועט קומען נא־שפיץ אין פיער פערד מיט א קאטש. דאס געה איך איהם אפוואַרטען, כע, כע!

זאנוויל האט זיך צולאכט און איהר א קלאפ געטהאן אין פלייצע.

באשע האט אויסגעשאסען מיט א ווילד געלעכטער.

— ווער האט דיר אנגעשטופט דעם קאפטען מיט פעדערען? — האט זאנוויל געפרעגט.

— וו'הייסט ווער?! מיין חתן האָט מיר דעם קאַפּטען פון דאַנציג געשיקט!

זי האָט אויפגעקנעפּעלט דעם קאַפּטען, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיע־רענע פאָטאָגראַפיע, אויסגעשניטען פון אַ ביכעל:

— נאַ, זעה! דאָס איז מיין חתן! אַ שעהנער? כאַ, כאַ, כאַ!...

אונטער'ן קאַפּטען האָט די משוגענע באַשע גאָר נישט געטראָגען.

אַ מילך־ווייס ליבּ האָט אָפּגעקוקט.

זאַנוויל האָט אַ ציטער געטהאָן, אויסגעשפּיגען און איז אַוועק.

אָפּגעהענדיג עטליכע טריט, האָט ער ווידער דערהערט ווי די משוגענע זינגט. ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטעל נאָך טיעפער איבער די אויערען און זיך אומגעקעהרט.

באַשע איז געשטאַנען, געקוקט אויף זאַנוויל'ען און געלאַכט.

זאַנוויל האָט זיך געוואָרפען ווי אין אַ פיבער.

— באַשע, וויִז מיר נאָך אַ מאָל דיין חתן!

— איִאַ אַ שעהנער? כע, כע, כע...

זי האָט צוקנעפּעלט דעם קאַפּטען.

אַ מילך־ווייס ליבּ. ער האָט ווידער דערפיהלט דעם פריהערדיגען עקעל, נאָך האַסטיגער אַ שפּיי געטהאָן און איז אַוועק.

די משוגענע איז איהם נאָכגעלאָפען:

— מיין חתן! מיין חתן! מיין חתן!...

זאַנוויל האָט פערקריצט מיט די צייהן. ס'בּלוט האָט זיך אין איהם אויפגעקאָכט. ער האָט זיך אויסגעדרעהט, זיך פערמאָסטען מיט דעם פויסט באַשע'ן אין הארץ אריין און זי איז ווי אַ גולם אַ פאַל געטהאָן אין שנעע אריין.

ער איז געלאָפען גיכער, פעסטער.

הינטער זיך האָט ער געהערט אַ ווילד געוויין, אַ שווידערליך רעווען, אַז ס'בּלוט האָט אין איהם גענומען גליווערען.

— מיין חתן! מיין חתן! — האָט געקלונגען אַזוי ווילד און אָבּ־געהילכט צווישען די ווייסע, ברייטע פעלדער.

## 21.

נאַכט. אַ גרויסע שטוב.

שלמה „קראַדניק" האָט אַרויסגענומען פון קופערט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער, אַריינגעלעגט אין זעקעל עטליכע פּאָר שטיוועל, געוואָרפען אַ בליק צום וואַנד־זייגער מיט וואָגעס:

— הם! צוועלף. נאָך אַ גאַנצע שעה.

אין בעט אונטער אַ פּערינע איז געלעגען תרצה און געכראָפּעט מיט משונה'דיגע קולות.

— זיך צופּייפט מיט'ן שופר! — האָט „קראַדניק" אַ בורטשע געטהאָן און אויסגעשפּיגען.

ער האָט בעטראַכט זיין טאָכטער שרה, וואָס איז געשלאָפען אין אַ שלאָף־באַנק מיט'ן רעכטען אויג אָפען, און האָט אָבגעזיפצט:

— ביי לייטען איז דאָס שוין אַ מאַמע!

שלמה האָט געפיהלט, אַז ער איז שולדיג, וואָס שרה איז נאָך אַ מויד. ער האָט שוין געקענט זיין אַ זיידע פון אַ האַלב טוץ אייניקלעך.

— געוועען בעסערע צייטען. מען האָט געמאַכט דעם רובעל לייכטער ווי היינט. שדכנים האָבען די טיהרען אָבגעקלאַפּט, יונגען פלעגען זיך אַליין שדכנ'ען, פערבאַפּט ווערען פאַר שרה'ן. און איצט?

דער גאַנער מיט די שוואַרצע פלעקען, וואָס איז געשלאָפען אונטער'ן אויוועז, האָט זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט אין זיין שטייג, זיך אויסגעצויגען אויף זיינע דינע פיסלעך און גענומען קלאַפּען מיט די פליגלען. דער גאַנער האָט אַ כאַפּ געטהאָן מיט'ן שנאָבעל עטליכע האָבערס, איינגעטיקט דעם קאָפּ אין אַ שיסעל מיט וואַסער, אויסגעצויגען דעם האַלז, פערגלייזט די אויגען און אַראָפּגעשלונגען.

— יאָ, — האָט שלמה געטראַכט, — אויב ס'עסק וועט זיך מיר,

אם ירצה השם, איינגעבען, איז ס'ערשטע אַ נדן פאַר שרה'ן! אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ! מישטיינס געזאָגט, וואָס וועט זי אויסזיצען?

שלמה האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פּענכער מיט טאַבאַק, אויס־געוויקעלט אַ פּאַפּיראָס, געעפענט דאָס טיהרעל פון קיך, אַרויסגעשאַרט אַ גליהענדע קויל און פערדרויכערט. ער האָט אַרויסגעלאָזען עטליכע גע־דיכטע קנוילען רויך און געוואָרפען אַ בליק צום פענסטער.

די דונקעלע ווענד, איינגעהילט אין שאָטענס, האָבען געוואָרפען אויף „קראַדניק'ען" אַ מרה־שחורה.

אין דרויסען האָט זיך צופייפט אַ ווינד.
שלמה האָט אַ ציטער געטהאָן: אַ קרירה!

ער האָט זיך געשטעלט מיט די פּלייצע צום וואַרעמען קאַכעל־אויווען און זיך ווידער פערטראַכט:

אויפ'ן שאָסטע וואָס פיהרט צום וועלדעל, שפּאַנט יעצט זיין זאַנוויל. אויב אַלעס וועט זיין ביים גלייכען, וועלען זיי דורכשניידען דאָס וועלדעל, שטיל אַרויספיהרען די צוויי קאָבילעס, זיי צופיהרען צום בערגעל און דער־נאָך — וויאָ צו משה „קוניארזש". אַזאַ שטיקעל אַרבייט וועט אַריינברענ־גען איבער צוויי הונדערט קערבלעך. דער געדאַנק אַליין מאַכט שלומה'ן פרעהליכער.

— בלי נדר — האָט שלומה צו זיך געזאָגט — אַז כ'קריג נאָר אם ירצה השם, די פּאַר גראָשען, איז ראשית — אַ חופּה מיט שרה'ן!

מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים האָט ער זיך צוגענעצט און טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין זיינע גרויע אויגען. ער האָט אַרויסגענומען פון דער כאַליעווע אַ פלאַטשיג פלעשעל מיט שנאַפּס, געטהאָן אַ צוויי ־דריי זופּ. ער האָט איינגעקאַרטשעט דאָס פּנים, געעפענט דאָס שפּייז־שענקעל און פערביסען מיט אַ שטיקעל דאַרען קעז.

פון גאַס האָט זיך געטראָגען אַ לאַנגער פייף פון אַ נאַכט־וועכטער, באַלד נאָכדעם — אַ וואָיען פון אַ היימלאָזען הונד.
שלמה האָט געוואָרפען אַ בליק צום פענסטער:

— המ', דער פּראָסט פּאַקט זיך שוין! ער האָט זיך דאָס צולעגט אויף די שויבען!

ער האָט ארויסגענומען עטליכע ציגעל טאָרף, געעפּענט אַ פּייערקע, זיי אריינגעשטופּט, זיך ווידער געשטעלט צום אויוועו און זיך פערטראַכט:

— און טאָמער כאַפּט מען זיי? — איז שלומה'ן דורך אַ געדאַנק, און זיין דאַרער, אַלטער קערפּער האָט געציטערט.

— ווי לאַנג איז, ווי מען האָט איהם געכאַפּט מיט דעם „וואויט'ס" שקאַפּעס?! — ער פּיהלט נאָך יעצט ווי עס רעגענט מיט שטעקענס, עס שניידט דאָס לייב, די הויט פּלאַצט און בלוט רינט. זיי האָבען איהם אזוי צוקיילט, אַז ער איז אוועקגעלעגען אַ חודש צו בעט.

פון דעמאָלט אָן האָט שלומה אַלס גענומען טראַכטען זיך צו נעהמען צו אַן אַנדער פּרנסה און יעדעס מאָל ווען עס מאַכט זיך אַ פריש גנבה'לע, טענה'ט ער אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל.

— אַ הינטיש לעבען — האָט שלומה געקלעהרט — אָבגעלעבט שוין איבער פופציג יאָהר, און וואָס? שרעק און שרעק! און געלד? קדחת!

שלומה האָט גענומען זיין שיטער בערדעל, עס געשטעלט פּערפּענדי־קולאַר צו דער גאָמבע און בעמערקט עטליכע גרויע האָר:

— המ', אַ „פּאָוויעסטקע" — דאָס רופט מען שוין אויף יענער וועלט!

שלומה האָט זיך דערמאָנט ווי איינמאָל, אַ שבת נאָכמיטאָג, איז ער געזעסען אין אַלטען בית־המדרש און געהערט ווי אַ ליטווישער מגיד האָט געמאָהלט יענע וועלט, דאָס גן־עדן, דאָס גיהנום, ווי באַלד נאָכ'ן טויט קומט דער מלאך „הדומה", קלאַפּט דריי מאָל אָן אין קבר, פרעגט דעם נאָמען. אויב ס'איז אַ צדיק ענטפערט ער באַלד, אַ זינדיגער פערגעסט און ווערט נע־ונד...

שלומה'ן דאַכט זיך ער איז טוידט. דער מלאך „הדומה", עפּעס אַ הויכער, ביינינגער איד מיט לאַנגע ברעמען, פונקט ווי שמחה גרעבער, פרעגט איהם דעם נאָמען און ער — פערגעסען...

שלומה האָט געפיהלט ווי עס ווערט איהם קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרץ, האָט זיך אַ שטאַרקען שיבער געטהאָן מיט די פּלייצעס אָן אויוועו און זיך גענומען קראַצען דעם קאָפּ.

ער האָט מיט אַמאָל דערפֿיהלט אַ שטאַרקע שנאה צו משה „קוניארזש". מיט אַ דרייסיג יאָהר צוריק האָבען זיי צוזאַמען גע'גנב'עט פֿערד און אויסגעלאָזט האָט זיך: שלומה איז דער גנב און משה — דער סוחר. משה איז היינט אַ שעהנער איד, גבאי אין אַלטען בית המדרש, גע־פֿיהרט פֿאַריאָהרען אַ ספר אין שוהל אריין, גיט די טעכטער צו צוויי טויזענד קערבלעך נדן, נעהמט זיך איידעמס אויף קעסט. און ער? שלאָפֿט קיין נעכט נישט, קלעהרט אַלס רייכער צו מאַכען משה'ן.

שלומה זעהט ווי משה שלאָפֿט יעצט ביי זיך אין אַ „וויענער" בעט מיט געשניצטע מצבות. די לאַנגע, ברייטע באָרד צושפּרייט אויף זיין פֿעטע ברוסט, דער „קאָלדען" הויבט זיך אויף און אָב, און עס חלום'ט זיך איהם געווים ווי מען קלויבט איהם אויס דאָזער אין שטאָדט... און ער — שלמה — אַ דאַרער, אַלטער, זיצט יעצט נאָך האַלבע נאַכט און גרייט זיך גנב'ענען אַ פּאָר פֿערד, פֿאַר וועלכע ער וועט קריגען העלפֿט און משה העלפֿט. און ווער ווייסט צו מען וועט איהם נישט כאַפּען? — — —

שלומה האָט אַ טעמפּען זיפֿץ געטהאָן און געקוקט אויפ'ן זייגער:

— נו, צייט זיך ארויסצושאַרען!

ער האָט זיך אָנגעטהאָן אַ וואַרעמע מאַרנאַרקע, זיך ארומגעגאַרטעלט מיט אַ גרינעם גאַרטעל, אריינגעשטופּט אין גאַרטעל אַ פּאָר וואָלענע הענטשקעס מיט איין פֿינגער, ארויפֿגעצויגען די לאַנגע קאָליאַוועס, אראָב־געדרעהט דאָס לעמפּעל און איז ארוים.

הינטער'ן שטאָדט נעבען וועלדעל האָט שלמה „קראַדניק" אראָבגע־נומען דאָס זעקעל פֿון די פּלייצעס און זיך אָבגעשטעלט.

שלומה האָט אויסגעצויגען זיין לאַנגען, דאַרען האַלז, אויסגעגלאָצט זיינע גרויע אויגען און ווי אַן אַלטער הונגעריגער וואָלף זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. ער האָט אריינגעלעגט צוויי פֿינגער אין מויל און אַ פּייף האָט זיך דורכגעשניטען.

פֿון דער צווייטער זייט וועלדעל האָט מען געענטפֿערט מיט אַ פּייף.

— אַ כוואַט אַ יונג! — האָט שלומה געטראַכט — ווען ער וואָלט נור נישט געווען אַזוי ווילד און זיך געלאָזט רעדען פֿון אַ טאַטען, האָ, דעמאָלט בין איך אַ פֿערזאָרגטער אויף דער עלטער! אַ יונג געהט, ווערט

פריש, געזונד און משוגע און ליעבט זיך איין אין גראַדול׳ס אלמנה. מען זאָגט עפּעס אַן אשה, ס׳זאָל זיין וואָס אָנצוקוקען — — — נו, מילא, אַ יונג! דער יצר הרע שטופּט — — — אָבער ווייס איך וואָס? אַ יונג אַ גבר נעהמט און פערליעבט זיך אין אַזאַ קליין, שוואַרץ ווייבעלע! זי האָט נאָך קיין חליצה נישט גענומען און בשעת־מעשה זיך „פעריאַטעלט" מיט זאַנוויל׳ען. און איצט די שטאָדט? כ׳בין דאָך שוין באַלד אַ האַלב יאָהר אין בית־המדרש נישט געווען, כ׳בעגראָב זיך דאָך פאַר חרפּה!

זאַנוויל האָט זיך בעוויזען פון וואַלד און אויסגעשריען:

— טאַטע, קום, ס׳איז שפּעט!

שלומה האָט געכאַפּט דאָס זעקעל און זיך אונטערגעאיילט.

— וואָס הערט זיך מכח די פערד? —האָט שלמה געפרעגט.

— וואָס זאָל זיך הערען? — זיי שלאָפען אין שטאַל.

שלומה מיט זאַנוויל׳ען האָבען געשפּאַנט אַלס פעסטער און פעסטער און געשוויגען.

זיי האָבען אויסגעזעהן ווי צוויי וועלף, וועלכע דער הונגער טרייבט ארויס פון וואַלד אויפ׳ן ברייטען שאָסע.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטען אין איין טאַפּען פאַר׳ן בוזעם צו דער רעוואָלווער ליגט און גערעדט צו זיך אַליין:

— בולאַן, גניאַדע, קאַשטאַן, שפּאַק, כאַלעריע, משה קוניאַרזש... — פיעל מאָל האָט ער אָנגעכאַפּט זאַנוויל׳ען פאַר׳ן אַרבעל:

— שטעה, מען געהט!

זאַנוויל האָט זיך אָבגעשטעלט, געעפענט ברייטער די אויגען, אויפגעשטעלט די אויערן, זיך אַרומגעקוקט, קיינעם נישט געזעהן, האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן — דער „אַלטער" האָט זיך שוין אויסגעוועפּט — און געשפּאַנט ווייטער.

שלומה האָט דערפיהלט אַ דורכדרינגענדע קעלט אין זיינע אַלטע ביינער און ער האָט זיך דערמאָנט ווי זיין תרצה ליגט יעצט אונטער זיין וואַרימע פערענע און כראָפּעט.

— אַ הינטיש לעבען — האָט ער ווידער געטראַכט — ס׳וואָלט שוין צייט געווען זיך צוריקצוציהען פון דער שעהנער פּרנסה.

עס האָט זיך געהערט אַ וואָיען פון אַ הונד.

— אוי, די הינד — האָט שלמה געזאָגט — אַ מיתה משונה אויף זיי! צו וואָס האָט זיי נאָך גאָט בעשאַפען?!

פון בערגעל האָבען זיך געזעהן עטליכע צוואָרפענע הייזלעך. ארום איז געווען שטיל.

זאַנוויל האָט גענומען דאָס זעקעל מיט די שטיוועל און געגאַנגען אין דאָרף אריין.

אַ שוואַרצער קודלאַטער הונד איז אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ בילעריי. זאַנוויל האָט זיך צוריקגעצויגען, דער הונד נאָך איהם. באַלד האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן הונד, געכאַפּט איהם מיט זיינע קלעשטשעס ביים גערדיק און גענומען שטיקען. דער הונד האָט זיך נישט לאַנג געאַמפּערט, פערגלייזעלט די אויגען, אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע רויט־שפּיציגע צונג און געבליבען אָהנמעכטיג אין זאַנוויל'ס הענד.

זאַנוויל האָט זיך אויסגעגלייכט, בעטראַכט דעם אויסגעצויגענעם הונד מיט דער אַרויסגעשטעקטער צונג, אַ שפּיי געטהאָן דורך די צייהן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט: דער „אַלטער" איז נישט געוועזען.

אונטער'ן בערגעל איז געשטאַנען שלומה, געקלאַפּט אַ יאַסלע אָן אַ יאַסלע פּאַר שרעק. ער האָט נישט געקאָנט זעהן ווי זאַנוויל דערשטיקט דעם הונד און ער איז אַוועק אונטער'ן בערגעל.

זאַנוויל האָט געכאַפּט דאָס זעקעל און מיט דער שנעלקייט פון אַ יונגען ציגיינער האָט ער לייכט אַראָבגענומען די טהיר פון די זאַוויאַסעס.

אַ וואַרעמע פּאַרע האָט איהם געשלאָגען אין געזיכט אריין. ער האָט אַרויסגענומען בראָנפען, אָנגע'שכור'ט די פערד, אָנגעטהאָן זיי שטיוועל און זיי לייכט אַרויסגעפיהרט פון שטאַל.

אונטער'ן בערגעל האָט שלומה אריינגעלעגט די שטיוועל אין אַ זעקעל, פערשנורעוועט אויף דער פּלייצע.

זיי האָבען זיך אויפגעזעצט אויף די פערד און אַוועק אין דער ווייסער נאַכט אריין.

1912, בראָנקס, ניו יאָרק.

# נאָטיצען

## שעהנע גראַביונגעריי און מיאוס׳ע גראַביונגעריי

גראַביונגעריי, טראַכט איך און דערמאָן זיך: איך פֿאָהר אַרויס פון מיין שטעדטיל מיט משה דעם בעל עגלה. עס איז פֿאַרנאַכט, ברייטע פעלדער, ווי גרויסע פיערעקיגע שטיקער אָנגענעהט איינע אָן צווייטע, שפּרייטען זיך איבער דער פֿאַרנאַכטיגער בלויקייט און שמעקען מיט פּויכטקייט, מיט ברויט און מיט גאָרטען און אַ פֿאַרנאַכטיגע זון שווימט אין דער בלויקייט אַ גרויסע, אַ גאָלדענע. איך קוק אויף די ברייטע פעלדער, אויף דעם נעבעל, וואָס נעהמט זיך הייבען און שפּרייטען איבער זיי. איך דערפיהל ווי עפּעס אַ מין רויער שווערער בויגקען זעצט זיך מיר אָן אויף מיינע אַקסלען. איך קוק זיך אום אויפ׳ן שוואַרצען וועג וואָס ציהט זיך ווייט צווישען די גרינע פעלדער. משה, דאַכט זיך, טרייבט די פערדלאַך ביז אַט יענעם צייכען און דאָרט וועט ער זיי אַ דרעה טהון אין אַ זייט אויף יענעם פעלד און גלייך צו דער זון.

אָבער אַט דרעהט זיך משה אוים צו מיר:

— אַך אין דער וועלט׳ס טאַטען אַריין! ס׳אַראַ חיות זיך אויסציהען אויפ׳ן פעלד און טאַקע אַזוי איבערשלאָפען די נאַכט. און זאָלען זיך די פערדלאַך אויך פּאַשען!

איך פֿאַרגיעב משה׳ן זיין קללה צו דעם טאַטען פון דער וועלט, ווייל זיינע ברייטע שטאַרקע פּלייצעס און זיין גוטער אָפּענער פּנים דערצעהלען, אַז ער האָט גאָר קיין שלעכטס ניט געמיינט, און איך פרעג:

— וואָס זשע, רב משה, איהר האָט ליעב דעם טומאַן?

— וואָס רעדסטו? — ענטפערט ער מיט אַ אונגעלשער פרייד — דאָס צוגעהט זיך דאָך איבער אַלע אברים, ווי האָניק — — — און ער ווערט אויף אַ ווײַלע פערגאַפט ניט געפינענדיג וואָס עפּעס אַזוינס זאָגען און העבט פּלוצלינג אָן — איך צאָהל דאָך אַ שקל און אַז גאָט וועט מיר העלפען, וועל איך אם ירצה ה׳ צאָהלען נאָך אײנעם — — — איהר זאָלט דאָס געוועזען הערען פון דעם בעל דרשן, ווי ער האָט גערעדט פון ציון, ווי ער האָט דאָס געזאָגט: — —

און דער געזונטער שטאַרקער משה ווערט דאָס מיט אַמאָל רויט און דער־

ענדיגט ניט, האָט זיך, ווייזט אויס, פערשעהמט פאַר די געפליגעלטע ווערטער, און ער כאַפּט זיך אָן פאַר די לייצעס, ווי פאַר אַ רעטונג:

— וויאַ רעביאַטאַ, וויאָ!

די פערדלאך נעהמען זיך טראָגען פרעהליכער. און ווי מיר געפעלען די פעלדער, די זון און דער בריימער, ווייטער וועג, אַזוי הויבט מיר אויך אָן געפעלען מיין בעל עגלה — משה.

---

גראָבּיונגעריי, טראַכט איך, וואָס איז דאָס אַזוינס? — אַ גראָבער יונג איז דער, וואָס צועפּענט דאָס מויל אויף עפּעס צו זאָגען, און עס לאָזט זיך אַרויס, אַז אַלעס וואָס ער האָט געקאָנט איז ניט מעהר ווי צו עפענען דאָס מויל. און איך טראַכט: —אויב אַ גראָבער יונג צועפנעט דאָס מויל און דערפיהלט גלייך אויף'ן שטעל זיין גראָביונגעריי, און ער בלייבט שטיל, און דערצו נאָך פערשעהמט ער זיך און ווערט רויט — דאַן איז דאָס כאָטש אַ געזונטער, עהרליכער מענש. אויב אָבער איינער וואָס האָט ניט וואָס צו זאָגען, און קאָן ניט זאָגען, און איז אויך ניט פעהיג דאָס צו פיהלען, און ער צועפענט זיין מויל און ער רעדט און רעדט, דאַן איז דאָס אָדער אַ מאַניאַק, אָדער ניט קיין עהרליכער מענש — און ווען מיר קומט אויס צו הערען זיין גראָביונגעריי קריג איך אַ געפיהל, ווי עפּעס מיאוס'עס, עקעלדיגעס וואָלט זיך אָן מיר אָנגעטשעפּעט.

---

„מיאוס'ע גראָביונגעריי" — טראַכט איך, און דערמאָן זיך: „דער מאָדערנער פּראָמעטעוס" (אַ קריטישער איבערבליק איבער „אייזיק שעפּטעל" — מאַי נומער „צוקונפט", 1908). פון אָנפאַנג האָב איך זיך אַביסעל דערשראָקען, ווייל איך האָב געמיינט, אַז דאָס קעפּעל: „דער מאָדערנער פּראָמעטעוס" אויף אַ דראַמאַ וואָס הייסט „אייזיק שעפּטעל" איז געווים אַ קלאָהרע אָנדייטונג פון'ם קריטיקער, אַז ער פערנעמט זיך דאָס אָפּצולאַכען פון'ם ווערק אויף אַ קונציג-חכמה'דיגען אופן, און עס פערדריסט מיך, ווייל איך וויים אַז ניין און נייַנציג פּראָצענט פון די וואָס שרייבען ביי אונז קריטיק, צייכענען זיך אוים מיט זייער אונענדליכע טפּשות, און ווען אַ נאַר נעהמט זיך חכמה'ענען, איז דאַן, כאָטש שריי גוואַלד! באַלד אָבער איבערצייג איך זיך, אַז דער יונגערמאַן מיינט דאָס פערדאַמט ערענסט, און ניט נאַר דאָס, ער מיינט אַפילו ערענסט ווען ער ערקלערט אויך זיין „שטאַנדפּונקט", אַז „די בעלעטריסטען און דראַמאַטורגען קאָנען איינגעטהיילט ווערען אין צוויי מינים: אויף שרייבער-ערצעהלער

און שרייבער קינסטלער," און אַז די גרעסטע טייל פון די בעלעטריסטען און דראַמאַטורגען פון יעדען לאַנד, זענען — „שרייבער ערצעהלער" און אַז די שרייבער ערצעהלער ווערען נאַטירליך (!) איינגעטיילט אויף בעגאַבטע, טאַלאַנטפולע, און (———) טאַלאַנטלאָזע" און, אַז „אַמאָל האָבען קאַפּערניקוס (!) גאַלילעוס (!) שפּינאָזא (!) געליטען" און אַז. וו. און אַז. וו. און ווען דעם קריטיקער'ס געפיהלען שטייגען מיט אַמאָל אַזוי, אַז זיין גרויס האַרץ ווערט קליין פאַר זיי, ווענדט ער זיך גאָר דירעקט צום לעזער:

„און לעזער, עפענט ניט דיעזע סצענע אויף פאַר אייערע אויגען אַ בילד מיט פערשיעדענע פאַרבען? הערט איהר ניט אַ מענשליך האַרץ געטאַטשעט און גענאַגט פון וואָרעם, קעמפענדיג מיט עטוואָס אונזיכטבאַרעס, וועלכעס מען רופט נשמה? (!) זעהט איהר ניט, ווי די איינציגע טראָפּענס הייסע (!) בלוט ווערען פערגליווערט אין לעגען זיך ווי אַ שווערע משא אויף דער ברוסט, אויף די נערוועז, אויף'ן מח?" (!!)

איך לייען, איך קנייטש מיט די אַקסלען, נאָר פונדעסטוועגען, טראַכט איך, אַזוי ווי דער יונגערמאַן מיינט דאָך דורכויס צו זאָגען גוטס אויף אַ אידישען בוך, איז פון אַ גוטען נאָר פאָרט בעסער צו ליידען ווי פון אַ שלעכטען.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער ווען דער אייגענער „קריטיקער" נעהמט זיך צו די יונגע. ערשטענס ווייסט ער, אַז זיי זיינען אַלע „בעזגראַמאַטניקעס" און ער קלאָגט זיך נעבאַך אויף דעם וואָס אַט די „בעזגראַמאַטניקעס" ווערען אַריינגעפיהרט אין דער ליטעראַטור, אין רוסלאַנד דורך פּרץ'ן און ביי אונז אין אַמעריקאַ דורך ענטינגען (וואָס ענטין האָט דאָס ביי אונז אויסצושטעהן פאַר זיין פריינדליכער האַלטונג צו די יונגע). צווייטענס, אַט נאָט אייך: — „פּראָטאָקאָלען וועגען דער אידישער ליטעראַטור". איך ווער אַ פּערציטערטער, ווייל עפּעס אַ קלייניגקייט — „פּראָטאָקאָלען"! אַ גרויל געהט דאָך אַריבער איבער'ן לייב.

און ער טרעט צו צו די פּראָטאָקאָלען מיט אַ מין סאָרט פּאָעמאַ אין פּראָזאַ:

„די אידישע ליטעראַטור וואַקסט..."

„פּראָבירט רעדען מיט אַ ליאַדע אינגעל, וועט ער דאָס אייך זאָגען. פּראָבירט זיך אַנפרעגען אין אַ אידישער צייטונג וועט מען עס אייך בעשטעטיגען אין „בריעפקאַסטען". פּראָבירט דאָס אַפּליקענטן אַן אנהענגער פון דעם נייעם „לשון קודש", פון אידיש און איהר וועט בעטראַכט ווערען אַלס אַפּיקורס."

„די אידישע ליטעראַטור וואַקסט..."

און מען וועט אייך אָנהעבען רעכענען בנשימה אחת אַ גאַנצען צעטעל פון שרייבער. אויבען אָן, פערשטעהט זיך, איז פרץ: אָהן איהם פאַנגט זיך קיין ליטעראַרישער צענזוס ניט אָן."

— — — — — — — — — — — —

„די אידישע ליטעראַטור וואַקסט..."

„די אידישע ליטעראַטור וואַקסט..."

און אַזוי ווייטער.

נאָך דעם געלונגענעם אָנפאַנג פערקאַטשעט דער העדר קריטיקער די אַרבעל און נעהמט זיך צום פראַקטאָקאָלירען?

דער ערשטער אויפ׳ן פייער איז ביי איהם מ. ווייסענבערג. און עס הייסט — איהר זאָגט: עס זענען דאָ נייע שרייבער, נייע טאַלאַנטען אָט נאָט אייך אייגעם (ווייסענבערג). פרעג איך אייך, מאַכט ער רייכער אונזער ליטעראַטור? און איבערהויפּט, וואָלט ער געווען אויך אַ ציערונג אין אַן אַנדער ליטעראַטור? צו וואָלט מען איהם גאָר געדרוקט אין אַן אַנדער ליטעראַטור? עס טהוט איהם פשוט וועה דאָס האַרץ אויפ׳ן אָרעמען לעזער. העדר ווייסענבערג פרעטענדירט צו זיין אַ רעאַליסט און זעהר זעלטען געלינגט איהם ז אָ ג אַ ר צו זיין אַן אוינפאַכער רעפּאָרטער, זיינע טעמאַס זענען ע נ ט ו ו ע ד ע ר און אַז. וו." „איך גלויב קוים אויב דער פערפאסער קען זיך בעריהמען, אַז ער האָט קאָפּירט ריכטיג כאָטש איין איינציגען, ווירקליך לעבעדיגען, ניט אויסגעטראַכטען מענשען" און כאָטש דער „העדר קריטיקער" רעדט אַליין מיט אַ „זאָגאַר-ענטוועדער" אידיש פון וועלכען עס קערט די גאַל, און זאַצען בויט ער אויפ׳ן על אחת כמה וכמה׳דיגען אופן (אָט איהר זעהט דאָך: „איין איינציגען (!) ווירקליך (!) לעבעדיגען (!) ניט אויסגעטראַכטען (!) מענשען און דערצו נאָך: „קאָפּירט ריכטיג כאָטש" ווען איהם ווילט זיך זאָגען: כאָטש ריכטיג קאָפּירט. און ד. גל. נאָר פון דעסטוועגען נעהמט זיך נאָך אונזער „קריטיקער" טשעפּען צו ווייסענבערג׳ס „עברי" און נאָכדעם, אָט הערט טענות: ווייסענבערג האָט אָנגעשריעבען „אַ שלעכטע פרוי" — טענה׳ט דער „קריטיקער" בזה הלשון: „אין 16טען יאהרהונדערט האָט אַ שרייבער מיט׳ן נאָמען שעקספּיר, להבדיל, בעהאַנדעלט די זעלבע טהעמאַ: — „דהי טיימינג אָוו דהי שראָו" איז אַ קאָמעדי מיט אַ פרוי אַ מרשעת אַלס הויפּט העלדין (!!) איצטערט הערט און שטוינט ווייטער: ווייסענבערג האָט אין זיין: „צום אוידעם אויף קעסט" אַ העלד — מנחם. טענה׳ט דער קריטיקער — גוואַלד, — „דער אַמעריקאַנער פּאָעט מאַרקהאַם איז דאָך געוואָרען בעריהמט מיט זיין ליעד; אין ד י ע ז ע ן ליעד האָט ער פאָר-

געשטעלט אַ מענשען פון מנחמ׳ס טיפּ“ (!) און אפילו אין ווייסענבערג׳ס „אין דער שטיל“, שרייט דער קריטיקער, ווערט אָנגעריהרט אַ טהעמאַ, וועלכע איז בעסער בעהאַנדעלט געוואָרען אין אַטעלאַ (!) און איצטער זאָל זיך דער אויפריכ־טיגער לעזער פרעגען צו וואָלטען (און דאָ געהט דאָס ווידער אַוועק אויף׳ן על אחת כמה וכמה׳דיגען אופן, ביז) — אַזעלכע זאַכען אויך געקאָנט געדרוקט ווערען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור“.

אָט אַזוי שרייבט מען דאָס ביי אונז קריטיק (זעה נומער —— „צו־קונפט“) און איך לייען און טראַכט און דערטראַכט זיך: — אַ מעשה מיט אַ אינגעל, וואָס האָט אָנגעכאַפּט אַ ציג פאַר׳ן עק, די ציג געהט און דער אינגעל שלעפּט זיך נאָך מיט קולות: — מאַמע, גוואַלד! די ציג שלעפּט מיך! די מאַמע קוקט זיך אום, דערזעהט וואָס איהר „תכשיט“ האָט דאָ אָבגעטהון און זי נעהמט מיט כעס שרייען: לאָז אָפּ דעם עק, דו שייגעץ איינער! לאָז אָפּ דעם עק!

---

מען זאָגט:

עס טראָגט זיך פאַרביי אַ קאָמעט און שיינט און גלאַנצט און נאָך דעם — פרעגט שוין ניט —.

און אָט דעריבער טראַכט איך אַזוי אָפט און טראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען דער „בונד“ וואָלט נאָך אַלץ געגלאַנצט, און די בחורים, וועלכע פראַנטעווען איצט פאַר אונז מיט זייער בקיאות אין דער וועלט־ליטעראַטור און מאַכען אונז קאַליע די לופט מיט דעם ניט איינגענומענעם ריח פון זייערע „קריטיקען“ וואָלטען בעסער געווען פערנומען מיט פערשפּרייטען פּראָקלאַמאַ־ציעס און אַגיטירען! אַזוי אָבער, זאָל גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד... הויבט זיך ערגעץ אַ „יונגער לאַסאַל“ אָן אַן ארטיקעל מיט אַ גאַנץ שעהנער ציטאַטע פון „דעם בערימטען פראַנצויזישען קריטיקער סען ביאָוו“ און נאָך דער ציטאַטע נעהמט ער זיך שוין אַליין אויך צו זיין אַ קריטיקער און איהר זעהט דער בחור בריהט זיך, פּרואווט זיך אויפהויבען זיין קאָפּ העכער ווי זי איז ביי איהם אויסגעוואקסען אָבער דאַן, ווי אַלע מאָל אין אַזאַ פאַל, קומט מעהר ניט ארויס ווי אַ פראַזע פון א פראַזיאָר. עס האַנדעלט זיך וועגען לעסינגען פון וועלכען עס איז נאָך אַזוי וויניג געזאָגט געוואָרען, וועמעס נאָמען איז פאַר אַ סך ווי אַ פולער טייך וואָס העבט זיך פון די ברעגען, ווי אַ ים־שוים פון וועל־כען עס בויען זיך אויס היימישע הייזער און גאַסען און געסלאַך, אָבער אונזער קריטיקער ציהט זיך אַלץ און דרעהט זיך אַרום זיין טהעמאַ „ווי אַ בלינדע קאַץ

אַרום אַ שיסעל סמעטענע" צו וועלכער זי קאָן ניט צוקומען. און אַלעס, וואָס מיר געדענקען פון זיין אַרטיקעל איז — ער האָט אונז דערצעהלט: איך האָב געלעזען דעם בערימטען פראַנצויזישען קריטיקער!

נאָר אַזוי ווי ער האָט זיך דאָך פאָרט גע'בריה'ט צו זאָגען גוטס וועגען אַ אידישען דיכטער, קאָן מען זיך נאָך אפשר מאַכען ניט וויסענדיג, און די רע־דאַקציאָן פון'ם צווייטען זאַמעלבוך „ליטעראַטור", וועלענדיג אויסדריקען איהר־אַכטונג צו לעסינ'ס טאַלאַנט, (ווען מען ליעדער שטעהען שוין אַזוי פיעל יאָהרען אויף'ן „אין קורצען וועלען ערשיינען" צעטעל, און ערשיינען נאָך אַלץ ניט.) אויב זי האָט ניט געקאָנט קריגען קיין בעסערען אַרטיקעל, און אויב קיין אַנ־דער, וויכטיגערען אַרטיקעל האָט די רעדאַקציאָן אויך ניט געהאַט ביי דער האַנט, האָט זי דאָס אפשר בשעת הדחק געמעגט אָפּדרוקען.

באַלד אָבער נאָך דעם שפּרינגט אונזער „יונגער לאַסאַל" אַרויס אין דער „צו־קונפט" מיט אַ „קריטיק" וועגען די „יונגע" און צורעדט זיך ווי פון היץ, מיט זיין עכט דעליטאַנטישער פּראַזיאָלאָגי: „יונגע"! „דעקאַדענטען"! „שורות־טאַ־אַנטען" און אַזוי ווייטער און ווייטער און שטעלט פאָדערונגען, און פרעגט שאלות. און עפּעס אַלץ אין אַלגעמיין און מיט אַזאַ טאָן, אַז איך גיב ניט וועלענדיג אַ טראַכט: — נו יאָ, סען ביאָוו איז טאַקע דער בעריהמטער פראַנצויזישער קריטיקער, אָבער דו, קאָלעגאַ, דאַרפסט דאָך אַזאַ נאַרישער חצוף ניט זיין. און אויב דו מיינסט, אַז דו האָסט עפּעס צו זאָגען, האָסטו זיך דאָס געמעגט פּרוּאווען דערווייזען און ניט אויסבעהאַלטען דיין גראָביונגעריי דורך דעם וואָס דו בלאָזסט זיך אָן און נעהמסט רעדען אין אַלגעמיין און דערצו נאָך מיט אַזעלכע פראַזען, וואָס פּאַסען זיך אַזוי גוט פאַר דיר אַליין.

דרך ארץ! דרך ארץ, רב „יונגער לאַסאַל"!

---

און אַט האָט זיך נאָך איינער צורעדט וועגען דעם „קריזיס אין דער אידישער ליטעראַטור" (איד. אַרב. וועלט, 11—210, פון דעם יאָהר). און אויב דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, ווי יענער אינגעל אָן דער ציעג'ס עק, איז אַ כלומרשט'ע „צנא מלא ספרא", איז דער צווייטער אַ דעליטאַנט, וואָס רייסט זיין קאָפּ העכער ווי ער איז ביי איהם אויסגעוואַקסען; און איבער דעם קאָן מען ביי איהם געפינען אַ פראַזע, וואָס איידער איהר קוקט זיך אַרום אויף דער פּוסטקייט, וואָס אַרום איהר, קענט איהר אויף אַ ווילע מיינען, אַז דאָס איז ניט אַנדערש אָסקאר וואַילד אַליין, — איז אָבער דער איצטיגער „קריטיקער" אַזעלכער, וואָס צייכענט

זיך אויס בלויז מיט זיין אונענדליכער טפשות. טאקע בלויז דאָס און ניט מעהר. מיט דעם אייגענעם אָטהעם און מיט דעם אייגענעם טאָן האָט דער יונגערמאַן פריהער אַליין געפּרואווט שרייבען ליעדער, ערצעהלונגען און אויך פעליעטאָנען, און ווען די רעדאקטאָרען איז דערעסען געוואָרען אָט די סאָרטען שאַפונגען פון זיין פעדער, האָט זיך דער יונגערמאַן מיט דעם אייגענעם אָטהעם גענומען שרייבען „קריטיקען“ און „אָפּהאנדלונגען“. און דאָס, פערשטעהט זיך, איז שוין פאַר אונזערע גענאָסענשאַפטליכע רעדאקטאָרען אַ גאַנץ אנדער זאַך, ווייל קריטיק הייסט דאָך ניט מעהר, ווי די מיינונג פון קריטיקער איבער דעם אָדער יענעם שרייבער, און מיר זיינען דאָך אַלע ברוך השם ראַדיקאַלע מענשען און מיר האלטען דאָך פון פרייער פּרעסע, און פרייע פּרעסע הייסט דאָך, אַז יעדער האָט אַ רעכט אויף זיין מיינונג, — איז פאַר וואָס זשע זאָל אַ מענש, וואָס איז געווען אַ בונדיסט און איז אַ שטילער און קיין בייגעל פון מארק האָט ער חלילה אויך ניט גע'גנב'עט, טו פאר וואָס זשע זאָל אַזאַ מענש ניט האָבען קיין רעכט אויף זיין מיינונג?... און דער בחור, וואָס איז, נעבעך, דורך און דורך פּוסט, נעהמט זיך מיט זיין נאַריש, צוצויגען אָטהעם שרייבען וועגען ווערכאַר'ן, וועגען "אונזער אידישער ליריק“, וועגען קנוט האמסון און וועגען „קריזיס אין דער אידישער ליטעראטור“. און, מערקווירדיג, ווי אונזערע בונדיסטען טרעפען זיך צונויף מיט זייערע טענות און שאלות! אויך ער פרעגט אויב אונזער ליטעראטור „געהט אויך אַריין אין דער משפחה פון די וועלט־ליטעראטורען?“ און עס פערשטעהט זיך, אַז „אויף דיעזער פראגע מוזען מיר געבען אַן ענטפער: „ניין!“ „מיר ריידען, מיר האלטען אין איין טראָמפּייטערען, אַז אונזער ליטעראטור וואקסט אונגעהויער גרויס“. — ניט אמת? וואָס'ער אַ זאָנדערבאַרע צוזאַמענטרעפונג מיט'ן שרייבער פון „די אידישע ליטעראטור וואקסט! די אידישע ליטעראטור וואקסט!“ — און ווען דער בחור קומט אַריבער צו „די יונגע“, דאַן איז די עהנליכקייט נאָך אויגענשיינליכער, ווייל אויך ער ווייסט צו דערצעהלען, אַז די יונגע קאָנען גאָר ניט און ווייסען גאָר ניט, און ער ווייסט שוין דערפאר אויך צו דערצעהלען, אַז זיי זיצען ביי שלום'ען אין קאַפע און לאַכען זיך אויס פון די אייראָפּעאישע שרייבער, כאָטש זיי קאָנען גאָר ניט די שפּראכען, אויף וועלכע יענע שרייבען...“ (און וואָס דער חכם מיינט דאָ מיט די פּינטעלעך ווייסט שוין איין גאָט דער לעבעדיגער). און היינט ווייסט ער, אַז בעל־מחשבות האָט געלויבט דעם צווייטען זאַמעלבוך „ליטעראטור“, וואָס די יונגע האָבען אַרויסגעגעבען. איהם אָבער מאַכט דאָס צום לאכען, ווייל זיין מיינונג

איז, ווי די מיינונג פון דעם „יונגען לאַסאַל“, אַז אין דעם זאַמעלבוך איז ניטאָ און אַז. וו., אַז דער זאַמעלבוך האָט ניט און אַז. וו. און וו.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַלע גייסטיגע נישטען, וואָס שרייבען ביי אונז קריטיק, איז, וואָס זיי קריטיקירען ניט ספּעציעל די אָדער יענע זאַך, נאָר זיי רעדען אין אַלגעמיין, ווייל אויפצואווייזען, אַז די אָדער יענע זאַך איז גוט אָדער שלעכט דאַרף מען דאָך קאָנען, איז דעריבער דער בעסטער וועג זיך אַנצובלאָזען אויף ניט געשטויגענע מאַסשטאַבען און רעדען אין אַלגעמיין: — אַז די היינטיגע שרייבער האָבען אין זיך ניט דאָס און דאָס, אַז זיי דערצעהלען אונז ניט פון דעם און דעם. און אַזוי קען מען זיך דאָך גאַנץ געמיטליך אָוועקרעדען ביז אין ווייסען טאָג אַריין און עס הייסט: אי דעם טאָן פון אַ נביא אויסגעהאַלטען, אי אַ קריטיקער געוואָרען, און צו דער אייגענער צייט אויך געלערענט דעם אָרימען ארבייטער אין הלכות ליטעראַטור.

עס פערשטעהט זיך, אַז אין אַזא פאַל איז פאַראַן אַ געפאַהר, אַז אומיצער קאָן נאָך אָנכאַפּען פאַר'ן האַנד און זאָגען: גוטער ברודער, דו ביסט דאָך איינפאַך אַ גראָבער יונג, אָדער גלאַט אַ שאַרלאַטאַן, ווייל אין יענעם בוך ווערט דאָך טאַקע יאָ דערצעהלט פון דעם און פון יענעם, מעגליך אַז דאָס איז שלעכט אָדער ניט גוט־גענוג דערצעהלט, אָבער דו האָסט דאָך ניט געהאַט קיין רעכט צו זאָגען, אַז וועגען דעם ווערט גאָר ניט דערצעהלט און דערצו נאָך זיך נעהמען די חוצפּה צו זידלען, פאַר וואָס עס ווערט דאָרט וועגען דעם ניט דערצעהלט?!

איז דער תירוץ — ווער פון די פּאָר אויבען־דערמאָנטע קריטיקער איז דאָס ניט קיין גראָבער יונג? זיי זיינען דאָך אַלע פון דעם סאָרט גראָבע יונגען, וואָס אפילו ווען זיי זאָלען אין זיך איינשלינגען אַ גאַנצען אוניווערזיטעט, און ניט נאָר די ציגעל און שטיינער פון וועלכע דער אוניווערזיטעט איז געמאַכט, נאָר אפילו ווען יעדער פון זיי זאָל אויפפרעסען אַ לעבעדיגען פּראָפעסאָר, וועלען זיי דאָך שוין אַלץ אינטעליגענטער ניט ווערען. ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך אינטעליגענץ, בעזונדער די אינטעליגענץ, וואָס מען דאַרף האָבען פאַר אַזוינע ענינים, ניט בלויז אַ זאַך, וואָס מען קאָן זיך אויסלערנען פון די ביכער. און בנוגע שאַרלאַטאַנסטוואָ וועל איך שוין אַליין געהן שווערען פאַר דעם לעצטען, אַז ער איז דאָס ניט. ס'איז גלאַט אַ מענש, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג. און ער שרייבט ניט, חלילה, דערפאַר ווייל איהם טהוט הנאה אָדער איהם פערדריסט שטאַרק די אָדער יענע זאַך, נאָר גאָר ניט, אַ מענש פוילט זיך צו טהאָן עפּעס אַן אַרבייט, און ס'איז איהם „סקוטשנע“, און דרוקען דרוקט מען — שרייבט ער.

עס פערשטעהט זיך, אַז די דריי יונגע לייט, וועגען וועלכע איך האָב דאָ געמאכט די פּאָר־בעמערקונגען, זיינען חלילה ניט די ערשטע און ניט די לעצטע, וואָס געניסען פון דער גראָב־יונגרישער הפקרות וואָס הערשט אין אונזער היעגער אידישער פּרעסע, נאָר ווער קען זיי דאָס גאָר אַלע אויסרעכענען?! און ווייטער, אויב מיר וועלען דאָס געפינען פאַר נויטיג, וועלען מיר אונ׳ם קומענדען זאַמעלבוך געבען אַ גאַלעריע פון אונזערע ראַדיקאַלע „רעדאַקטאָרען־קריטיקער", וואָס איז נאָך אַ סך, א סך „חן׳עוודיגער". יעדער ראַדיקאַלער רעדאַקטאָר רעכענט זיך דאָך ביי אונז פאר אַ מושל און מושלם אין אַלץ, בעזונדערס ווען עס קומט צו קריטיק איבער ליטעראַטור. און דערצו נאָך איז דאָס ביי זיי אָפט אַ פראַגע פון בעקוועמליכקייט, ווייל אונטער דער מאַסקע פון „קריטיק" פיהרען זיי אָפט זייערע פּערזענליכע חשבונות מיט דעם אָדער יענעם שרייבער.

און אַט אונטער אַזעלכע אומשטענדען געפינען זיך נאָך מענשען, וואָס שרייבען, און שרייבען זעלבסטשטענדיג, אויף זייער אייגענעם אופן און אויף זייער אייגענער אחריות!

ד. א.

---

## די „אַלטע" און די „יונגע"

נאָך דעם מוסטער פון אַלע גרויסע ליטעראַטורען האָט מען זיך אויך ביי אונז אָנגעגורט די לענדען געגען די „יונגע". מען וויל ניט אָפּשטעהן פון „זיי". ביי „זיי" איז עס אַן אַלטער איינגעוואָרצעלטער מנהג, אַז דאָס אָנקומען פון די נייע ווערט בעגעגענט מיט אַ מהומה אין לאַגער פון די אַלטע, — איז דעריבער אויך ביי אונז, און יעדער איינער וועלכער דענקט פון זיך אַלס ריטער פון הייליגען גייסט און בלאָזט פון זיך אַ וואוילגעלערענטען האָט אָנגעגורט זיינע לענדען און איז אַרויס אין פעלד געגען די „יונגע".

אין דער אמת׳ן אָבער, ווען ניט די זלזולים פון אונזערע זעלבסט געקרוינטע קריטיקער, וואָלט עס גאָר ניט געקומען דערצו אַז די יונגע זאָלען זיך אָבטיילען אין אַ בעזונדער גרופּע, ווייל ניט די אַלטע האָבען בעוואוסטזיניג פערטראָטען אַ בעשטימטע ריכטונג אין דער ליטעראַטור און ניט די יונגע האָבען פּרעטענדירט צו שאַפען אַ נייע שולע. עס איז צוגעגאַנגען אָהן פּראָקלאַמירונגען, אָהן קריעגס־ערקלערונגען, ווי דער שטייגער איז אין אַזאַ פאַל. פון וואַנענט־זשע נעהמט זיך אָט דער גאַנצער טומעלדיגער געשריי? — גלאַט אַזוי, ווייל טומפּקעפּיגע האָט זיך פערוואָלט שאַרפזיניג ווערען און ענטדעקען און וואָרענען פאַר א געפאַהר, און דערוויל זיך איבען אין „גרויסען" סטיל און דערווייזען,

אַז זיי קאָנען זיך האַלטען ווי גרויסע, און אויך דערפאר ווייל זיי האָבען נאָכגעגעבען דער שטימונג פון די הערשענדע ליטעראַרישע קראַמען, וואו עס טאָר גאָר קיין רעד ניט זיין פון אַ זעלבסטשטענדיגען ליטעראַרישען שאַפען, וואו די שרייבער־נשמה לאָזט זיך טאָג טעגליך פערגוואַלדיגען פון דעם ערשטען בעסטען קונה, וואו אַלע הייליגקייטען ווערען בערויבט פון זייער ריינקייט און פערביליגט, כדי בעסער צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די פארבייגעהער אין גאַס.

און דער פועל יוצא פון דעם איז געוואָרען — די יונגע האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז ניט אומזיסט קריצט מען אויף זיי מיט די ציינער, אַז זיי זיינען ווי אַ דאָרן וואָס שטעכט יענע די אויגען, אַז זיי פערמאגען אין זיך אַ רייכקייט וואָס יענע האָבען שוין לאַנג אָנגעוואָרען, אָדער האָבען עס אפשר גאָר קיין מאָל ניט געהאַט — דעם ערענסט אין שאַפען. גרויס אָדער קליין זיינען די טאַלאַנטען פון די יונגע, אָבער זייער פּראָדוקט איז געהייליגט און געווידמעט דער אידעע פון קונסט, אַ זאַך וועלכע קלינגט שוין פאר יענע אין גאנצען פרעמד.

און אָט אַזוי איז געוואָרען אַ גרונד אונטערשיעד צווישען די „אַלטע“ און די „יונגע“. די צושיידונג איז דערוויל כמעט אַן אונבעוואוסטע, נאָר עס מערקט זיך אַ שטימונגס ווייטקייט און דער מהלך וועט אַלץ וואַקסען און וואקסען אין דער מאָס ווי מען וועט זיי בעקעמפפען, מיט דירעקטען אָדער מיט פערשטעלטען האס, מיט פערשרייען און פערשפּאָטען, אָדער מיט זייער ליעבסטען מיטעל: „טרייען“ אַרויסשטויסען פון מאַרק. עס מאַכט ניט וואָס דער אָנפאַנג איז אַזוי קליין; עס האָט שוין געטראָפען, אַז פון נאָך קלענערע שפּראָצונגען און פון נאָך קלענערע נפקא מינה׳ס האָבען זיך אויפגעצווייגט פרוכטברע ריכטונגען פון בלייבענדער ווירקונג און דויערענדער קראַפט. עס פאָדערט זיך נאָר, אַז די סבה, וועלכע האָט דאָס אַרויסגערופען זאָל אָנהאַלטען מיט איהר טרייב־קראַפט, און פאַר דעם וועט שוין דער ליעבער גאָט זאָרגען און די האַרציגע אידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַרישע אַטמאָספערע. X

---

צום יובילעאום פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

היינט איז שוין אַנדערש. היינט זיינען שוין דאָ מעהרערע אינטעלעקטועלע כחות אין דעם אידישען פאָלק וועלכע ליעבען זייער פאָלק, קעמפפען פאר זייער פאָלק און אָפּפערען זיך פאַר זייער פאָלק. היינט איז שוין דאָ אַ התחלה פון אַ נייער אידישער קולטור, היינט איז שוין דאָ אַ יוגענד וואָס ליעבט די אידישע

שפּראַך, די אידישע פאָלקסלאָר, די אידישע ליטעראַטור. היינט זיינען שוין דאָ ניט ווייניג אידען צווישען די ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען ניט קיין מורא צו פּערעפענטליכען זייער „אני־מאמין“, אַז זיי זיינען אידישע סאָציאַליסטען. היינט איז שוין געוואָרען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך צו בעגעגענען אידישע יונגע לייט, רעוואָלוציאָנערען וועלכע פיהלען די גייסטיגע און פיזישע ליידען פון זייער פאָלק און וועלכע האָפען און טרוימען פון אַ ליכטיגער צוקונפט פאַר זייער פאָלק.

אָבער ס'איז געווען אַ צייט ווען מיט אידיש האָט מען זיך געשעהמט, צו דעם אידישען לעבען, צו דער טראַגעדיע פון דער אידישער ווירקליכקייט האָט מען זיך ניט צוגעקוקט אָדער געווען גלייכגילטיג! עס איז געווען אַ צייט ווען אין ראַדיקאַלע קרייזען האָט מען געפּרעדיגט אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך אַסימי־לירען. עס זיינען געווען אידישע קינדער וואָס האָבען אַליין געהאָלפען גראָבען דעם קבר פאַר אַ פאָלק מיט אַזאַ וואונדערדרייכע געשיכטע, מיט אַזאַ הערליכער מאַרטירעלאָגיע. און דר. זשיטלאָווסקי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעוואָרפען דעם נאַציאָנאַלען פלאַם אין די הערצער און מוחות פון די פערפרעמדעטע קינדער פון אידישען פאָלק. אַ גייסטיגער ריעז, האָט ער זיך אויפגעהויבען איבער דעם שטראָם פון יענער צייט, דער ערשטער אויפגע־הויבען די פאָהן פון ראַדיקאַלען נאַציאָנאַליזמוס.

ער איז געווען דער ריענייגער וועלכער האָט דעם ערשטען שטיין געלעגט און מיט דער הילף פון אַנדערע אויפגעבויט און פערפעסטיגט דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַ־לען געדאַנקען. אַזוי ווי „מענדעלע'ס“ ווערטה פאַר דער אידישער ליטעראַטור, אַזוי איז דר. זשיטלאָווסקי'ס ווערטה פאַר דעם אידישען פאָלק. מענדעלע איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבען שרייבען אידיש און שאַפען ווערק לשמה, צוליעב דער ליטעראַטור גופא, אָהן וועלכע הינטער־אורזאַכען. דר. זשיט־לאָווסקי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבען צו פּרעדיגען דעם ראַדי־קאַל־נאַציאָנאַלען געדאַנקען אַלס אַ בעזונדערען קולט, אַלס אַ „ווערטה“ אַן־און־פאַר־זיך. ער האָט ניט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיסען, ער האָט ניט אויסגע'חקירה'ט ענטשולדיגונגען פאַר זיינע אידעען, ער איז ניט געווען קיין „מאראנא“ ווי אַנדערע פאַר איהם.

זיין איינפלוס אויף דער סאָציאַליסטישער וועלט, זיין השפעה אויף די אי־דישע דענקער אין די ראַדיקאַלע קרייזען וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דעם נאַציאָ־נאַל־פּראָבלעם? — ווער קען עס ריכטיג אָבשאַצען דערוויילע, ווער קען דאָס דען אָבוועגען און אָבמעסטען. די געביידע וועלכע ער האָט אָנגעהויבען האַלט זיך נאָך אין בויען, און ווערען שטאַרקער און שטאַרקער.

פינף־און־צוואנציג יאָהר טהעטיגקייט פייערט יעצט דר. זשיטלאָווסקי. און מיר די „יונגע“ אין אַמעריקאַ בעגריסען איהם מיט אַ האַרציגען וואונש אַז לאַנג זאָל ער לעבען און ווירקען פאַר דאָס אידישע פאָלק, פאַר אונזער קולטור. מיר פיהלען אין דר. זשיטלאָווסקי אונזערען אַ נאָהענטען, אויב ניט דעם נאָהענטסטען. ניט זעלטען האָבען מיר ניט איינגעשטימט מיט דר. זשיטלאָווסקי׳ס בליק אויף דער ליטעראַטור, זיינע ליטעראַטור־מיינונגען זיינען ניט געווען אונזערע, זיין קונסט־געשמאַק איז אונז גאַנץ אָפט געווען פרעמד, אָבער עטוואָס גרעסערעס, עטוואָס שטאַרקערעס האָט אונז פערקניפּט מיט איהם. ער איז געווען און איז די פערקערפּערונג פון פיעלע פון אונזערע לעבעדיגע חלומות, פון אונזערע גליהענדע האָפענונגען. ער איז די נשמה פון אונזערע נשמות.

מיר געדענקען: עס איז געווען אַ צייט ביי אונז אין אַמעריקאַ, ווען אַ שאַנד־פלעק איז עס געווען צו זאָגען אין די אידישע „אינטעלעקטועלע“ קרייזען אַז מען איז אַ איד, אַז מען פיהלט זיך פערבונדען מיט דער פערגאַנגענהייט און מיט דעם א י צ ט פון אונזער פאָלק. עס איז געווען אַ צייט, ווען אידישע שריפטשטעלער — פון די גרעסטע, פון די בעליעבטסטע — האָבען מיט אַ ציניזמען אונרעספעקט געקוקט אויף דער אידישער ליטעראַטור, מיט אַ לצנות זיך בעציהגען צו דער אידישער שפּראַך. אייניגע זיינען דאַן געווען, אפשר אַ פּאָר נור פון די אידישע שריפטשטעלער וועלכע האָבען אויף דער אידישער שפּראַך געקוקט ווי אויף אַ קינסטלערישען אינסטרומענט. אַ פינסטערניס איז געווען אַרום, שווער איז געווען דער קאַמפּף פאַר די אייניגע, פערהילכט און פערטויבט זיינען זיי געוואָרען פון די חוזק־געשרייען און דורך דער דונקעלהייט האָבען זיי זייער וועג געטאַפּט.

און דר. זשיטלאָווסקי איז געקומען. וואָס פאַר אַ מערקווירדיגען איינדרוק ער האָט געמאַכט גלייך ביי זיין ערשטען אויפטריט. וואָס פאַר אַ גערודער זיינע רעפעראַטען וועגען מאַרקסיזם האָבען דאָ פעראורזאַכט, וואָס פאַר אַן איבערקעהרעניס אין די מוחות פון קוואַרטאַל. און ווער קען פערגעסען דעם שטורעם וואָס זיינע רעפעראַטען וועגען נאַציאָנאַליזם האָבען אויפגעוועקט. די לופט האָט זיך אָנגעהויבען רייניגען. אַ נייער גייסטיגער לעבען האָט זיך אָנגעצונדען און די פאָרשטעהער פון עם־הארצות האָבען זיך בעהאַלטען אין די שאָטענס פון זייערע ד׳ אמות.

יעדער חכמה, האָבען מיר ערגעץ־וואו געלעזען, האָט איהר נגון, איהר מעלאָדיע, און יעדער גייסטיגע פערזענליכקייט האָט זיין נגון, זיין מעלאָדיע. וויפיעל טענער, וויפיעל קלאַנגען פון זיין אינערליכקייט, פון זיין נשמה האָט

דר. זשיטלאָווסקי אונז איבערגעגעבען. וויפיעל געגוס מיר האָבען געהאַט פון זיינע רעדען און שריפטען. וויפיעל מוטה און גלויבען ער האָט אונז אינדירעקט אריינגעאָטהעמט אין אונזערע הערצער, וויפיעל זיכערהייט און גלויבען אין אונזערע אייגענע חלומות, אין אונזערע אייגענע האָפענונגען. מאָמענטען פון ספיקות האָבען מיר אָפט איבערגעלעבט, און ווען ניט ווען נאָך איצטער, ווייל ניט אַלע מאָל זיינען מיר שטאַרק גענוג אנטקעגען דעם וואָכעדיגען תהו ובהו פון אונזער היגען לעבען.

און ווי אַן עמוד האש איז ער פאַר אונז געוואָרען. ער מיט זיין גרויסען גלויבען, ער מיט זיין כמעט איבערמענשליכע פערטרויאונג אין די כחות פון אידישען פאָלק, אין דעם בעהאַלטענעם גליקליכען שיקזאַל פון אונזער אומה, איז אונזער שטאַרקונג געווען, אונזער אויפמונטערער. אונבעוואוסט פאַר איהם אַליין האָט ער אונז צו שעפפונג געוועקט, אונבעוואוסט פאַר איהם אַליין האָט ער אונז געהאָלפען אין אונזערע דיכטונגען און שריפטען.

מיר עהרען און שעצען דיר, דו אמת'ער אידישער גבור, דו אונאויפהערליכער קעמפפער פאַר אונזער פאָלק און קולטור. מיר גיבען דיר כבוד צו דיין 25-יאָהריגען יובילעאום און זיינען שטאָלץ דערמיט וואָס מיר האָבען וועמען אַזאַ כבוד צו געבען.

ם.

---

צווישען אייגענע:

א. זעלדין האָט פערענדיגט אַ דראַמע אין פיער אקטען פון אַמעריקאַנער לעבען, אונטער'ן נאָמען "מאַן און ווייב".

מ. י. חיימאָוויטש שרייבט איצט אַ ראָמאַן פון היגען לעבען מיט'ן נאָמען „דער אינדיאַנער זומער".

מ. ל. האַלפערן האָט פערענדיגט זיין פּאָעמאַ „דע-לאַ-העסטער", פון וועלכער עטליכע קאַפּיטלעך זיינען שוין געדרוקט געוואָרען. אין גיכען וועט עס אַרויס אין בוך-פאָרם.

אין גיכען וועט אויך אַרויס אַ זאַמלונג פון י. אָפּאַטאָשו'ס ערצעהלונגען אונטער'ן נאָמען „אויף יענער זייט בריק", וואוהין עס וועט אויך אַריין דער „ראָמאַן פון אַ פערד-גנב".

## ערקלעהרונג:

דאָס איצטיגע בוך „שריפטען“ ערשיינט אין אַ זעהר בעגרענצטער צאָהל. דאָס, פערשטעהט זיך, וועט אַן איבריגען מאָל געבען די מעגליכקייט אונז צו „זידלען“, אַז מיר זיינען דאָך גאָר אַריסטאָקראטען, אַז מיר האָבען דאָך גאָר ביט ליעב דעם לעזער.

נאָר דאָס איצטיגע בוך געהט אַרויס אין אַזאַ בעגרענצטער צאָהל, ווייל דאָס האָבען מיר געלערענט פונ׳ם פערקויף פון די פריהערדיגע זאמעל־ביכער.

---

די זאַמעל־ביכער „שריפטען“ וועלען אַרויסגעהן פון צייט צו צייט.

די זאַמעל־ביכער וועלען זיך אָבגעבען הויפטזעכליך מיט דרוקען גרעסערע זאַכען.

אין דעם צווייטען בוך געהען אַריין:

„ברוך“ — אַ ראָמאַן פון אַמעריקאנער לעבען, פון דוד איגנאַטאָוו; אומגעפעהר 15 דרוק־בויגען.

„פיליפ“ — אַן ערצעהלונג פון אמעריקאנער באלאגאן־לעבען, פון י. אפאטאָשו.

„די בעלעטריסטען“, פון ר. אייזלאנד. — א פאָרטזעצונג פון זיין ארטיקעל „די יונגע“.

ליעדער פון מ. ל. האַלפערן, י. י. שוואַרץ און מ. באַסין.

באַלאַדען — „מעשה־ליעדער“ — פון מאַני לייב.

אַרטיקלען: פון פרץ הירשביין, „די דראַמאַ און דאָס טהעאַטער“, און „וועגען דער אידישער ליטעראַטור“ פון דוד פינסקי. און אויך, אויב ס׳וועט זיך אונז איינגעבען צו קריגען, אַן ארטיקעל וועגען דער אידישער ראָמאַנטיק.

דער צווייטער זאַמעל־בוך וועט בעדייטענד פערגרעסערט ווערען.

די זאַמעל־ביכער ווערען רעדאגירט פון דוד איגנאַטאָוו.